STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04170

HELDN UN KORBONES FUN DER IBERGANGS-TSAYT

O. Rapoport

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ראַפּאָפּאָרט

העלדן און קרבנות

— פון דער —

איבערגאַנגס־צײַט

פאַרלאַג „פריינט פון דער יידישער ליטעראַטור"
אין מעלבורן

מעלבורן 1949

HEROES AND VICTIMS OF THE TRANSITION PERIOD

by O. Rapoport

(All Rights Reserved)

Copyright: "Friends of the Jewish Literature,"
Melbourne, Australia.

Printed by A. Maller, Excelsior Printing Works,
634 Burwood Road, Hawthorn East

I

היימישע געשטאַלטן

אריינפיר

די עיקרדיקע אידייאישע שטרעמונגען אין דער יידישער ליטעראַטור

קוקן מיר אויף דער יידישער ליטעראַטור פון דער הויך, ווערן פאַר אונז קאַנטיק סכעמאַטיש, דערפאַר אָבער אויסער־געוויינלעך בולט, אירע עיקרדיקע אידייאישע טענדענצן. אַ סך אינדיווידועלע, און דעריבער כּלומרשט סתירהדיקע דעטאַלן ווערן פאַרלוירן פון אויג, ווי עס ווערט פאַרשוואונדן פון אויג, ווען מען קוקט פון דער הויך, די שפּיל פון די כוואַליעס, וואָס יאָגן זיך אין פאַרשידענע זייטן, און עס טרעט בולט אַרויס פאַר אונז די אמתע ריכטונג פון דעם טייכס שטראָם.

אין וואָס־זשע באַשטייען די עיקרדיקע אידייאישע שטרע־מונגען פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, אויב מען זאָל קוקן אויף איר פון דער הויך, פון פויגל־פלי־הויך?

ערשטנס, איז זי אַ ליטעראַטור פון קאַמף קעגן אַלטן, קדמונימדיקן לעבנס־שטייגער פון די יידישע מאַסן, און צווייטנס, איז זי אַ ליטעראַטור פון קאַמף פאַר דער גייסטיקער ירושה פון פאָלק. אַלדאָס לעבנס־פעאיקע, אַלדאָס ווערטפולע, אַלדאָס עכט־שעפערישע אין אונזער ליטעראַטור האָט אַזאַ אָדער אַן אַנדער שייכות צו די דאָזיקע צוויי פּראָבלעמען, וועלכע שטייען אויפן סדר־היום פון אונזער פאָלקס־לעבן שוין באַלד דריי פערטל יאָרהונדערט און וועלכע זענען נאָך אויך היינט די צאַפּלדיקסטע פּראָבלעמען אין אונזער יידישער ליטעראַטור, אויף וויפיל זי פאַרנעמט זיך נאָך, אין איר איצטיקן אַנעמישן צושטאַנד, מיט אידייען־קאַמף.

י. ראַפּאַפּאָרט

* * *

די יידישע ליטעראַטור איז אויסגעוואָקסן פון דער השכלה־באַוועגונג. דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים (1836 — 1917), האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אַלס משכיל: דאָס פאָלק נויטיקט זיך אין בילדונג, — הייסט עס, אַז מען דאַרף אים בילדן אויף יענער שפּראַך, וועלכע ער באַהערשט, אויף זשאַרגאָן (אַזוי האָט מען דאַן גערופן די יידישע שפּראַך, ווי מען קאָן דאָס נאָך אויך היינט הערן אין אַזעלכע שטעט, ווי שאַנכיי, וואו דאָס יידישע לעבן, אָדער ריכטיקער: דער יידישער באַוואוסטזיין, איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן מיט א 30 — 40 יאָר צוריק און איז נישט געגאַנגען פאָראויס, הגם צוריק — יאָ); און אויב מען דאַרף בילדן דאָס פאָלק, — איז נויטיק צו צעשטערן די באַסטיליע פון רעליגיעזע פאָראורטיילן, וואָס צוימען דעם וועג צו בילדונג. און די העברעאישע שרייבער־משכילים זענען אריבער צו זשאַרגאָן און האָבן גענומען שטורעמען די פעסטונגען פון יידישן רעליגיעזן פאַנאַטיזם.

מיטן דאָזיקן וועג איז געגאַנגען אויך דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע. ער איז געגאַנגען מיטן וועג פון די עלטער־זיידעס פון דער יידישער ליטעראַטור, בלויז מיט דעם אונטערשיד, וואָס די עלטער־זיידעס פון דער יידישער ליטעראַטור זענען נישט געגאַנגען ווייטער פון השכלה, און זייערע יידישע ווערק האָבן געטון זייער קליינטשיקע משכילישע ארבעט — אויסלאַכן דאָס אַלטע, אָבער זיי האָבן געהאַט א קנאַפּן ווערט אין זין פון ליטעראַטור־שאַפונג, כדי צו קאָנען בילדן א סאָלידן פונדאַמענט פאַר א שעפערישער ליטעראַטור. בלויז מענדעלע, מיט זיין גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט (און א קינסטלערישער טאַלאַנט האָט אומפאַרמיידלעך די איינגנשאַפט טיף אריינצובליקן אין דער נשמה פון אויסערלעכע דערשיינונגען), איז אריבערגעוואַקסן די משכילישע גרענעצן, מיט

וועלכע ער גופא האָט צוערשט באַגרענעצט זיין ליטעראַרישן שאַפן.

אָבער אויך אין דער עכטער ליטעראַטור, וואָס די השכלה האָט אַרויסגערופן צום לעבן, האָט געהערשט דער גייסט פון דער משכּילישער קריטיק. און אַנדערש האָט גאָרנישט גע־קאָנט זיין. ליטעראַטור, האָט מען ליב צו זאָגן, שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן. דאָס איז אָבער ריכטיק נאָר אין אַ באַשטימטער מאָס: די ליטעראַטור שפּיגלט נישט אָפּ דאָס לעבן, ווי אַ שפּיגל, פּאַסיוו, קאַלט, נאָר ווי דאָס לעבעדיקע באַוואוסטזיין, וואָס אין פּראָצעס פון אָפּשפּיגלען שאַצט עס אָפּ, באַיאָט אָדער פאַרניינט. ליטעראַטור דאָס איז אַ שפּיגל פּליוס אָפּ־שאַצנדיקער באַוואוסטזיין אין איין פּראָצעס. די יידישע ליטע־ראַטור, געבוירן פונם קריטישן באַוואוסטזיין, אַז אונזער לעבן דאַרף איבערגעפורעמט ווערן, האָט אומבאַמערקט פאַר זיך גופא גענומען אָפּשפּיגלען דאָס דאָזיקע לעבן אין זיין פולקייט און, אָפּשפּיגלענדיק, אָפּגעשאַצט און קריטיקירט אַלץ שטאַר־קער און שטאַרקער. פון אַ בעלעטריסטיש־צוגעפּוצטן פּובלי־ציסטישן פאַמפּלעט, האָט זיך אונזער ליטעראַטור פאַרוואַנדלט אין אַ סאַטירישער בעלעטריסטיק. דאָס יידישע לעבן, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געלעגן אין לעטאַרגישער באַוואוסטלאָזיקייט, האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט צו באַוואוסטזיניקער זעלבסט־קריטיק.

אין גיכן אָבער איז געקומען די רעאַקציע.

די השכלה האָט געוואוסט זייער גוט קעגן וואָס זי גייט פירן מלחמה, און זי האָט איר ליטעראַרישן געווער ציל־באַוואוסט אָנגעווענדט אין געוויסע גרענעצן. אָבער מיט דער צייט האָט זיך דער שווערפּונקט פון דער דאָזיקער ליטעראַטור פאַרענדערט: דאָס באַנוצטע מיטל איז געוואָרן — אַ זעלבסט־צוועק, די ליטעראַטור האָט אויפגעהערט איינזייטיק אָפּצו־שפּיגלען, כדי צו קאָנען קריטיקירן, נאָר זי האָט גענומען קרי־טיקירן דערפאַר, ווייל זי האָט זיך באמת אָפּצושפּיגלען און אָפּ־

צושאַצן דאָס לעבן און זיין פּולקייט. אָבער די דאָזיקע קריטיק האָט שוין נישט געקאָנט אַרומכאַפּן די דאָזיקע פולקייט. און די קריטיק פלעגט שוין אַמאָל שטאַרק שפּירן איר אומבאַ־האָלפנקייט: די יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט געדאַרפט באַ־דינען דער דאָזיקער קריטיק, האָט איר אַריבערגעוואָקסן, — די ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן אָנצואווייזן אויך אויף די גוטע זייטן פונם לעבן, וואָס זי שילדערט אַפּ. מענדעלע, וועל־בער האָט אָנגעהויבן ווי אַ טיפּישער שרייבער־משכיל, וואָס זיינע קינסטלערישע ווערק זענען פול מיט גיפטיקסטער סאַטירע, — דער דאָזיקער מענדעלע האָט אָנגעהויבן צו שפּירן, אַז דאָס לעבן, וואָס ער שילדערט, פאַרדינט אויך אַכטונג און געוויסע דערשיינונגען זיינע. באַזונדערס בולט האָט ער דאָס באַזינט דאַן, ווען ער איז צוגעטראָטן צו שילדערן זיין אייגן לעבן און זיין סביבה אין „שלמה ר׳ חיימס״ (און דערפאַר טאַקע האָט ער דאָס געגומען שילדערן, — צוליב דאָס פּאָזיטיווע!). אינם פּאָרוואָרט צום דאָזיקן רייפסטן — אין קינסטלערישן זין — ווערק, זאָגט און שרייבט מענדעלע־ר׳ שלמה: „דאָס לעבן פון די כנסת ישראל, כאָטש עס זעט אויס שטאַרק מיאוס פון דרויסן, אָבער שיין איז עס אינעווייניק. אַ שטאַרקער גייסט ליגט אין דעם יידישן לעבן, אַ גייסט אַ געטלעכער, וואָס ווי אַ ווינט ווייעט ער שטענדיק, אויפהויבנדיק אין אים כוואַליעס, כדי צו רייניקן זיי פון שמוץ און פוילקייט... אונטער די בערג־לעך מיסט אין חדר, ישיבות און בתי־מדרשים גליט דאָס פּיי־ערל פון תורה, פאַרברייט ליכט און וואַרעמקייט צווישן גאַנצן פאָלק. אַלע אונזערע קינדער, אָרעם און רייך, קליין און גרויס, לערנען און קענען אין די קליינע אותיות. אָט אַזאַ לעבן, זאָגן מיר, איז רעכט און עס פּאַסט טאַקע, אַז עס זאָל פאַרשריבן ווערן לדורות...״

און אינם „ווינטש־פינגערל״ — אין דאָזיקן עפּאָס פו יידישן לעבן, — באַשרייבט מענדעלע דאָס גייסטיקע לעב פון יידישן פאָלק אָט ווי אַזוי: „דעם יידם ליבשאַפט איז געטליך

דיין, האָט נישט, ווי גאָט, קיין בילד, קיין געשטאַלט, ער ברענט, ער איז פאַרקאָכט, ציט זיך פאַר גרויס חשק מיט אַלע זיינע געדאַנקען אַהין, אַהין — צו דער הייליקער שכינה דאָרט אין הימל..."

אין די דאָזיקע ווערטער איז פאַרקערפּערט די צווייטע הויפּט־טענדענץ פון דער יידישער ליטעראַטור: דאָס זוכן אונטער די חורבות פאַרגראָבענע אוצרות. דאָס דאָזיקע אָפּ־גראָבן די קולטור־ירושה איז אין אונזער ליטעראַטור פאַר־בונדן מיטן נאָמען און שאַפן פון י. ל. פּרץ, אָבער נאָר דער־פאַר, ווייל ער האָט דער ערשטער געגעבן דער דאָזיקער טענדענץ נישט נאָר אַ שטאַרקן קינסטלערישן אויסדרוק, נאָר אויך אַ דינאַמישע קראַפט, וואָס האָט זיך דורך דער ליטעראַטור אַריינגעריסן אין לעבן. מענדעלע, ווי מיר זעען, האָט געוואָלט ראַטעווען די אַלטע שיינקייט פאַר די קומענדיקע דורות, און פּרץ האָט זי געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ לעבעדיקער, גייס־טיקער אַטמאָספער פון היינטצייטיקן פאָלקס־לעבן. אָבער פּרץ איז נישט געווען נישט דער ערשטער און נישט דער איינציקער, וועלכער האָט אַ קער געטון די ליטעראַטור פון סאַטירע צו מער „קאָנסטרוקטיווע נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע שטימונגען", לויט ש. ניגערס אַן אויסדרוק. אין זיינע „בריוו וועגן דער אַלטער און נייער יידישער ליטעראַטור" ברענגט ניגער אַן אינטערעסאַנטן פאַקט: אפילו י. י. לינעצקי, דער גיפטיקסטער קריטיקער פון אַלט־יידישן לעבנס־שטייגער, דער מחבר פון באַרימטן, אומברחמנותדיקן פאַמפלעט „דאָס פוילישע יינגל", האָט שוין אין צווייטן טייל פון דאָזיקן פאַמפלעט, א. נ. „דער וואָרעם אין כריין", אָנגעהויבן זוכן, לויט לינעצקיס אייגענעם אויסדרוק, די „בריליאַנטן פון יידישן לעבן..."

אָט אין דער דאָזיקער טעזע און אין איר אַנטי־טעזע זענען פאַרקערפּערט ביידע עיקרדיקע טענדענצן פון אונזער ליטע־ראַטור: פון איין זייט — דער קאַמף קעגן די אָפּגעלעבטע פאַר־מען פון אונזער לעבן, און פון דער צווייטער — דאָס זוכן

די לעבעדיקע קוואַלן, וואָס האָבן גענערט דאָס דאָזיקע אַלטע לעבן. אַלץ, וואָס איז לעבעדיק און ווערטפול אין אונזער ליטעראַטור, איז פול מיט די דאָזיקע טענדענצן. ביי מענדעלען איז שטאַרקער דער עלעמענט פון קאַמף קעגן אונזער אַלטן לעבנס־שטייגער, אָבער דער עלעמענט פון יראת הכבוד פאַר דער אינערלעכער קראַפט פון דאָזיקן לעבן פאַרנעמט ביי אים אויך אַן אָרט. פייערבערג האָט איינער פון די ערשטע געשילדערט אין אונזער ליטעראַטור מיט מאַקסימאַלער קלאָרקייט די טראַ־געדיע פון אַ דור, וואָס שטייט פאַר דער דילעמע פון האַס און פון ליבע צו אונזער אַלטער וועלט. שלום־עליכם לאַכט אויס אונזער לעבן, אָבער דאָס דאָזיקע לעבן שטראַלט אויס אין זיינע ווערק אַ סך ליכט. פּרץ שלאָגט דורך זיין וועג צו די „פאָלקסטימלעכע געשיכטעס" און צו די „חסידישע דער־ציילונגען" דורך דער וואַלד־געדיכטעניש פון סאַטירע און פאַרניכטנדיקער קריטיק. ביי אַש איז דער עלעמענט פון יראת הכבוד פאַר אונזער אַלטן לעבנס־שטייגער כמעט פריי פון קרי־טיק, די שאַל פון ענטוזיאַזם איז נישט דער ערך שווערער פאַר דער שאַל פון קריטיק. אין ביאַליקס נשמה האָבן די דאָזיקעביידע עלעמענטן — פון קריטיק און יראת הכבוד — זיך איבערגעפלאָכטן אין אַ טיטאַנישן קאַמף (ווי ביי זיין דירעקטן פאָרגייער — מ. ז. פייערבערג), וואָס האָט באַקומען אַ קלאַסישן אויסדרוק אין „המתמיד". גלייכצייטיק מיט פּרצן, לגמרי זעלבשטענדיק, האָט ליעסין אריינגעבראַכט דעם עלע־מענט פון יראת הכבוד פאַר דער גייסטיקער קראַפט פון דער יידישער געשיכטע אין דער יידישער דיכטונג, און איז געוואָרן דער פּאָעט פון „קדוש־השם"־מאָטיוו אין אונזער געשיכטע און אין אונזער לעבן.

איך האָב אויסגערעכנט בלויז די קאָריפייען פון אונזער ליטעראַטור, אָבער אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער מאָס, אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרם קאָן מען די דאָזיקע טענדענצן געפינען כמעט ביי אַלע יידישע שרייבער און דיכטער. אַמאָל געפינען

מיר אפילו פאַקטן, וואָס זענען איבעראַשנדיק מאָדנע. למשל: י. מ. ווייסענבערג, וועלכער איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור אין 1904, אין אַ עפּאָכע, וואָס איז געווען איבער־געלאָדן מיט אַקטועלע פּראָבלעמען, מיט עפּעס נייס און ווייטס פון די אויבן באַצייכנטע טענדענצן אין אונזער ליטעראַטור, — אפילו דער דאָזיקער ווייסענבערג, וועלכער האָט זייער לאַנג נישט אַרויסגעוויזן קיין שום נייגונג צום אַשישן עלעמענט און האָט געגעבן אַ גאַנץ אַנדער „שטעטל", ווי אַשס, אפילו דער דאָזיקער ווייסענבערג האָט נישט אויסגעהאַלטן און האָט גע־געבן אין איינעם פון זיינע לעצטע ראָמאַנען — „דער איבער־גאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג" — אַן אידילישע באַשריי־בונג פון יידישן אַלט־פרענקישן שבת.

און וואָסער פּאָעמע איז געווען די בעסטע אין דער יונגער יידישער דיכטונג אין פּוילן אין לעצטן יאָר־צענדליק פאַר דער מלחמה? יחיאל לערערס פּאָעמע „מיין היים", וואָס באַשרייבט דאָס אַלטע לעבן און זיינע אָנגעשפּאַלטנקייטן, דערביי איז די דאָזיקע באַשרייבונג באַהויכט מיט אַזאַ בענקשאַפט נאָך דער גאַנצקייט פון אַלטן לעבן, נאָך איר זיך־אויסלעשנדיקער אינער־לעכער שיינקייט!

אַז די דאָזיקע טענדענצן הערשן נאָך אויך היינט אין אונזער לעבן און אין אונזער ליטעראַטור איז צו זען אויך פון דעם, וואָס ווי נאָר אונזער ליטעראַטור רייסט זיך אָפּ פון זיי, פאַרלירט זי איר קראַפט, פאַרלירט זי איר אָרגאַנישקייט און ווערט בלאַס און פרעמד.

אַ מערקווירדיקן ביישפּיל פאַר דעם געפינען מיר ביי־ בערגעלסאָנען, וועלכער איז אָן ספק דער גרעסטער היינטציי־טיקער פּראָזאַאיקער פון דער יידישער ליטעראַטור. אין זיין „מידת הדין", אַ ראָמאַן פון דער עפּאָכע פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואו דער מחבר באַלשעוויזירט זיך איבער גוואַלט און באַשרייבט די שונאים און די העלדן פון דער רעוואָלוציע, איז דאָ אַן עפּיזאָדישע פיגור פון אַן אַרעסטירטן יידן, רב

אהרן. און ,דער דאָזיקער אַרעסטירטער רעליגיעזער פאַנאַטיקער און עקאָנאָמישער פאַראַזיט איז העכער פאַר אַלע אַרומיקע רעוואָלוציאָנערן פון אַלערליי גלויבנס מיט זיין לעבעדיקער מענטשלעכקייט. בערגעלסאָן האָט געוואָלט עפּעס אַנדערש, אָבער אַ מחבר דענקט און זיין טאַלאַנט לענקט, און בערגעל־סאָנס טאַלאַנט איז געבליבן טריי דעם אמת פון לעבן און דער טענדענץ פון אונזער ליטעראַטור.

און אויך אין ערשטן באַנד פון „פּענעק" איז בערגעלסאָן געבליבן טריי דער דאָזיקער טענדענץ: די באַשרייבונג פון דער פאָרכטיקער יום־כּפּור־שטימונג אין שטעטל און די קריטיק פון יידישן רעליגיעזן פאַנאַטיזם זענען די רייפסטע, די מעכ־טיקסטע זייטלעך אין דאָזיקן שיינעם בוך.

און וואָסער זייטל איז די רייפסטע און פּאָעטיש־ווירק־זאַמסטע ביי איזי כאַריקן, איינעם פון די בעסטע פּאָעטן, וואָס די יידישע ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט אַרויסגערוקט? — די באַשרייבונג פונם שטעטל אין דער נאַכט פון „כל־נדרי" און דער פאַרלאַנג פון דער יידישער לערערין אַנטקעגנצואווירקן דער דאָזיקער מעכטיקער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער שטימונג דורך אַ דעמאָנסטראַציע פון דער יוגנט, — אָבער אָן דערפאָלג.

די דאָזיקע אויבן געבראַכטע הויפּט־טענדענצן פון אונזער ליטעראַטור, וואָס זענען רייף געוואָרן נאָך ביי אונזערע קלאַ־סיקער, זענען נישט נאָר נאָך לעבעדיק און ווירקן אין איר, נאָר לעצטנס זענען זיי נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן, צייטנווייז אפילו ביז אַ שעדלעכער רעאַקציע.

אונזער ליטעראַטור לאָזט אין אַ זייט און באַמערקט כמעט נישט די נייע פּראָבלעמאַטיק פון אונזער לעבן, די נייע טענ־דענצן פון אונזער לעבן, ווי דער קאַמף „יידיש־העברעאיש", דער קאַמף „גלות־ארץ־ישראל־טעריטאָריאַליזם", דער קאַמף „נאַציאָנאַליזם־אַסימילאַציע", אָבער זי געפינט נאָך אַלץ אַן אינטערעס צו פאַרנעמען זיך מיטן קאַמף ק ע ג ן אַ ל ט ן און מיטן קאַמף פ אַ ר ד אָ ס אַ ל ט ע אין אונזער לעבן.

ווי עס שיינט ליגט אין דאָזיקן פונקט דער שטרויכלונגס־שטיין, וואָס פאַרצאַמט אונז אונזער ווייטערדיקן וועג. מיר מוזן אים באַזייטיקן פון אונזער וועג, כדי שעפעריש אַ ריר טון זיך פאָראויס.

אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס אַלטע און נעמען אין באַזיץ דאָס באַנייטע אַלטע.

פון דער טעזע און דער אַנטי־טעזע — צום סינטעז

אויפן שיידוועג

(מ. ז. פייערבערג)

די אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור האָט אַ גאָר נאָענטע שייכות מיט מאָמענטן פון קריזיס: אין שייכות, למשל, מיט קריזיסן אינם ליבע־לעבן פון מענטשן זענען געשאַפן געוואָרן די בעסטע ליבע־לידער. אמאָל איז דער דאָזיקער קריזיס אַ ריין־אינדיווידועלער, און אמאָל — אַ געזעלשאַפטלעכער, אַ נאַציאָנאַלער. כמעט אַלע אייראָפּעאישע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פאַר אונזער היסטאָרישן געדענקען, האָבן ווי „באוואוסטזיניק" באַשטימט זייער רייף ווערן אויף אַ קריזיס־מאָמענט, אויף אַ מאָמענט פון אַ שאַרפן ווענדפּונקט אין גייסטיקן לעבן פון די דאָזיקע פעלקער.

און ווער האָט געשאַפן די הויכפּונקטן פון דער תנ"ך־ליטעראַטור, אויב נישט די כסדרדיקע אינערלעכע און אויסער־לעכע קריזיס־מאָמענטן אין רעליגיעז־נאַציאָנאַלן און נאַציאָנאַל־פּאָליטישן לעבן פון יידישן פאָלק אין יענער תקופה?

ליטעראַטור, ווייזט אויס, איז דער עיקר אַ קריזיס־פּראָדוקט. ממעמקים קראתיך...

אין דער יידישער ליטעראַטור איז דאָס באַזונדערס בולט: זי איז דאָך אַנטשטאַנען כמעט ווי אויף אונזערע אויגן. אירע דריי קלאַסיקער און שפּעטער זענען איינגעזאַמלט געוואָרן צו זייערע אבות אין 1915, 1916 און 1917 (ווי דריי ריטמישע סיגנאַלן, וואָס דערמאָנען אונז, אַז מיר מישן איבער די ערשטע בלאַט פון אונזער נייער ליטעראַרישער געשיכטע).

אונזער ניי־יידישע ליטעראַטור איז געבוירן געוואָרן אין מאָמענט פון אַ גרויסן פאָלקס־קריזיס.

דער פּאַטריאַרכאַלער לעבנס־שטייגער פון אונזער שטעטל האָט באַקומען אַ ברייטן פּלאַץ און פון דער יידישער קהלשער איינהייטלעכקייט, פון דער יידישער קאָלעקטיווער באוואוסט־זיניקייט, האָט גענומען אַרויסשטעקן דעם קאָפּ דאָס אינדיווי־דועלע באוואוסטזיין מיט זיין קריטיק און זיינע ספקות.

אויב ביי אַנדערע פעלקער איז אַזאַ איבערברוך זעלב־שטענדיק, האָט ער ביי אונז אַרויסגערופן אַ צוגאָב־קריזיס אין אונזער באוואוסטזיין. אין אַ שוואַכן אָרגאַניזם רופט יעדע קראַנקהייט אַרויס קאָמפּליקאַציעס. אויב צוליב דער אָפּשוואַ־כונג פון גלויבן איז אָפּגעשוואַכט אָדער אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן דער גלויבן אין ביאת המשיח (אַז משיח וועט קומען), איז דער קריזיס פונם שטייגער־לעבן און פונם באוואוסטזיין תיכף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלן קריזיס: פאַרן יידישן באוואוסטזיין איז אויפגעשוואומען מיט פייערדיקער שריפט די פראַגע וועגן נאַציאָנאַלן „וואוהין"?

דער ערשטער, וואָס האָט געשילדערט אין אונזער ליטע־ראַטור דעם דאָזיקן טאָפּלטן קריזיס — איז געווען דער העב־רעאישער שרייבער מ. ז. פייערבערג, דער מחבר פון דער דער־ציילונג „וואוהין?" („לאָן?"), וואָס האָט בשעתו געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. דאָס דאָזיקע ווערק פון אַ טאַלאַנטירטן שרייבער אָן אָנפאַנגער איז נאָך אויך היינט, אין 45 יאָר אַרום, בכוח אויפצורודערן אפילו די יידישע יוגנט, וואָס איז שוין אויסגעוואַקסן אינם שיטער געוואָרענעם שאָטן פון אונ־זער אַלטן לעבנס־שטייגער און וואָס וואַקסט שוין אַריין אין דעם געדיכטער־ווערנדיקן שאָטן פון אונזער נאַציאָנאַלער באַ־וועגונג.

* * *

מ. ז. פייערבערג, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1874 אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק, ביי אַ פאַנאַטישן חסיד, אַ שוחט, איז געשטאָרבן אין 1899 פון האַלז־טובערקולאָז.

זיין מאָגערע אויסערלעכע ביאָגראַפיע איז טיפּיש פאַר

דער יידישער אינטעליגענץ פון יענעם פיל־געפלאָגטן איבער־גאַנגס־דור. אַ חוץ קליינע אינדיווידועלע אָפּנייגונגען, איז יעדע פון די דעמאָלדיקע ביאָגראַפיעס כמעט ווי קאָפּירט פון אַ שאַבלאָן. אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג: תלמוד, קבלה, חסידישע ליטעראַטור. דער פאָטער האָט אים געגרייט צו זיין פּראָפעסיע, אָבער פייערבערגס דערציילונג „דאָס קעלבל" באַווייזט, ווי אוממעגלעך עס איז געווען, אַז דאָס דאָזיקע פאַרטרוימטע, דעליקאַטע בחור׳ל זאָל ווערן אַ שוחט!

אין געוויסע אינדיווידועלע פּרטים איז זיין ביאָגראַפיע ענלעך צו ביאַליקס: אויך ער, ביאַליקס פאָרגייער, האָט די פריע קינדהייט פאַרבראַכט אין אַ דאָרף (הילסק, נעבן נאָוואָ־גראַד־וואָלינסק) און ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע פאַנטאַזיע.

ביאַליק רעדט וועגן זיין פאַנטאַזיע אין זיינע אויטאָביאָ־גראַפישע נאָטיצן און מען זעט זי אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע דערציילונגען; פייערבערגס פאַנטאַזיע זעט מען אין זיין „וואו־הין?" און ער האָט וועגן איר דערציילט זיין פריינט, דעם באַקאַנטן שרייבער ש. צ. זעצער, אַז ער, פייערבערג, פלעגט „וואָכן דורכאַנאַנד אַרומטראָגן זיך מיט אַ פאַנטאַזיע, אַז ער שוועבט אין דער לופטן אַרום, אַז ער ווערט פון ווינט גע־טראָגן. און פיל מאָל, ווען ער איז געזעסן אליין, אָדער ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער געפינט זיך אין דער געזעלשאַפט פון מלאכים אָדער פון שדים, וועלכע באַגלייטן אים... און ער פאַרברענגט און ער רעדט מיט זיי".

ער פלעגט איבערלעבן, לויט זעצערן, שטיקער יידישע געשיכטע, ווי אויף דער אייגענער הויט: ער איז בייגעווען „מתן תורה", אליהוס קאַמף קעגן די נביאי הבעל, שמואלס זאַלבן דודן פאַר אַ מלך, גלות שפּאַניע.

אין דער אינערלעכער וועלט פון יונגן פייערבערג, — אַ וועלט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער דערציאונג פון זיין סביבה, — רייסט זיך אַריין די נייע העברעאישע השכלה־

ליטעראַטור, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן צום לעבן דורך דעם אַנטשטייענדיקן איבערברוך, און וואָס האָט, פון איר זייט, פאַרטיפט דורך איר ווירקונג דעם דאָזיקן איבערברוך. דער רעליגיעזער גלויבן פון יונגן פייערבערג ווערט חרוב. ווי טיף, ליידנשאַפטלעך־טיף דער דאָזיקער יונגער מענטש האָט איבערגעלעבט דעם דאָזיקן פאַרלוסט, באַווייזט זיין דער־ציילונג „וואוהין?‟, וואָס איז אָן שום ספק אויטאָביאָגראַפיש. באַזונדערס שטאַרק איז די דאָזיקע דערציילונג אין איר ערשטן טייל, וואו עס ווערט געשילדערט, מיט וואונדערלעכער קראַפט און פאַרביקייט, די רעליגיעזע וועלט פון אַ יידיש יינגל און דער רעליגיעזער קאַמף מיט די ספקות אין זיין נשמה.

צוויי וואונדערבאַרע מענטשן האָבן זיך באַוויזן אין דער ריכטיקער צייט, כדי אונטערצושפּאַרן די דאָזיקע אָנגעבראָכענע נשמה און געבן איר אַ מעגלעכקייט צו ווערן שעפעריש, אַ דאַנק דער דערוואָרבענער אינערלעכער רו. דער ערשטער פון די צוויי איז געווען אחד העם, וועלכער האָט אַריבערגעוואָרפן אַ בריק איבערן תהום, וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן אין פייערבערגס נשמה דורך דעם פאַרלוסט פון אַלטן גלויבן און דורך דערווערבן דעם אידעאַל פון השכלה. אחד העם האָט אים געלערנט אָפּצוואַרפן אַלדאָס אויסערלעכע פון דער אַלטער וועלט און איינהיטן פאַר זיך זיין ווערטפולן אינהאַלט. דער צווייטער איז געווען הערצל.

אויב אחד העם האָט געראַטעוועט פייערבערגן פון קול־טור־ אָדער באַוואוסטזיין־קריזיס, האָט אים הערצל געגעבן אַ נאַציאָנאַלן אידעאַל, וועלכן ער האָט געהאַט פאַרלוירן צוזאַמען מיטן פאַרלוסט פונם גלויבן אין ביאת המשיח.

און אויב מיר וועלן נאָך צוגעבן, אַז צוגלייך מיט די פאַרפאָלגונגען מצד דער פאַמיליע פאַר זיין אָפּטריניקייט, האָט פייערבערג איבערגעלעבט אויך די פרייד, וואָס מען האָט גוט אויפגענומען זיין שאַפן; אַז צוגלייך מיט דער באַפרידיקונג, וואָס זיין ציוניסטישע טעטיקייט האָט אים געגעבן, איז פייער־

בערגן באַשערט געווען איבערצולעבן אויך דעם טריאומף פון זיין „וואוהין?", וואָס איז געוואָרן אַ ווידוי־אויסגעשריי פון אַ דור, ווען מיר דערמיט האָבן פאַרענדיקט דעם גאַנצן קרייז פון אַ צו פרי איבערגעשניטן, יונג, פיל־צוזאָגנדיק לעבן.

פייערבערג האָט איבערגעלעבט אינטענסיוו די גאַנצע גאַמע איבערלעבונגען פון זיין דור: דעם קאַמף צווישן גלויבן און אומגלויבן, דעם קאַמף פאַר נייע נאַציאָנאַלע פונדאַמענטן. און אין זיין כמותדיק קליינינקער ליטעראַרישער ירושה זענען די דאָזיקע קאַמפן פון אַ גאַנצן דור קאָנצענטרירט, ווי אין אַ פּאָקוס. ער האָט געלאָזן אַ ביכעלע אינגאַנצן פון 145 זייטן, וואָס האָט אַ ווערט פון קערנער, אין וועלכע עס דרימלט די שפע פון צוקונפטיקע גערעטענישן.

* * *

מיט מ. ז. פייערבערגס פריציייטיקן טויט האָט די יידישע ליטעראַטור אַ סך פאַרלוירן. דאָס איז צו זען אויך פון זיינע אָנגעשריבענע ווערק: פון דער גרויסער ווידוי־דערציילונג „וואוהין?" און פון עטלעכע קליינע דערציילונגען און לירישע סקיצן, אין וועלכע עס פילט זיך, צוגלייך מיט אויפריכטיקייט און סטיל־וואַרעמקייט, אַ מייסטערשאַפט ביים איבערגעבן דינע נשמה־שטימונגען. אָבער נאָך מער זעט מען דאָס פון זיינע ליטעראַרישע פּלענער און פון זיין באַוואוסטזיניקן צוגאַנג צו זיין שאַפן.

אין זיין אַרטיקל „אונזער בעלעטריסטיק און איר פליכט" פירט פייערבערג דורך דעם געדאַנק, אַז נאָר דורך דעם מעדיום פון אַ נאַציאָנאַלער פאָרם איז מעגלעך אַ קינסטלעריש שאַפן פון אַלמענטשלעכן ווערט. און מען דאַרף אָננעמען, אַז ווען דער יונגער און טויט־קראַנקער פייערבערג האָט געקליבן מאַ־טעריאַלן פאַר אַ היסטאָרישן ראָמאַן מיטן שעפער פון חסידיזם, דעם בעל־שם־טוב, אַלס הויפּט־פּערזאָן, האָט ער געהאַט בדעה צו דערפילן די פליכט פון אונזער קינסטלערישער ליטעראַטור: שאַפן אַלמענטשלעכע ווערטן דורך נאַציאָנאַלע פאָרמען. פייער־

בערג האָט פאַרמאָגט נישט נאָר אַ בעלעטריסטישן טאַלאַנט, נאָר אויך אַ וואַכן, רייפן אינטעלעקט, וועלכער איז אַן אומ־אָפּשעצבאַרער שותף ביים שאַפן אַליין, וואָס גרויס, אַלמענטש־לעך. אין אַ בריוו צו אחד העמען האָט פייערבערג געשריבן: „איך האָב פיינט דעם בראַנפן פון די חסידים, דעם שולחן ערוך פון די מתנגדים, די טענץ פון די אויפגעקלערטע און די גראָשנס פון די חובבי ציון, און איך זוך אין יעדער זאַך דאָס גייסטיקע און דאָס געטלעכע, וואָס געפינען זיך אין דעם".

נישט אומזיסט האָט ער געקאָנט דעם „כוזרי" אויף אויסנווייניק — ער האָט געזען און געזוכט דאָס טיפע אויך אין זיין ליטעראַרישן שאַפן.

יעדעס מאָל, ווען איך לייען פייערבערגן, קאָן איך זיך נישט באַפרייען פון טרויעריקן געפיל, אַז מיט זיין טויט איז איבערגעריסן געוואָרן אין סאַמע אָנהויב אַ גרויסע ליניע אין דער יידישער ליטעראַטור. און עס איז אינטערעסאַנט צו באַ־מערקן, אַז אויך די דאָזיקע ליניע האָט זיך געריסן צום חסידיזם, צו וועלכן עס זענען עולה רגל געווען סיי פּרץ, סיי בערדיטשעווסקי, און אַ סך אַנדערע, אפילו אַזאַ עכטער ליט־ווישער מתנגד, ווי מענדעלע מוכר ספרים, וועלכער האָט גע־שריבן וועגן מתנגד, אַז ער פאַרמאָגט אַ פאַרפרוירענע נשמה, אַז ביי אים איז אַלץ — קאָפּ, דאָס האַרץ איז ביי אים קאַלט, ווי אייז... דער חסיד, דאַקעגן, האָט ער געזאָגט, איז היים, פלאַם פייער... אפשר איז טאַקע גערעכט מאַרטין בובער, וועל־כער זאָגט אינעם פאָרוואָרט צו זיין מערקווירדיק בוך „די לעגענדע פון בעל־שם":

„די חסידישע לערע איז דאָס שטאַרקסטע און אייגנאַר־טיקסטע, וואָס די דיאַספּאָרע האָט געשאַפן. זי איז דער מבשר פון אונזער אויפלעבונג. עס קאָן נישט זיין קיין שום באַנייאונג פון יודאַאיזם, אויב זי וועט נישט האָבן אין זיך אירע עלע־מענטן".

אגב: דאָס זעלבע האָט אַ סך פריער פאַר בובערן געזאָגט איינער פון זיינע לערער, בערדיטשעווסקי. אינם פאָרוואָרט צום „ספֿר חסידים" („נשמת חסידים"), זאָגט ער: „אין יענער דערהויבענער תקופה פון חסידות, אין דער סאַמע אַדליקער תקופה פון יהדות־מענטשלעכקייט (ביהדות האנושיות) זינט מיר זענען אַוועק אין גלות".

און צו די דאָזיקע עלעמענטן האָבן זייט די נײַנציקער יאָרן גענומען עולה־רגל זיין אַלע יענע, וועלכע האָבן אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער מאָס און פאָרם געטרוימט וועגן אַ באַנייאונג פון יידנטום. און דער גייסטיק־שפּירבאַרער פייערבערג, וועל־כער האָט אַזוי שטאַרק געוויטיקט מיט דעם פּראָבלעם פון באַ־נייען און אויפלעבן דאָס יידנטום, האָט זיך אויך אַ צי געטון צום קוואַל פון חסידיזם, צו זיין באַלעבנדיקער לעגענדע, צו דער האַלב־מיטאָלאָגישער און האַלב־לעגענדאַרער געשטאַלט פון זיין שעפער. דאָס איז אַן איבעריקער באַווייז פאַר פייערבערגס גייסטיקער קראַפט, ווייל ער האָט זיך גענומען ציען צוריק צום חסידיזם אין אַ מאָמענט, ווען ער איז נאָך געווען זיין דירעקטער קרבן.

אָבער פייערבערגס דריי־יאָריקע ליטעראַרישע אַרבעט איז איבערגעריסן געוואָרן דורכן טויט, און די האָפנונגען, וועלכע מען האָט מיט פולן רעכט געלייגט אויף אים, האָבן נישט געקאָנט מקוים ווערן*).

* * *

---

*) אין אַן אַרטיקל פון רחל קאַצענעלסאָן „צווישן צוויי שפּראַכן", געפין איך אַן אינטערעסאַנטע אָפּשאַצונג פון פייערבערגן.

„אַ גרויסע באַיאָאונג האָבן מיר דערלעבט אין פייערבערגן, וועלכער איז פאַר אונז מער ווי אַ וועגווייזער. די מיינסטע האָבן אים נאָך נישט אַנטדעקט, און עס איז אים טאַקע שווער צו באַנעמען. צי וואָלטן מיר געוואוסט אַ סך וועגן ביאַליקן, ווען ער וואָלט געווען געשריבן בלויז דריי יאָר? אָבער שוין

פייערבערגס קליינע דערציילונגען און סקיצן האָבן אים פאַרשאַפט אַ נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור, אָבער זיין האַלב־בעלעטריסטישע און האַלב־פּובליציסטישע גרעסערע דער־ציילונג „וואוהין?" האָט אים פאַרזיכערט אַן אייביקן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

ווען די דערציילונג „וואוהין?" וואָלט אפילו נישט פאַר־מאָגט קיין שום בעלעטריסטישע מעלות (און זי פאַרמאָגט זיי יאָ!), וואָלט דאָס דאָזיקע ווערק אויך פאַרנומען אַ פעסטע פּאָ־זיציע אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור: איז דאָך דאָס דאָזיקע ווערק געווען אַ געשריי פון אַ גאַנצן דור, וואָס האָט אין אים געפונען אַ ווידערקול פון זיינע ליידן, געדאַנקען און האָפנונגען. און דאָס דאָזיקע ווידערקול איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכס, אַ שאַרף־באַוואוסטזיניקס, אַ טיפס, אַ דורכ־דרינגלעכס.

די געשיכטע פון נחמן, דעם רבס זון, איז אַ פּאָעטיש געריייניקטע און קאָנדענסירטע ביאָגראַפיע נישט נאָר פון איין פייערבערג, נאָר פון אַ גאַנצן דור. אין דער ערשטער טייל פון

אינם שטאַמלען פון יונגן פייערבערג — — — איז דאָ עפּעס, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין דער גאַנצער העברעאישער ליטעראַטור... צווישן אים און דער יידישער געשיכטע איז געווען אַן אינטימע פאַרבינדונג, וועלכע האָט געפעלט די אַנ־דערע. וואָלט ער, לכל הפחות, געהאַט געשריבן דעם לעבנס־ראָמאַן פונם בעל־שם, ווי ער האָט דאָס געהאַט בדעה, וואָלט ער אונז געווען געגעבן אַ נייע התגלות פונם חסידיזם און פון אונזער געשיכטע, אַ גאַנץ אַנדערע ווי פּרץ דורך זיינע אויס־געקליגלטע און אויסגעקינסטלטע חסידישע געשיכטן". (איבער־זעצט פון דייטש, פון אַ זאַמלבוך וועגן די אַרבעטעריגס אין ארץ־ישראל).

איך בין אינגאַנצן נישט מסכים מיט רחל קאַצענעלסאָנס מיינונג וועגן פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און „חסידי־שע מעשיות", אָבער אירע פאָר ווערטער וועגן פייערבערגן האָבן שוואונג, וואָס דאָס איז אַ זעלטנקייט ביי אונזערע קרי־טיקער, אַ חוץ ביי בעל־מחשבותן.

דער דערציילונג ווערט מיט אידעאַלער פּרעציזקייט געשילדערט די גייסטיקע וועלט פון אַ קינד, וואָס ווערט דערצויגן אונטערן פּרעס פון יידישן „שולחן ערוך", וואָס אָטעמט מיט דער אָנגעגליטער לופט פון אַלט־רבנישן הויז, פון קדמונימדיקן בית־מדרש. דאָס דאָזיקע קינד לעבט איבער נישט נאָר גהינומשע יסורים, בויגנדיק זיך אין דרייען אונטער דער שווערער לאַסט, וואָס עס מוז טראָגן אַ ייד (אפילו אַ קינד — אַ ייד!), נאָר אויך הימלישע פריידן, וואָס עס פאַרשאַפט אים דאָס געפיל פון שטאָלץ, וואָס ער איז אַ שפּראָץ פון העלדן־מאַרטירער, און אים ווערט אָנגעטרויט דער אוצר פון הונדערט דורות, דער גורל פון דער יידישער צוקונפט. אויב מען קאָן רעדן וועגן תאווה פון באַוואוסטזיין, פילן מיר עס אין דאָזיקן ביכל. עס איז אוממעגלעך צו פאַרמיטלען דורך אַן איבערדערציילונג אפילו אַן אומגעפערן באַגריף וועגן דער דאָזיקער טייל, וואו עס ווערט איבערגעגעבן — ממש אָנצוטאַפּן — די אַטמאָספער פון דער יידישער רעליגיע אין איר עקסטרעמסטער אָנגעגליטקייט און די רעאַקציע אויף איר מצד דער נשמה פון אַ פאַרטרוימט, אויסערגעוויינלעך שפּירבאַר און טיף־דענקנדיק קינד. און דעריבער וויל איך זיך באַגנוגענען מיט אויפוועקן אַ פאַרלאַנג ביי די לייענער צו געפינען און איבערצולייענען דאָס דאָזיקע בוך.

אָבער נישט נאָר די אַטמאָספער פון יידישער רעליגיעזיטעט איז דאָ געשילדערט מיט מאַקסימאַלער קלאָרקייט און קראַפט, נאָר אויך די אַטמאָספער פון איבערברוך אינם באַוואוסטזיין פון יידישן אינטעליגענט פון סוף 19־טן יאָרהונדערט. נחמן פאַלט אַריין אין קעסל־גרוב פון קעגנזעצלעכע געפילן: פון איין זייט פילט ער אַ שנאה צום געוואוינטן און אַלטן, און פון דער צווייטער איז ער פול מיט טרויער פון דעם, וואָס דאָס דאָזיקע אַלטע פאַרשווינדט, וואָס עס שטאַרבט אָפּ אין זיין נשמה.

ווי שפּעטער ביאַליק, צו וועמען ער איז גייסטיק נאָענט,

האָט פייערבערג געשפּירט נישט נאָר ז י י ן טרויער, נאָר אויך דעם טרויער פון דער שכינה. ביאַליקס אומפאַרגעסלעך ליד וועגן דער פאַריתומטער שכינה („אַליין”) איז אויך פייער־בערגס ליד:

„ס׳האָט דער ווינט זיי פאַרווייט, ס׳האָט דאָס ליכט זיי
פאַרשוווּנקט,
אַ נײַ ליד האָט פאַרהילכט זייער לעבנס־פרימאָרגן;
און בלויז איך, צאַרטע טויב, בין געבליבן אַליין,
אונטער פליגל פון שכינה פאַרבאָרגן.
איך בין עלנט געבליבן — און די שכינה האָט שטיל
איבער מיר מיט צעבראָכענעם פליגל געפאָכעט;
כ׳האָב פאַרשטאַנען: איר האַרץ האָט געציטערט אין
שרעק
איבער מיר, איר בן־יחיד.
— — — — — — — — — — — —
און אַז ס׳האַרץ האָט געריסן צום פענסטער, צו זיי,
און אַז ענג איז מיר אונטער איר פליגל געוואָרן —
האָט זי צוגעפּרעסט זיך צו מײַן אַקסל, איר טרער
אויפן בלאַט פון מײַן גמרא פאַרלאָרן”*).

די דאָזיקע טרער איז געווען נישט נאָר די טרער פון דער

*) „דעם זיידנס חצות־אָפּריכטן פרי באַגינען, ווען איך פלעג נאָך האַלטן אין דרעמלען, און מײַן אויער פלעגט דורכן דרימל אײַנזאַפּן אין זיך זײַן געבראָכן געוויין, ווי עס וואָלט געקומען פון דער ווײַטער ווײַט, פון אַן אַנדער וועלט, וואָס איז געווען אַמאָל און — חרוב געוואָרן”.

דער דאָזיקער ציטאַט, וואָס שטאַמט פון פייערבערגס באַרימטער חצות־סצענע אין „לאָן?”, ווען נחמן דאָס קינד הערט דעם טאַטנס, דעם רבס, חצות־אָפּריכטן, — דער דאָזיקער ציטאַט איז גענומען פון ביאַליקס אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן.

דאָס זענען ביאַליקס שטאַרקע קינדהייט־איבערלעבונגען, וואָס פייערבערג האָט דאָס ביאַליקיש אויסגעדריקט פאַר ביאַליקן.

פאַרלאָזענער שכינה, נאָר אויך די טרער פון פייערבערגן און ביאַליקן, וועלכע פאַרלאָזן זי. דאָס איז געווען אַ שותפישע טרער פון צעשיידונג פון צוויי, פאַרבונדן אין קעגנזייטיקער ליבע. אין זייער רייסן זיך צו אינדיווידועלער זון, האָבן זיי נישט פאַרגעסן די נאַציאָנאַלע שכינה, די נאַציאָנאַלע טראַגעדיע. זיי האָבן געזוכט אויסלייזונג נישט נאָר פ ו ן א י ר, נאָר אויך פ א ר א י ר, צוזאַמען מיט איר.

נחמן, וואָס דער גייסטיקער איבערברוך האָט אים דער־פירט, אויב נישט צו משוגעת, ווי עס דאַכט זיך די אַרומיקע, איז, לכל הפחות, צו טיפער מעלאַנכאָליע, — דער דאָזיקער נחמן־פייערבערג גיט אין דער דערציילונג מיט וואונדערלעכער דורכדרינגלעכקייט אַ דערקלערונג פאַר דער צעצווייאונג פון זיין געפיל:

„ווי אומגליקלעך איך בין, — טראַכט ער וועגן זיך, — וואָס איך בין אַ זון פון אַ פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אויף דער וועלט גאָרנישט, אַ חוץ זיין רעליגיע. בלויז צוויי וועגן ליגן פאַר אים: קאַמף פ א ר דער רעליגיע אָדער ק ע ג ן איר, — איך אָבער וויל דאָך זיין אַ פרייער מענטש...”

נחמנס טראַגעדיע, ווי די טראַגעדיע פון יענעם גאַנצן דור (און טיילווייז אפילו פון אונזערן) באַשטייט אין דעם, וואָס זיין גייסטיק־רעליגיעזער איבערברוך ווערט אויטאָמאַטיש פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַלער טראַגעדיע, ווי נאָר ער וואַרפט אָפּ דעם וועג פון אַסימילאַציע. ווען נחמן בונטעוועט זיך: „ניין, איך וויל נישט זיין קיין היטער פון קברים... לעבן וויל איך, לעבן, ווי אַלע מענטשן”, פילט ער אַליין, שוין אין פּראָצעס פון בונט, אַז דאָס איז פאַר אים אוממעגלעך, ווייל כדי דאָס זאָל מעגלעך זיין, מוז מען אַוועקגיין אינגאַנצן, ווי „אַלע משכילים האָבן געטון”. און דאָס איז פאַר אים אוממעגלעך. פאַרוואָס? דאָס ווייס ער נישט, ווי דאָס ווייס נישט יחזקאל־אפיקורס, מיט וועלכן נחמן פירט אַ שמועס:

„יעדן טאָג האָב איך זיך געקליבן אַוועקצוגיין. מיין אַלטע

וועלט האָב איך פאַרלוירן און קיין נייע האָב איך נישט גע־פונען... דעריבער האָב איך טאַקע געוואָלט אַוועקגיין, כדי צו געפינען יענע וועלט, וואָס מיר האָט געפעלט... איך האָב אָבער נישט געקאָנט... עפּעס אַ קראַפט האָט מיך געשטערט דערין... מיר האָט זיך דאַן געדאַכט, אַז נישט אין אַ נייער וועלט דאַרף מען אַוועקגיין, נאָר ברענגען אַ תּיקון דער אַלטער... די נייע וועלט, צו וועלכער איך האָב געטראַכט אַוועקצוגיין, זעט מיר אויס צו זיין זייער פרעמד..."

און ווען נחמן פרעגט אים וועגן דער נייער ליטעראַטור, באַקומט ער אַן ענטפער:

„מיר דאַכט זיך, אַז אויך די ליטעראַטור פיבערט, פּונקט ווי איך, צווישן לעבן און טויט, און אויך זי, פּונקט ווי איך, שטייט ביי דער שוועל.

„ווייל אויך זי האָט פאַרלוירן איר אַלטע וועלט, און זי ווייס נישט, וואָס זי זאָל אויסוויילן פאַר זיך און מיט וועלכן וועג צו גיין..."

און נחמן, צוזאַמען מיט זיין דור און איר ליטעראַטור, שטייט פאַר דער גרויסער פראַגע: „וואוהין? וואוהין?"

אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע באַקומט נחמן דאַן, ווען אין יידישן לעבן ווערט געבוירן אַ נייע, מאָדערנע נאַציאָנאַלע באַוועגונג.

ער דערזעט פאַר זיך אָפן אַ וועג, וואָס אי ער פירט נישט אין דער פרעמד, אי ער באַפרייט פון דער נויטווענדיקייט צו קעמפן אָדער פאַר דער רעליגיע אָדער קעגן איר...

אָט איז אַ וועג, וואָס פירט אַוועק פון אַלטן, נישט פאַר־לאָזנדיק דאָס דאָזיקע אַלטע, נאָר אויסלייזנדיק עס...

פאַר נחמנען פערזענלעך האָט זיך דער דאָזיקער וועג אַנטפּלעקט צו שפּעט. אָבער די דאָזיקע אַנטפּלעקונג צעעפנט זיינע ליפּן צום לעצטן מאָל, און ער וויזט אָן אויפן דאָזיקן וועג, ווי אויף דער איינציקער רעטונג...

* * *

אין זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג (און אין איר אָפּשפּיגלונג אין „וואוהין?״) האָט פייערבערג דורכגעמאַכט דעם פולסטן און האַרמאָנישסטן קרייז פון דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג אין די צוויי לעצטע דורות.

פאַר דער גאַנצער יידישער אינטעליגענץ פון לעצטן פערטל ניינצנטן יאָרהונדערט איז געשטאַנען די פראַגע — „וואוהין?״

אַנדערע האָבן נישט באַמערקט הינטער דעם רעליגיעזן איבערברוך, פאַרבלענדט דורכן קאָסמאָפּאָליטיזם, דעם פאַנאַנדערגעעפנטן נאַציאָנאַלן תהום. ביים פאַרלירן זייער אַלטע וועלט פון יידישער רעליגיע, פלעגן זיי מיט אַ לייכט האַרץ פאַרלאָזן די חורבות. צו אַזעלכע האָט געהערט ש. אַנ־סקי (איך רוף אָן אַ וויים־אַוועקגעגאַנגענעם, אָבער אַ טריי־צוריקגעקומענעם).

אין ערשטן באַנד פון זיינע „זכרונות״, דערקלערט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי די פּסיכאָלאָגיע פון דאָזיקן אַוועקגיין (פון זיינעם און אַנ־סקים) אויף פאָלגנדיקן אופן:

„מיר האָבן לגמרי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך*) דעם דרייפאַכן יאָך: פון חדר, פון בית־מדרש און פון דער יידישער היים...

„וואָלטן מיר געווען געלעבט אין אַן אייגן לאַנד און געווען פאַראייגנט די ראַדיקאַלע אידייען אין דער אייגענער שפּראַך, וואָלט אונז קיינמאָל נישט געווען געקומען אויפן געדאַנק צו פאַרלאָזן אונזער פאָלק. מיר וואָלטן געווען זיין קעמפער פאַר אַ פרייען געדאַנק און פאַר אַ פריי, גערעכט לעבן צווישן אייגענעם פאָלק, ווי דאָס זענען געווען די רוסישע קעמפער פאַר פרייהייט פאַר די רוסן.

*) אין שאַנכיי האָב איך דעם דאָזיקן אַרטיקל, ווי אַ סך אַנדערע, געשריבן אין רוסיש און איבערגעזעצט די ציטאַט פון זשיטלאָווסקין פון יידיש אויף רוסיש. איצט, נישט האָבנדיק זשיטלאָווסקיס בוך, איבערזעץ איך אין יידיש מיין רוסישע איבערזעצונג. גוט, וואָס דאָ איז וויכטיק נישט דער סטיל, נאָר דער געדאַנק.

אויפן שיידוועג

„מיר האָבן אָבער געלעבט אין גלות, און די סאָציאַליס־טישע רעליגיע פון די נייע לעבנס־אידעאַלן האָבן מיר איינ־געזאַפּט אין דער רוסישער שפּראַך; זענען מיר גע־וואָרן רוסישע אינטעליגענטן, רוסישע רעוואָלוציאָנערן און זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום אייגענעם פאָלק...

„ווען דאָס יידישע פאָלק וואָלט דאַן געוועזן געלעבט אין אַן אייגן לאַנד, וואָלט אונזער ראַדיקאַלע קריטיק פון יידישן לעבן נישט געווען געקאָנט פירן צום פאַרלייקענען די אייגענע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. דאָס וואָלט געווען זיין אומדענקבאַר אויך אין דעם פאַל, ווען מיר וואָלטן אונזער גייסטיקע אַנט־וויקלונג און אונזערע אַלע רעוואָלוציאָנערע אידייען, וואָס מיר האָבן איבערגענומען פון דער פרעמד, געווען ווייטער אַנט־וויקלט אין דער אייגענער שפּראַך״.

בלייבן אויף די חורבות איז געווען שווער, אָפּטמאָל אוממעגלעך, אָבער היות ווי אַ ברייט־צעעפנטער נאַציאָנאַלער אויסוועג איז נישט געווען, פלעגט מען אַוועקגיין מיט אינטער־נאַציאָנאַלע אָדער דענאַציאָנאַלע וועגן. און דעריבער פילן מיר אַזאַ גרויסן דרך־ארץ צו די, וועלכע זענען אויסנאַמען צווישן אונזער אינטעליגענץ (באַזונדערס אין יענע יאָרצענדלי־קער, פאַרן אַנטדעקן און פאַרן טיילווייזן איינאָרדנען דעם נאַציאָנאַלן וועג), ווי, למשל, א. ליעסין (וועלכער האָט אויך באַקומען זיין וועלטלעכע און ראַדיקאַלע דערציאונג אויף רו־סיש, אָבער זיינע אידייען האָט ער אַנטוויקלט אויף דער אייגענער שפּראַך פאַרן אייגענעם פאָלק) אָדער נחמן־פייער־בערג, וועלכער האָט נישט געזען קיין אויסוועג, אָבער דאָך האָט ער נישט פאַרלאָזן דעם נאַציאָנאַלן טעמפּן געסל, ביז עס האָבן זיך נישט געעפנט זיינע אויגן און ער האָט דערזען — אַ נאַציאָנאַלן אויסוועג.

אין פייערבערגן איבעררראַשט און רירט אונז זיין נאַציאָ־נאַלע טריישאַפט, די דאָזיקע ליידנשאַפטלעכע צוגעבונדנקייט (נישט געקוקט אויף דער נישט וויניקער ליידנשאַפטלעכער

בענקשאַפט אוועקצוגיין), וואָס פּולסירט אינם קליינעם בענדל פון זיינע ווערק.

פייערבערג איז בעסער גרייט געווען צו בלייבן אינגאַנצן אָן אַן אויסוועג, איידער גיין אין אַן־סקים טריט.

איך קאָן זיך נישט איינהאַלטן נישט צו ברענגען אַ גרעסערן ציטאַט פון זיין קליינער סקיץ „די שאָטנס", וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ סקיץ אין דיכטערישער פּראָזע פאַר ביאַליקס „המתמיד".

די פאַרגאַנגענהייט — די „שאָטנס" — דריקן אים און זיין לעבן, אָבער ער האָט זיי ליב.

„איך וויים, אַז די וועלט קוקט אויף דעם אַלטן בית־מדרש מיינעם, וואָס האַלט ביים איינפאַלן, ווי מען קוקט אויף יעדער אַלטער און וויסטער חורבה, וואָס האַלט ביים איינפאַלן. איך אָבער, — ווי אומגליקלעך איך פיל זיך...

„די גאַנצע וועלט איז מער נישט, ווי איין פינטעלע ביי מיר אין הארצן און דאָס גאַנצע האַרץ מיינס איז מער נישט, ווי איין קליין פינטעלע אין מיין אַלטן בית־מדרש... און איך זע דעם בית־מדרש מיינעם אין צענטער פון דער וועלט געבויט, און פון דאָרטן ציען זיך שטראַלן ליכט צו דעם גאַנצן באַשאַף".

„די פאַרגעניגן־זוכער, די נעכט־פאַרברענגער, די אומגליקלעכע, וואָס זענען אין דער בלאָטע פון די תאוות פאַרזונקען..., וועלן באַדויערן אַזאַ אומגליקלעכן, ווי איך בין. אויך אין מיר דערוועקט זיך אַמאָל אַ פרעמדער פאַרלאַנג, וואָס זאָגט צו מיר: חפני נאַרישער, ווען האָסטו דאָ און וואָס האָסטו דאָ?... דאָך וויים איך אָבער, אַז איך בין גליקלעך. איך בין דער גליקלעכער צווישן די גליקלעכע".

„עס טרעפן אויך אַזעלכע מאָמענטן, וואָס איך זע גאָר אינגאַנצן קיין ספרים נישט, נאָר מענגעם מענטשן און רייען גאַנצע פון פאַרשוואונדענע דורות. און ווי הויך און יראת־הרוממותדיק די מענטשן זענען... און פון אונטער די פּיס פון די מענגעם מענטשן, וואָס גייען פון די שאַפעס אַרויס,

ציען זיך טייכן בלוט... און אין דעם בלוט שיינען פון די צעבראָכענע און צעשטויבטע גופים אַזעלכע הייליקע און הויכע נשמות ארויס...

„און דאָ בין איך נישט אליין... דאָ זע איך די ליכטיקע און גוטע וועלטן, וואָס זענען פאַר מיר, און די א י י ב י ק י י ט און די פראַכט, וואָס הינטער מיר... און דאָ... דאָ — ווי ברייט עס איז דאָ די וועלט מיינע.

„דאָ וועל איך לעבן און דאָ וועל איך אויך שטאַרבן. דאָ וועל איך ליידן, ווי עס האָבן געליטן די דאָזיקע אַלע מענגעם נשמות, וואָס שפּאַרן אויף מיר פון די אַלטע ספרים־שאַפעס, און דאָ וועל איך האָפן, ווי אָט די אַלע אומגליקלעכע האָבן געהאָפט".

„און אין מיטן... פון די ביטערע און שרעקלעכע גע־דאַנקען..., ביים אָנזען פון דער „שווידערלעכער אומשטערב־לעכקייט" פון שאַנד און שמאַך, פון קערפּערלעכע און גייס־טיקע ליידן — וואַכט אויף אין הארצן מיינעם אַ געפיל פון שטאָלץ און גבורה, ווען איך זע, אַז... די דאָזיקע אומגליקלעכע לעבן און עקזיסטירן... צווישן צעפּוילטע קאַסטנס און שאַפעס, צווישן פאַרפוילטע און פאַרשימלטע בלעטער.

„אַז וואויל איז דיר ישראל. דאַן, ווען אַנדערע האָבן פאַרבאַלזאַמירט די קערפּערס פון זייערע העלדן און גבורים, האָסטו פאַרבאַלזאַמירט די נשמות פון דיינע פאַרפייניקטע מאַרטירער... און אַז וואויל איז דעם, וואָס וועט נעמען און וועט אַ קלאַפּ טון מיט די צעפּוילטע בלעטער איבער אַ פעלז אַ שטאַרקן, עס זאָל פון זיי דער פוילער שטויב זייערע אָפּגע־טרייסלט ווערן, כדי זיי זאָלן קאָנען געזען ווערן אין זייער גאַנצן גלאַנץ, אין זייער גאַנצער ריינקייט"...

* * *

אַ חוץ, אַזוי צו זאָגן, אַ פיזישן ארויסגיין פון נאַציאָנאַלן טעמפּן ווינקל, האָט פייערבערגס דור (און אונזערער דען נישט?...) פּראַקטיצירט נאָך איין מין ארויסגיין פונם טעמפּן

ווינקל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן איבערברוך אינם גייסטיק־נאַציאָנאַלן לעבן פון פאָלק: אַ גייסטיקער ארויסגיין. דער דאָזיקער מין ארויסגיין האָט באַקומען אַ באַרעדעוודיקן אויסדרוק ביי בערדיטשעווסקין.

אין אַ געוויסן זין פילט פייערבערג דאָס זעלבע, וואָס בערדיטשעווסקי. ווען נחמן קערט זיך אום אין זיין שטעטל, פאַרלאָזנדיק דאָס רייכע הויז פון זיין שווער, איבערלאָזנדיק דאָרט אַ שיינע פרוי און וועלטלעכע לערער, — זעט אים דאָס שטעטל אויס ווי אַ קבר: „זיינע הייזער זענען — מצבות, און די מענטשן — שאָטנס פון טויטע... טויט, פאַרשטיינערטקייט, פוילעניש...

„דאָס קראַנקע פאָלק וואַרפט זיך און קרעכצט שוין טויזנטער יאָר, און זיין ביטער קרעכצן — דאָס איז זיין ליטעראַטור אין משך פון אַ סך דורות... די דאָזיקע „נייע ליטעראַטור” (די ליטעראַטור פון דער השכלה — י. ר.) איז ענלעך אויף פיש, וואָס מען האָט אַריינגעלאָזט אין אַ כלי מיט אומריין וואַסער: זיי שווימען אַהער און אַהין, וואַרפן זיך מיט זייער גאַנצער קראַפט, שטעקן אַרויס די קעפּ פון דער כלי, כדי צו געפינען לעבן, וואָס פעלט זיי. די ליטעראַטור האָט קאָנוואולסיעס, ווי דאָס פאָלק. אויך איר דאַכט זיך אַמאָל, אַז די אויסלייזונג פאַרן פאָלק באַשטייט אין דעם, אַז פרעמדע זאָלן עס אַראָפּשלינגען...”

אַמאָל איז דאָס אַ פיזיש אַראָפּגעשלונגען ווערן, וואָס אַנ־סקי האָט אויספּרובירט און פייערבערג האָט עס אָפּגעוואָרפן, ווייל ער, פייערבערג, האָט געפילט, פּונקט ווי די ליטעראַטור, וועגן וועלכער עס איז געוועזן די רייד העכער, „אַז דאָס איז אוממעגלעך...” און אַמאָל איז דאָס אַ גייסטיקער אַוועקגיין, וואָס בערדיטשעווסקי האָט פאַרגעלייגט, און וואָס זעט פייערבערגן אויך אויס אוממעגלעך.

וואָס שייך דעם דאָזיקן פּונקט, איז כאַראַקטעריסטיש

און אינטערעסאַנט פייערבערגס אָן אָפענער בריוו צו בערדי־טשעוופסקין.

בערדיטשעוופסקי איז אַמאָל אַרויסגעטראָטן קעגן דעם סינטעז צווישן דער יידישער און דער אייראָפּעאישער קולטור. די דאָזיקע פאַראייניקונג פון צוויי קעגנזעצלעכע יסודות איז אין זיינע אויגן אַן אַנדרוגינוס. און דעריבער קומט ער צום אויספיר, אַז אין פּאַלעסטינע דאַרפן די יידן „לערנען אַלץ פון אויסן". אויף דעם ענטפערט אים פייערבערג מיט אַ פראַגע: „וואָס־זשע זאָלן מיר טון מיט דעם, וואָס מיר האָבן זיך שוין פון לאַנג אויסגעלערנט פון אינעווייניק? וואָס־זשע זאָלן מיר טון מיט יענע ווערטן, געדאַנקען און באַציאונגען צו אַנדערע, וואָס אונזערע הערצער און אונזער בלוט האָבן אַריינגעזאַפּט אין זיך, אָדער נאָך בעסער, וואָס זיי גופא זענען געוואָרן אונזער האַרץ און אונזער בלוט?... איר טראָגט קעגן אונז אַרויס אַזאַ אכזריותדיקן אורטייל, וואָס ער האָט קיין ביישפּיל נישט ביי קיין שום פאָלק אויף דער וועלט. איר ווילט אַלץ צעשטערן און אָנהויבן בויען אַלץ פון סאַמע אָנהויב...

„די פיזיאָלאָגיע לערנט אונז, אַז אונזער אָרגאַניזם באַנייט זיך יעדן טאָג און אַז ער טיילט אויס פון זיך יעדע מינוט די שעדלעכע עלעמענטן און נעמט אַריין אין זיך נייע. און דאָך האָבן מיר נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון אַ דאָקטאָר, אַז כדי אויסצוהיילן אַ קראַנקן קערפּער, דאַרף מען אים צעלייגן אויף זיינע באַשטאַנד־טיילן און לגמרי טויטן. אַ קלוגער דאָק־טאָר באַמיט זיך אַריינצוגעבן אינעם אָרגאַניזם פון קראַנקן עלע־מענטן פון אַ נייַ לעבן, און אַרויסיאָגן די שעדלעכע... איר אָבער, הער בערדיטשעווסקי, ווילט צוליב אייערע נייע ווערטן טויטן אַ גאַנץ פאָלק און דערנאָך אים אָפּבויען אויפסניי.

„אַלץ — שרייבט איר — דאַרף מען נעמען פון דאָרט, אַלע זייערע ווערטן, זייער לעבן אַלס גאַנצעס און די פאָרם פון זייער לעבן, זייער אַרט דענקען אַלס גאַנצעס און די פאָרם פון זייער דענקען, זייערע אַלע באַציאונגען צו דער וועלט און

דעם וועג פון זייערע באַציאונגען... אחר? (אויף העברעאיש — „אַן אַנדערער". אַ צונאָמען, לויט אַ נעפּלדיקער טראַדיציע, פונם תנא אלישע בן־אבויה, וועלכער איז געוואָרן אַן אפּיקורס. אַ שם־נרדף פאַר אַפּטריניקע — י. ר.) אַלע דאַרפן מיר ווערן אחרים".

„טאָ דערלויבט־זשע מיר אייך צו זאָגן, אַז אויך מיר, די מזרח־אייראָפּעאישע אינטעליגענטן, באַטראַכטן די גייסטיקע אָרעמקייט פון די יידן אַלס גרעסערן און ערגערן אומגליק, ווי זייער עקאָנאָמישע אָרעמקייט, און אַז אויך מיר... האָבן אַ גרויסן פאַרלאַנג אַראָפּצוואַרפן פון זיך די פּענטעס און די גייסטיקע קייטן, וועלכע מען האָט אויף אונז אַרויפגעטון אין שלעכטע און פינסטערע צייטן, און מיר זאָגן אַקוראַט ווי איר: „מיר נויטיקן זיך אין אַ קולטור פון פרייהייט, אין אַ קולטור פון גייסטיקער פרייהייט: פרייהייט צו לעבן, פרייהייט פון גייסט און פון טאַט, די פולשטענדיקסטע מענטשלעכסטע פרייהייט". אַלץ אין הסכם מיט אייערע פאָדערונגען. מיר פאַר־לאַנגען אָבער נאָך איין פרייהייט: די גייסטיקע פרייהייט צו באַפרייען זיך פונם יאָך פון פרעמדע השפּעות. כל זמן אונ־זער קערפּער וועט לעבן, וועלן מיר גרייט זיין אויפצונעמען אין אים אַלע פרעמדע עלעמענטן פון אַרומיקן לעבן. אָבער טויטן אונזער קערפּער — אונזער מהות, ווי איר פאַרלאַנגט דאָס, — ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?"

נאָך אַ פאַרניכטנדיקער קריטיק מצד אַ מענטשן, וועלכע שטייט אינעווייניק, קעגן אַזאַ, וועלכער שטייט דרויסן, פאַר־ענדיקט פייערבערג זיין אינהאַלטרייכן, אָפּטמאָל אויסטערליש־טיפזיניקן בריוו מיט פאָלגנדיקן קלאַפּ, וואָס איז גלייכצייטיק — אַ שבועה:

„איך האָב געהערט, אַז איר רימט זיך, דאָס „די צוקונפט איז אויף אייער זייט, אַז דער קומענדיקער דור איז אויף אייער זייט", און דעריבער קום איך מיט מיין בריוו אויפצו־דעקן אייך דעם סוד, אַז דער יונגער דור, די מזרח־יידישע

אינטעליגענץ, וואַקסט און אַנטוויקלט זיך אין יידישן גייסט אויף אַלמענטשלעכע יסודות... וואָס טרוימט, ווי איר, און וואָס גייט צו דער עקדה, ווי איר, כדי אַרויסצופירן זיך און זייער דור פון מדבר, כדי אַריינצופירן דעם נייעם דור, אַ געזונטן, אַ לעבנס־פרייידיקן און פרישן אין צוגעזאָגטן לאַנד, — אָט דער דאָזיקער דור זעט אין אייך זיין ערגסטן שונא, און ער וועט קעמפן מיט אייך מיט אַלע זיינע כוחות און מעגלעכקייטן.

„הער בערדיטשעווסקי, קוקט אַריין אין די אויגן אייער שונא"*).

דער דאָזיקער קאַמף, וועלכן פייערבערג האָט געפירט מיט בערדיטשעווסקין (וועלכן בערדיטשעווסקי האָט געפירט מיט זיך גופא, קעגן דער אייגענער נשמה) איז נאָך נישט פאַרענדיקט. בכלל, אַזעלכע גייסטיקע מלחמות ווערן אַזוי לייכט נישט געוואונען פולשטענדיק, — מיר זענען געבוירן געוואָרן און מיר לעבן בעת דער דאָזיקער פאַרצוייגענער מלחמה און דעריבער באַמערקן מיר זי כמעט נישט אין די מאָמענטן, ווען זי ווערט שוואַכער (צווישן איין גרויסער שלאַכט און דער צווייטער). און פייערבערגס דאָזיקער בריוו (ווי אויך גרויסע טיילן פון זיין „וואוהין?") איז נאָך אויך היינט אַקטועל. פייערבערג האָט אַזוי גוט, אַזוי האַרמאָניש אַרויסגעפילט די הויפּט־ליניעס פון דער אומפאַרמיידלעכער אַנטוויקלונג פון אונזער נאַציאָנאַלן וועלט־ און לעבנס־געפיל.

ווי זיין ווייטער עלטער־עלטער זיידע יעקב־ישראל, האָט אויך פייערבערג געקעמפט מיטן מלאך אויף אַ ווענדפּונקט פון אייגענעם און פון נאַציאָנאַלן לעבן, און ער האָט אים נישט פריי געלאָזן, ביז יענער האָט אים נישט געבענטשט.

ער האָט זיך נישט אַ וואָרף געטון, אין פּאַנישער שרעק

---

*) אַלע פייערבערג־ציטאַטן אין דאָזיקן אַרטיקל זענען גענומען פון ש. צ. זעצערס איבערזעצונג.

פאַר דער פּלוצלונגער פוסטקייט, אין דער פרעמד; ער איז נישט אַנטלאָפן, אין פּאַנישער שרעק פאַר דער פּלוצלונגער פוסטקייט, פון זיך אַליין, — ער האָט דערזען הינטער זיין אינדיווידועלער טראַגעדיע — די נאַציאָנאַלע, און קעמפנדיק פאַר אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער לעצטער, האָט ער אויסגעלייזט אויך זיך, ווי דאָס האָט געטון זיין לערער אחד העם, און זיין, פייער־בערגס, גרויסער יורש — ביאַליק.

פייערבערג איז דער ערשטער גרויסער דיכטער פונם נאַ־ציאָנאַלן „אויפן שיידוועג", און ער האָט נישט נאָר געשילדערט זיינע שרעקן, נאָר אויך זיכער אָנגעוויזן אויפן ריכטיקסטן אויסוועג פון דער פאַרלוירנקייט, וואָס יעדער „אויפן שיידוועג" ברענגט מיט זיך.

דער קאַמף קעגן דער אייגענער נשמה

(מיכה יוסף בערדיטשעווסקי)

בערדיטשעווסקי האָט אָנגעהויבן זיין קאַמף קעגן דער לאַסט פון דער יידישקייט־ירושה אין יאָר 1896, ווען איך בין אַלט געווען איינגאַנצן אַ יאָר צייט, און דאָך מעג איך זיך באַצייכענען — און דער עיקר: איך פיל זיך — אַלס מיטצייטלער פון דאָזיקן קאַמף. דער קאַמף האָט געדויערט זייער לאַנג, אַזוי אַז איך האָב נאָך באַוויזן אַריינצוּוואַקסן אין אים. בערדי־טשעווסקיס קליינינקע פּובליציסטישע ביכלעך, אַרויסגעגעבן דורך אַ פאַרלאַג מיט אַ קאַמף־נאָמען, „צעירים" („די יונגע"), זענען נאָך געלייענט געוואָרן אויך דורך מיין דור, ווי אַקטועלע רופן, נישט ווי אַ קאַמף־געשריי פון דער ליטעראַרישער אָדער געזעלשאַפטלעכער געשיכטע, נאָר פון דער צאַפּלדיקסטער ווירקלעכקייט.

דער נאָמען בערדיטשעווסקי איז פאַר אונז „יונגע" געווען אַ קאַמפּס־פאָן, אַ קאַמפּס־לאָזונג, אַ סימבאָל פון וואַגעניש און אַן אַרויספאָדער צו עפּעס אומבאַקאַנטס, יעדנפאַלס צו עפּעס אַזוינס, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן.

דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַרע צייט — דער פרילינג פון אונזער נייסטער געשיכטע, וואָס וויקלט זיך אָפּ אונטערן צייכן פון אַקטיוו־נאַציאָנאַלע מעשים. וואָס, דאַכט זיך, באַדייט אפילו דער רייכסטער פרילינג אין פאַרגלייך מיטן קאַרגסטן זומער, וואָס ברענגט תמיד מיט זיך אַ וואָסער נישט איז שנים? און דאָך פאַרמאָגט דער באַשיידנסטער פרילינג דאָס, וואָס עס פעלט דעם רייכסטן זומער: די אין־סופיקייט פון האָפנונגען,

דאָס געפיל פון באַגליקנדיקער דערוואַרטונג אויף עפּעס, וואָס קומט קיינמאָל נישט אַזוי ווי מען שטעלט זיך דאָס פאָר.

* * *

די צוויי הויפּט־טענדענצן פון אונזער נייער ליטעראַטור — דער קאַמף קעגן דער גייסטיקער ירושה און דער קאַמף פאַר דער גייסטיקער ירושה — האָבן אויף דער שוועל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געפירט אַן אומברחמנותדיקן געראַנגל. יעדע פון די דאָזיקע צוויי טענדענצן האָט זיך פאַרקערפּערט אין איינעם פון די צוויי אינטערעסאַנטסטע פּובליציסטן און פּערזענלעכקייטן פון אונזער ליטעראַטור: דער קאַמף קעגן דער לאַסט פון דער ירושה האָט געפונען איר עקסטרעמען אויסדריקער און פלאַמיקן טריבון אין מיכה־יוסף בערדיטשעווסקין, און דער קאַמף פאַר די אוצרות און פאַר דער ברכה פון דער ירושה האָט געפונען איר טרייען ריטער און הויך־טאַלאַנטירטן אויסטייטשער אין דער פּערזאָן פון אחד העם.

ווען אחד העם האָט אין יאָר 1896 געגרינדעט דעם חודשניק „השלח", אין וועלכן זיין לערע וועגן „גייסטיקן צענטר", וועגן דער „אויפלעבונג פון די הערצער" און וועגן דער פאָדערהאַנט פונעם יודאַאיזם איבערן יידנטום האָט באַקומען אַ הילכער, — האָט ער אָנגעצייכנט פאַרן זשורנאַל איין ציל: שטיין אויף דער וואַך פון יידנטום און פון יודאַאיזם. אויף דער דאָזיקער פּראָגראַם האָט בערדיטשעווסקי רעאַגירט מיט אַן אָפענעם בריוו צו אחד העמען, וואו ער האָט פּראָקלאַמירט, אין נאָמען פון די „יונגע", אַז אַזאַ פּראָגראַם איז צו ענג פאַר זיי. ער פּראָטעסטירט דאָרט קעגן דעם, וואָס מיר צעשניידן דאָס לעבן אויף צוויי: אויף „אונזער" העלפט און אויף „נישט אונזער" העלפט און דורך דעם „פאַרגרעסערן מיר דעם אַזוי אויך גענוג טיפן גייסטיקן ריס אין די הערצער פון אונזער יוגנט. מען קאָן נישט אָפּטיילן דאָס נאַציאָנאַלע פונעם אַלמענטשלעכן און באַשטימען די יידישע ליטעראַטור

אויסשליסלעך פֿאַר אונזערע נאַציאָנאַלע באַדערפֿענישן, און נאָך אַלמענטשלעכעם אָפּשיקן צו אַנדערע ליטעראַטורן".

די דאָזיקע מעסיקע פֿאָדערונג איינצושליסן אויך אַל־מענטשלעכע פּראָבלעמען אינם קרייז פֿון דער יידישער ליטע־ראַטור און פֿון יידישן לעבן, האָט אין די פֿאָלגנדיקע יאָרן זיך אַנטוויקלט אין אַן עכטער גייסטיקער רעוואָלוציע פֿון יונגן דור קעגן אחד העמס לאָזונגען צו באַנייען דעם יודאַאיזם, אַריינגיסן אין אים אַלע אונזערע כוחות און געבן דער אַלטער גייסטיקייט נייע, באַנייטע פֿליגלען.

די „יונגע", — אונטער בערדיטשעווסקים שיינרעדנערי־שער פֿירערשאַפֿט, — איז שוין נישט גענוג עפּעס צוצוגעבן צום יודאַאיזם, כדי באַפֿרייט צו ווערן פֿון זייער אינערלעכער יידישער צעשפּאָלטנקייט. זיי שפּירן, אַז זיי זענען בכלל מיד פֿונם יודאַאיזם, וועלכער האָט פֿאַרלוירן זיין באַפֿליגלטע גייס־טיקע לייכטקייט און איז געוואָרן אַ דריקנדיקע לאַסט. בערדי־טשעווסקי נעמט רופֿן צו אַ רעוואָלוציע אין יידישן לעבן: אַרויסוואַרפֿן פֿון אונזער לעבן דעם יאָך פֿון דער ספּעציפֿישער יודאַאיסטישער גייסטיקייט.

נישט צום ערשטן מאָל האָט זיך געלאָזט הערן אַזאַ רוף אין אונזער געשיכטע, און בערדיטשעווסקים קליינינקע ביכלעך־מאַניפֿעסטן, אונטער כאַראַקטעריסטישע טיטלען: „ווערטן", „אויפֿן שיידוועג" (דער דאָזיקער לעצטער איז אידענטיש מיטן באַרימטן נאָמען פֿון אחד העמס פֿיר בענדער: ביידע שטייען זיי אויפֿן שיידוועג, אָבער יעדער איינער פֿון זיי רופֿט אין אַן אַנדער ריכטונג), וועלכע האָבן דערקלערט אַ מלחמה דער אַל־טער ירושה, רופֿן צו די אַלטע טראַדיציעס פֿון די יידישע גייס־טיקע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן שוין אין אָנהויב פֿון דער אַנטוויקלונג פֿונם יודאַאיזם נישט געוואָלט בויגן דעם קאָפּ פֿאַר אים. בערדיטשעווסקי רופֿט צו דער טראַדיציע פֿון די „נביאי־השקר", פֿון די פֿאַלשע נביאים, וועלכע בערדיטשעווסקי האָט רעהאַביליטירט פּובליציסטיש, איידער טשערניכאָווסקי

האָט זיי רעהאַביליטירט דיכטעריש; ער רופט צו דער טראַדי־ציע פון די העלעניסטן, פון די אַלע אחרים פון דער יידישער געשיכטע. (אחר — אלישע בן־אבויה, אַ יידישער חכם פון דער תנאים־עפּאָכע, וועלכער איז געוואָרן אַן אפּיקורס און אַן אָפּ־טריניקער. „אחר” איז געוואָרן אַ טאָפּל־שניידיקער סינאָנים סיי פון אַן אָפּטריניק, סיי פון אַ גייסטיקן רעוואָלוציאָנער. פאַר אַ סך איז דער דאָזיקער נאָמען אַ סימבאָל פון קאַמף פאַר גייסטיקער פרייהייט פון די רעליגיעזע קייטן פון יודאַ־איזם).

לויט בערדיטשעווסקים מיינונג, — וועלכער האָט זיך דאָן געפונען אונטער דער שטאַרקער השפּעה פון דעמאָלטיקן גע־דאַנקען־באַהערשער ניטשע, — האָט דער יודאאיזם פאַרשלונגען די יידישע נאַציע אַלס נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט נעבן אַנדערע נאַציעס־אינדיווידואַליטעטן*), פּונקט ווי דער זעלבער יודאאיזם האָט פאַרשלונגען די אינדיווידואַליטעט פון יעדן יידישן יחיד, וואָס איז פאַרשקלאַפט ביי אַן אַבסטראַקטער, קערפּערלאָזער גייסטיקייט און איז אָפּגעריסן פון דער נאַטור, פון שיינקייט. אין איינעם פון זיינע פּלאַמיקע, ליידנשאַפטלעכע אַרטיקלען־פּאָעמעס, זאָגט זיך בערדיטשעווסקי אַנטשיידן אַרויס קעגן יידישן „ספר” (דער סימבאָל פון גייסט) און פאַר דער געצנדינערישער „שווערד” (סימבאָל פון קראַפט).

מיט איין וואָרט, בערדיטשעווסקי, אונטער דער השפּעה פון ניטשעס אידייען און טערמינאָלאָגיע, רופט צו אַן איבער־שאַצונג פון אַלע ווערטן.

דער דועל צווישן בערדיטשעווסקין און אחד העמען איז געווען, אין דער אמתן, אַ קאַמף צווישן צוויי טענדענצן פון אונזער לעבן אויפן שיידוועג פון דער נייסטער יידישער גע־שיכטע. און דער דאָזיקער קאַמף איז געפירט געוואָרן נישט

*) אגב, ניטשע האָט געהאַלטן, אַז אַלע קריסטלעכע פעלקער האָבן פאַרלוירן זייער אינדיווידואַליטעט צוליבן קריסטנטום...

נאָר פּובליציסטיש — ער האָט געפונען אַ בולטן אויסדרוק אויך אין אונזער בעלעטריסטיק. בעת ביי ביאַליקן האָט געזיגט אחד העמס טענדענץ, האָט בערדיטשעווסקי געפונען אין טשערניכאָווסקין אַ טאַלאַנטירטן מיטקעמפּער קעגן דער היס־טאָרישער טראַדיציע פון יודאַאיזם.

טשערניכאָווסקי אבער איז געווען בערדיטשעווסקיס אַ מיטקעמפּער נישט נאָר לויט די אידייען, נאָר אויך לויט דעם בעלעטריסטישן קאַמף. בערדיטשעווסקי האָט געשריבן זייער אַ סך בעלעטריסטישע ווערק, אין וועלכע ער האָט זיך באַמיט צו שילדערן — אין ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן — די קרבנות פון דער יידישער פּאַן־גייסטיקייט, וואָס האָט געשאַפן אינער־לעך־צעשפּאָלטענע אינטעליגענטן. ער האָט דורך די דאָזיקע געשטאַלטן געשילדערט זיין אייגענעם אינערלעכן קאַמף, דעם קאַמף צווישן דעם אדאָפּטירטן ניטשעאַניזם און דעם געירשנטן יודאַאיזם.

* * *

אחד העם און בערדיטשעווסקי זענען געווען אַנטיפּאָדן; עס האָט זיך שוין נישט געהאַנדלט וועגן קריטיקירן דעטאַלן און וועגן באַשטעטיקן דעטאַלן, — עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן יודאַאיזם אַלס גאַנצעס, וועגן יודאַאיזם אַלס לעבנס־גע־פיל און לעבנס־פירונג. עס האָט זיך אפילו נישט געהאַנדלט וועגן דירעקטע וואָרט־געפעכטן צווישן די צוויי: אַלץ, וואָס אחד העם האָט געשריבן איז געווען געווענדט קעגן בערדי־טשעווסקין, אפילו ווען ער האָט אים פּערזענלעך נישט אין זינען געהאַט. און דאָס זעלבע איז גילטיק וועגן בערדיטשעוו־סקיס מאַניפעסטן. נישט צוויי שרייבער האָבן פּאָלעמיזירט — צוויי וועלט־אַנשויאונגען זענען געשטאַנען איינע קעגן דער צווייטער.

אחד העם האָט מיט רעכט באַטראַכט דעם יודאַאיזם אַלס מענטשלעכסטע און מענטשלעך־שלימותדיקסטע עטישע לערע, וואָס אַדלט דאָס יידישע פאָלק און מאַכט אים ראוי אויפצו־

לעבן, בעת בערדיטשעווסקי האָט געזען אין יודאַאיזם דעם אומגליק פון יידישן פאָלק, — ער האָט פאַרקריפּלט זיין געשיכטע און ער שטערט זיין אויפלעבונג.

אָבער צווישן די דאָזיקע צוויי מער אומפּערזענלעכע, ווי פּערזענלעכע קעמפער איז געווען אַ „קליינינקער" אונטערשיד: אחד העם האָט געקעמפט פאַרן אינהאַלט פון זיין נשמה, בעת בערדיטשעווסקי האָט געקעמפט קעגן זיין אייגענער נשמה.

אחד העם איז געווען אַ גאַנצער מענטש און אַ מאָנאָליטער דענקער. קורץ פאַר זיין טויט, אין 1927, ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן נקמה גענומען, פאַר אַראַבישע רציחות, אין אַן אַראַביש קינד, האָט ער געשריבן: „אויב דאָס איז דער משיח, טאָ זאָל ער קומען, אָבער איך וויל אים נישט זען!" אין יידנטום איז אים ביז צולעצט טייער געווען דער יודאַאיזם, זיינע עטישע ווערטן.

בערדיטשעווסקי אָבער איז אַליין קראַנק געווען אויף דער קראַנקהייט, וועלכע ער האָט געוואָלט באַקעמפן: די גייסטיקע צעשפּאָלטנקייט פון יידישן אינטעליגענט. בערדיטשעווסקי האָט אַליין נישט געלעבט בשלום מיט זיין טעאָריע, ווייל זי איז אים געווען פרעמד, זי איז געווען אַן אויסדרוק בלויז פון אינערלעכן קאָנפליקט אין אים גופא, דאָס איז געווען אַ בונט קעגן בערדיטשעווסקיס אייגענער נשמה, וואָס איז געווען אַ מוסטערהאַפט־יידישע. עס איז גענוג צו וואַרפן אַ שנעלן בליק אויף זיין ביאָגראַפיע, כדי קלאָר איינצוזען, ווי אָנמעכטיק בערדיטשעווסקי איז געווען אין זיין קאַמף קעגן דער אייגענער נשמה.

געבוירן אין 1865 אין אַ רבניש־חסידישער פאַמיליע, האָט ער באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג. הגם ער איז אין דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה געוואָרן אַן אפיקורס און זיך גענומען צו וועלטלעכער זעלבסט־בילדונג, דאָך שרייבט ער אין יענער צייט די געשיכטע פון דער וואָלאָזשינער ישיבה, וואו ער רופט זיך אָפּ מיט באַגייסטערונג וועגן דער „אויסערגעוויינלעכער התמדה פון די ישיבה־לייט", וועגן זייער ענטוזיאַזם

און דער מסירת־נפשדיקער איבערגעגעבנקייט דער וויסנשאַפט. זיין דאָזיקע ארבעט איז אין אַ געוויסן זין אַ פּראָזאאישער פּראַטאָטיפּ פון ביאַליקס פּאָעטישן „המתמיד". בערדיטשעווסקי, דער אַפּאָסטאָל פון דער שווערד קעגן ספר, אַנטציקט זיך מיט דער התמדה ביים לערנען תלמוד, הגם ער איז שוין אַליין אוועק פון אים! און נישט נאָר פאַר דער התמדה פון די ישיבה־לייט בויגט די קני דער דאָזיקער צוקונפטיקער תלמיד פון ניטשע, דער ריטער פון שווערד, — ער איז פול מיט יראת הכבוד אויך פאַר דער גייסטיקער גרויסקייט פון די שעפער פון תלמוד.

אַז דער דאָזיקער ערשטער אַקאָרד פונם שרייבער בער־דיטשעווסקי איז נישט געווען קיין צופעליקער, באַווייזט זיין גאַנץ לעבן און אפילו אַ גרויסער טייל פון זיין שריפטשטע־לערישער טעטיקייט.

צוריקגעקערט אַהיים פון וואָלאָזשין, קאָן ער זיך לאַנג נישט האַלטן אין שטעטל: ער איז אין אָנגעשטרענגטע באַצי־אונגען אי מיט זיין פאָטער דעם רב, אי מיט זיין שטיף־מוטער, אי מיט זיין פרוי. אַלס 24־יאָריקער יונגערמאַן פאַרלאָזט ער זיין היימישן בערשאַד, אין פּאָדאָליע, וואַנדערט ארום פון שטאָט צו שטאָט, ביז ער קומט אָן קיין אָדעס, וואו ער געפינט אַ צייטווייליקן מקום־מקלט.

פון אָדעס שיקט בערדיטשעווסקי אַ גט זיין פרוי און פאָרט אוועק קיין בערלין לערנען. נאָכן ענדיקן דעם פילאָזאָפישן פאַ־קולטעט פון ברעסלויער אוניווערזיטעט, באַזעצט זיך בערדי־טשעווסקי אין בערלין, וואו ער וואוינט, ווייט פון געזעלשאַפט, מיט זיין צווייטער פרוי, דער העלפערין און מיטאַרבעטערין אין זיין אומדערמידלעכער אַרבעט. דער וואָלאָזשינער אַרט לעבן, מיט וועלכן ער האָט זיך אַנטציקט אין דער יוגנט, איז געוואָרן פאַר אים זיין נאַטירלעכער לעבנס־עלעמענט. בערדי־טשעווסקי האָט געלעבט אין בערלין ביזן סאַמע טויט (1921) ווי אַן אמתער פּרוש, אַריינגעזונקען כסדר אין דער העבראישער

און טײלװײז אױך אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַ שטראָם פֿון בעלעטריסטישע, פּובליציסטישע און װיסנשאַפֿטלעכע װערק.

דער דאָזיקער פּרוש, װעלכער האָט געװאָלט רעהאַביליטירן די נביאי־השקר, װעלכער האָט גערופֿן צו דער נאַטור, צום קולט פֿון שײנקײט, קעגן קולט פֿון דער יודאַיסטישער עטיק, — דער דאָזיקער ניטשעאַנישער פּרוש (און איז דען ניטשע גופא נישט געװען אַ מין בלאָנד־בעסטיעדיקער פּרוש?) האָט אָנגעשריבן אױף דײטש אַ בוך װעגן דער שײכות צװישן עטיק און עסטעטיק, ער האָט געקענט און פֿאַרהערלעכט בלױז די נאַטור און די שײנקײט פֿון ביכער, פֿון װעלכע ער האָט נישט געקאָנט און נישט געװאָלט זיך אָפּרײסן, װײל זײ האָבן באַפֿרידיקט זײַן נשמה פֿון אַ ייִדישן פּרוש. ער האָט געבונטעװעט קעגן זײַן נשמה, װי עס בונטעװען (אָנמעכטיק!) אַ סך ליבנדיקע קעגן דעם אָביעקט פֿון זײער פֿאַרהערלעכונג.

עס איז אינטערעסאַנט, װאָס אױך זײַן אַלטער פֿאַנאַטיש־רעליגיעזער פֿאָטער (װעלכער איז אומגעקומען, אגב אורחא, מיט אַ טראַגישן טױט בעת די אוקראַינישע שחיטות אין 1919, אין דובאָװ) האָט אַרױסגעפֿילט אין זײַן זון עפּעס נאָענטס און אײגנס, דעם קערן פֿון יודאַאיזם, פֿון ייִדישער טראַדיציע, און הגם ער האָט געװײטיקט פֿון דעם, װאָס זײַן זון איז אױסער־לעך אַװעק פֿון ייִדנטום, האָט ער דאָך געהאַט צו אים דרך־ארץ פֿאַר דער ייִדישער רײנקײט פֿון זײַן נשמה.

בערדיטשעװסקי, װאָס זײַן פֿרעדיקן איז געװען אַן אמתע רעװאָלוציע אין אונזער לעבן, און עס האָט געהאַט אַזאַ גרױסע השפּעה אױפֿן יונגן דור און אױפֿן גאַנג פֿון אונזער געשיכטע און ליטעראַטור, — דער דאָזיקער בערדיטשעװסקי איז אַלײן נישט אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער השפּעה פֿון זײַן אײגענעם פֿרעדיקן און איז געבליבן אומבאַרירט פֿון אים.

און עס איז געקומען דער אומפֿאַרמײַדלעכער מאָמענט, װען בערדיטשעװסקי האָט זיך אױסגעהײלט פֿון זײַן צעשפּאַלטנ־

קייט: ער האָט זיך אומגעקערט צו די אַלטע קוואַלן פון יודאַ־איזם, ער האָט שלום געמאַכט מיטן עלעמענט פון זיין נשמה. ער האָט זיך פאַרטיפט אין תנ״ך און געאַרבעט איבער אַ גרויס ווערק וועגן ביבל־קריטיק; ער האָט זיך פאַרטיפט אין יידישן פאָלקלאָר פון די אור־עלטסטע צייטן ביזן חסידיזם. דאָס דאָזיקע ווערק אין זעקס בענדער — אַן ענציקלאָפּעדיע פון דער דיכטונג און חכמה פון יודאַאיזם — איז דערשינען אי אין העברעאיש („מני קדם" — „פון אור־אַלטע צייטן"), אי אין דייטש („דער באָרן יודאָס" — „דער קוואַל פון יידנטום"). בערדיטשעווסקי, וועלכער האָט גערופן דעם יונגן דור אָפּצו־קערן זיך פון יידישן בוך, וואָס טויט די גאַנצקייט פון דער נשמה, האָט זיך אַליין פאַרטיפט אין יידישן בוך, האָט אים געוואָלט אָפּראַטעווען פאַרן זעלבן יונגן דור, כדי ער זאָל דער־ווערבן די איינהייט פון דער נשמה. אויב בערדיטשעווסקי האָט פריער פאַרשריבן דעם יונגן דור אַ רעצעפּט פון אָפּוואַרפן די גייסטיקע ירושה, האָט ער איצט אים פאַרשריבן אַ רעצעפּט פון אָננעמען די ירושה.

בערדיטשעווסקי, דער לערער פון טשערניכאָווסקין, דעם באַזינגער פון די „נביאי השקר", האָט געטון דאָס זעלבע, וואָס ביאַליק, דער שילער פון אחד העמען, אין זיין בוך „ספר האגדה".

בערדיטשעווסקי, ווען די אייראָפּעאישע קולטור האָט פאַרבלענדט אויף אַזוי ווייט, אַז זיין נשמה איז צעריסן געוואָרן, האָט געשטעלט אַ פאַלשן דיאַגנאָז פון זיין קראַנקהייט. (דאָס זעלבע איז געשען אויך מיט אַ צווייטער אויסטערלישער פּער־זענלעכקייט פון דער יידישער פּובליציסטיק, מיט נתן בירנבוי־מען, וועלכער איז באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים מתתיהו אחר. אָבער בירנבוים האָט זיך אומגעקערט און טאַקע ווי־שאַשקאָוו*): נישט נאָר צו דער יידישער קולטור, נאָר אויך צו

*) זע ווייטער, אין אַרטיקל וועגן אַנ־סקין.

דער יידישער רעליגיע מיט אַלע אירע טראַדיציאָנעלע אָנשיכ־טונגען). ער האָט געפילט זיין צעשפּאָלטנקייט און ער האָט געזען די צעשפּאָלטנקייט פון דער יידישער אינטעליגענץ און איז געקומען צום אויספיר, אַז די טראַגעדיע פון צעשפּאָלטנ־קייט קאָן מען באַזייטיקן נאָר דורך אָפּקערן זיך פון דער ספּעצי־פיש־יידישער נידעריקער קולטור; אָבער סוף־כל־סוף איז ער זעעוודיק געוואָרן און איינגעזען, אַז די דאָזיקע צעשפּאָלטנקייט פון דער יידישער נשמה איז ריכטיקער צו היילן דורך אַ סינטעז צווישן די בעסטע עלעמענטן פון דער גלייכוועדטיקער (און אפילו העכערער) קולטור פון יודאאיזם און די בעסטע עלע־מענטן פון דער אַלוועלטלעכער קולטור. אויך אין בערדיטשעוו־סקין, ווי ביי אַ סך אַנדערע, — ווי אין דער יידישער ליטעראַטור אַלס גאַנצעס, — האָט זיך פאַררונדיקט דער קרייז פון די הויפּט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור: פון דער שאַרפ־סטער קריטיק, וואָס האָט אָנגענומען די פאָרם פון פולער פאַרניינונג, איז ער צוריקגעקומען איבערנעמען די ירושה.

ער האָט, ענדלעך, דערזען דאָס, וואָס עס האָבן פאַר אים געזען אַזויפיל פון די בעסטע פאָרשטייער פון דער מערב־איי־ראָפּעאישער יידיש־אָפּשטאַמיקער אינטעליגענץ, פון היינריך היינען ביז גוסטאַוו לאַנדויערן, פון בובערן ביז אַרנאָלד צוויגן: אַז דאָס מזרח־אייראָפּעאישע טראַדיציאָנעל־קולטורעלע יידנטום שטייט העכער פאַר דעם מערב־אייראָפּעאישן, וואָס איז דער־צויגן געוואָרן בלויז אויף דער אייראָפּעאישער קולטור. דאָס דאָזיקע מערב־אייראָפּעאישע יידנטום, וועמען בערדיטשעווסקי האָט, אין זיין גייסטיקער פאַרבלענדעניש, געוואָלט איבערגעבן די אָנפירערשאַפט אין פּראָצעס פון אונזער נאַציאָנאַלער אויפ־לעבונג, איז אַ סך מער גייסטיק געשפּאָלטן, ווי דאָס מזרח־אייראָפּעאישע, — און נישט נאָר דאָן, ווען עס געפינט זיך נאָך גייסטיק אין געטאָ, נאָר אויך נאָכן אַרויסגיין פון דאָרט. דאָס מערב־אייראָפּעאישע יידנטום ווערט אַסימילירט אין דער איי־ראָפּעאישער קולטור (אפילו אין זייער נאַציאָנאַלער באַוועגונג),

בעת דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום אסימילירט די אייראָ־פּעאישע קולטור.

* * *

אין בערדיטשעווסקים גייסטיקער ביאָגראַפיע איז פאַראַן איין מאָמענט, וואָס רופט אַרויס שטוינונג, שיעור נישט אַן אַקסל־קוועטשעניש.

בעת זיין פּובליציסטישן און בעלעטריסטישן קאַמף קעגן יודאאיזם, האָט בערדיטשעווסקי אָנגעשריבן דאָס „ספר הסידים" („דאָס בוך וועגן חסידים"), וואו ער שילדערט די האַרמאָנישע וועלט פון חסידיזם, אין קעגנזאַץ צו די גייסטיק־צעשפּאָלטענע יידן. דער חסידיזם איז פאַר אים „אַ נייער לעבנס־קרייז („חוג חיים חדש"), אַ יידיש־מענטשלעכער קרייז, אַ לעבנס־קרייז, וואָס איז דורך און דורך ניי, און דאָך וואַרצלט ער נישט אויס דאָס אַלטע מיט אַ כיוון". דער חסידיזם האַלט איין, לויט אים, די אַלטע פאַס און גיסט זי אָן מיט נייעם וויין. שווער איז „צו צעברעכן די פאַס און אויפהיטן איר וויין, אָבער נאָך שווערער איז אַריינצוברענגען ניי לעבן אין אַן אור־אַלטער הילע און גיין מיט אַ נייעם לעבנס־דרך נישט אַוועקוואַרפנדיק די מסורה און די אור־אַלטע ירושה". פאַר אים איז דער חסידיזם, ווי מען זעט, דער סינטעז צווישן דעם אות־פאַרגליווערטן, לעבן־אויסגעטריקנטן ראַביניזם און דער יידנטום־פאַרלאָזנדיקער השכלה.

און בערדיטשעווסקי איז געוואָרן, נעבן פּרצן, דער באַ־זינגער פון חסידיזם, וועלכער גיט זיינע אָנהענגער די „פולע אינערלעכע פרייהייט", ווייל דער חסידיזם צעשטערט, לויט בערדיטשעווסקין, דעם טויטנדיקן אות פון געזעץ.

אָבער דאָ שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס רעכנט בער־דיטשעווסקי צו דעם חסידיזם צו די באַוועגונגען, ווי די נביאי השקר און העלעניזם, וואָס פאַרלייקענען דעם יודאאיזם? האָט זיך דאָך דער חסידיזם גופא געפונען צווישן די אָביעקטן פון דער שאַרפסטער קריטיק פאַר זיין פאַנאַטיזם און אָבערגלויב־

בערישקייט, פאַר זיין קולט פון די „צדיקי השקר" (די פאַלשע צדיקים)! געווים, בערדיטשעווסקי האָט געהאַט אין אויג דעם אָפּגערייניקטן חסידיזם. אָבער צי דען האָט ער זיך נישט גע־קאָנט פאָרשטעלן אויך אַ ריינע מתנגדישע וועלט? האָט דאָך אויך דאָס מתנגדישע יידנטום געהאַט גוטע אייגנשאַפטן! זענען דען הלל הזקן, רבי עקיבא און דער חפץ חיים געווען חסידים? און צי זענען דען אַלע חסידישע רביים געווען רבי נחמנס פון בראסלאוו?

און חוץ דעם: ווי אַזוי קאָן מען נעמען די צעשפּאָלטענע אינטעליגענץ פון אונזער דור און איר אַנטקעגנשטעלן דעם נישט צעשפּאָלטענעם חסידיזם? אויך די מתנגדישע אָרטאָ־דאָקסיע איז נישט געווען גייסטיק צעשפּאָלטן! און די קאַליע געוואָרענע חסידישע יונגעלייט, פון בערדיטשעווסקיס שניט, זענען געווען צעשפּאָלטן פונקט ווי די קאַליע געוואָרענע מתנגדי־שע יוגנט!

און ווייטער: דער חסידיזם איז געווען אַ באַוועגונג, וואָס האָט געדאַרפט רייניקן דעם יודאַאיזם, וועלכער איז אַריינגע־פאַלן אין געפאַנגענשאַפט ביי די טויטנדיקע קוצו של יודס, טאָ ווי אַזוי האָט איין און דער זעלבער מענטש געקאָנט אי באַ־גייסטערן זיך מיטן חסידיזם, וואָס שאַפט גאַנצע פּערזענלעכ־קייטן, אי פאָדערן פולשטענדיק אָפּצוזאָגן זיך פון יודאַאיזם, וואָס האָט דאָך געשאַפן די דאָזיקע חסידישע פאָרם זיינע, פונקט ווי ער האָט געשאַפן די פריערדיקע בונטאַרישע באַוועג־גונגען פון יודאַאיזם יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט פאַרשטיי־נערט ווערן? עס איז אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס בערדיטשעוו־סקי האָט באַטראַכט דעם חסידיזם אַלס קעגנזאַץ צום יודאַאיזם און נישט אַלס זיין סינטעז. דאָס איז נאָך מערקווירדיקער דער־פאַר, ווייל בערדיטשעווסקי האָט דאָך נישט געהאַט פאַר זיך דעם לעבעדיקן ביישפּיל פונם חסידיזם פון בעל־שם און נחמן בראסלאווער, נאָר דעם דעקאַדענטן חסידיזם.

ערשט שפּעטער, ווען בערדיטשעווסקי האָט אָנגענומען

און באגריפן די טענדענץ פון איבערנעמען די ירושה, איז זיין באציאונג צום חסידיזם געווארן א נארמאלע, א פרצישע. אבער דאן האט זיך שוין זיין באציאונג נישט באגרענעצט מיטן חסידיזם, נאר זי האט זיך אויסגעשפרייט אויף אלע אונזערע גייסטיקע ווערטן.

די דאזיקע מאדנעקייט קאן מען דערקלערן בלויז מיט דעם, וואס בערדיטשעווסקים נשמה, — קעגן וועלכער ער האט אויפגעהויבן א בונט אין זיין צעשפאלטנקייט צווישן יודאאיזם און דער אייראפעאישער קולטור, — האט זיך אינסטינקטיוו, אין איר פארלוירנקייט, אנגעכאפט פאר א מעכטיקן זייל פון יודאאיזם, פארן יינגסטן און פרישסטן פאעטישן און גייסטיקן שפראצל זיינעם, כדי צו האבן אן אנהאלט בעתן שטורעם, כדי אים קאנען איבערוואַרטן אין א באקוועמען, פאר אים גע־וואוינטן, גייסטיקן מקום מקלט.

דער פאַרבלאָנדזשעטער פאָלקסטימלער

(ש. אַנ־סקי)

פאַראַן קלייניקייטן, וועלכע לאָזן איבער אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק, — נישט נאָר מיר קאָנען זיי קיינמאָל נישט אויסמעקן פון אונזער זכרון, נאָר זיי האָבן אַ ריזיקע השפּעה אויף אונזערע באַציאונגען צו מענטשן און געשעענישן. באַמערקסט צופעליק אַ פּנים אין אַ דאָרפיש שטיבעלע, אַרויסקוקנדיק פון אַ וואַגאָן־פענסטער פון אַ לויפנדיקער באַן, אָדער דו באַמערקסט אַ פּנים אין דער ראַם פון אַ וואַגאָן־פענסטער, ווען די באַן פליט פאַרביי אייער זומער־וואוינונג, און אַ גאַנץ לעבן טראַכסטו וועגן דאָזיקן פּנים, ווילסט אויסטרוימען די פעלנדיקע דעטאַלן, — ווער איז עס געווען, וואו איז ער איצט, — פילסט זיך געבונדן מיט אים דורך אַ באַנד פון אַ שאַרפער איבערלעבונג, און די דאָזיקע באַנד איז שטאַרקער פאַר יענער, וואָס פאַרבינדט אונז מיט מענטשן, וועלכע מיר קענען שוין פון לאַנג, מיט וועלכע מען באַגעגנט זיך אין משך פון דרייסיק יאָר אויף דער גאַס, ביי באַקאַנטע, אין געזעלשאַפטלעכע ערטער...

אויך אין געביט פון אונזערע ליטעראַרישע צוגעבונדנקייטן שפילן אַ גרויס׳ ראָלע די אויבן אויסגערעכנטע קלייניקייטן. פאַראַן שרייבער, וועלכע דו קענסט גוט נישט נאָר לויט זייערע ווערק, נאָר אויך פון פערזענלעכער לאַנגיאָריקער באַקאַנטשאַפט, און דאָך האָסטו נישט צו זיי קיין וואַרעם, אינטים געפיל. אונזער באַציאונג צו זיי דרינגט נישט אַריין טיפער פון די אויבערשטע שיכטן פון אונזער באַוואוסטזיין און זכרון. און פאַרקערט ווידער: פאַראַן שרייבער, מיט וועלכע מיר זענען

פאַרבונדן מיט די צאַרטסטע פּעדים פון געפיל נאָך איידער מיר האָבן זיך ווי געהעריק באַקענט מיט זייערע ווערק. און דאָס איז אַ רעזולטאַט פון צופעליקע קליינינקייטן, פון פּסי־כאָלאָגיע — דער דאָזיקער ראַפינירטער כישופמאַכערין.

אָט אַזעלכע קליינינקייטן, פּסיכאָלאָגישע „קורצשלוסן", האָבן מיך פאַרבונדן מיט אַנ־סקין נישט נאָר איידער איך האָב זיך באַקענט מיט זיינע ווערק, נאָר אויך אַ סך שטאַרקער, ווי דאָס וואָלטן געקאָנט באַווייזן זיינע ווערק.

אַזעלכע קליינינקייטן זענען געווען דריי.

מיט עטלעכע יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געקומען האַלטן אַ רעפעראַט אין מיין היימישן ביאַליסטאָק וו. זשאַבאָטינסקי. צוגעדריקט צו דער באַלוסטראַדע פון דער גאַ־ליאָרקע דורך אַ ריזיקער מענטשן־מאַסע, האָב איך אפילו נישט געשפּירט דעם דאָזיקן שרעקלעכן דרוק, אויף אַזוי וויט בין איך געווען פאַרכאַפּט פונם אינהאַלט פון דאָזיקן רעפעראַט וועגן אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, און פון זיין מייסטער־האַפטער פאָרם. און אָט זענען געפאַלן — איך געדענק דאָס ווי איצט, און דאָס האַרץ שטאַרבט אָפּ, ווי דאַן! — פאָלגנדיקע ווערטער: „אונזער זייער חשובער שרייבער ראַפּאָפּאָרט". די דאָזיקע ווערטער זענען מיר אַריינגעפאַלן גלייך אין דער נשמה און ווי אין אַ וויכער האָבן זיך געגומען דרייען — אינגאַנצן אין משך פון אַ צענטל פון אַ רגע! — געדאַנקען און געפילן. איך בין תיכף געקומען צו זיך: דאָס איז וועגן אַנ־סקין. אָבער דאָס געפיל, וואָס יענער פּסיכאָלאָגישער שאָק האָט אַרויסגע־רופן אינעם בחורל, וואָס האָט געהאַט אָנגעהויבן צו שרייבן, האָט מיך אויף אַ מאָדנעם אופן דערנענטערט צו אַנ־סקי־ראַפּאָפּאָרטן: ער איז געוואָרן — פּסיכאָלאָגיש! — אַ מיטשותף אין מיין שריפטשטעלערישן גורל.

די צווייטע קליינינקייט — אַ מער ממשותדיקע! — איז געשען באַלד נאָך דעם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ש. אַנ־סקי איז געקומען קיין ביאַליסטאָק מיט אַ רעפעראַט

וועגן אונזער פאָלקלאָר. איך האָב דאַן צום ערשטן מאָל געזען אַנ־סקין, און ס׳האָט מיך איבערראַשט די מאַיעסטעטישקייט פון זיין געשטאַלט אפילו אין איר זקניש־קרענקלעכער געבויגנקייט. דער דאָזיקער הויכער, געבויגענער, גרויער מענטש האָט פארקערפּערט דעם מענטשלעכן אַדל אין אַלע זיינע פאָרמען: מיט אַדלקייט האָט געווייעט פון זיינע באַוועגונגען, פון זיין מאַנער אַריינצופאַלן אין איינגעהאַלטענעם פּאַטאָס, פון זיינע טרויעריקע אויגן, וועלכע האָבן שוין, וואַרשיינלעך, געוואוסט, אַז דער סוף איז נישט הינטער די הרי־חושך. ס׳איז געווען אַזוי קלאָר, אַז אַנ־סקי איז טויט־קראַנק, אַז ער האָט פּריצייטיק אויסגעשעפּט זיינע הערקולעסישע כוחות אין פריייוויליקן דינען דער מענטשהייט און זיין אייגענעם פאָלק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זעען דעם שאָטן פון טויט, וואָס גייט אים נאָך, געמיין פאַרגנבעט, טריט ביי טריט. און דאָס, וואַרשיינלעך, האָט צוגעגעבן נאָך מער זין זיין פּרעכטיקן רעפעראַט. ווען אַנ־סקי האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט גרויס ענטוזיאַזם וועגן דער באַרימטער פאָלקס־דערציילונג וועגן יוסף די לאַ־רינה, — אַ דערציילונג, וועלכע אַנ־סקי האָט געהאַלטן פאַר דער אַנטציקנדיקסטער און טיפזיניקסטער אינם פאָלקלאָר פון אַלע פעלקער, האָבן מיר איבערגעלעבט אומפאַרגעסלעכע מאָמענטן. דאָס איז נישט געווען קיין איבערדערציילונג פון דער דערציילונג, ווי אַזוי יוסף די לאַ־רינה האָט אַרויסגעכאַפּט די שווערד ביים מלאך־המוות און האָט שיעור נישט באַפרייט די מענטשהייט פון אומברחמנותדיקסטן שונא, — דאָס איז געווען אַ זעלבשטענדיקע שאַפונג פון אַ דיכטער־דענקער, וועלכער באַנוצט זיך מיט אַ פאָלקס־דערציילונג, ווי מיט אַ שפרונג־ברעט פאַר דער זעלבשטענדיקער אינספּיראַציע און פאַרן זעלבשטענדיקן טיפזין.

ווי שטאַרק מיר האָבן באַדויערט — צוזאַמען מיט אַנ־סקין, — וואָס יוסף די לאַ־רינה איז נישט געווען מער אַנטשלאָסן און ער האָט דורכגעלאָזן די גע־

לעגנהייט צו באַפרייען די וועלט פון דער אייביקער שווערד...

צי פלעגט אַנ־סקי תמיד אַזוי טיף אַריינדרינגען אין די טראַגישע שיינקייטן פון דער דאָזיקער דערציילונג, אָדער ער האָט זיי אָנגעהויבן אַזוי שיין צו פאַרשטיין ערשט אין די לעצטע יאָרן פאַר 1920?

איך ווייס נישט. איך ווייס בלויז, אַז די דאָזיקע איבער־דערציילונג פון דער דערציילונג וועגן קאַמף מיטן מלאך המוח, איז איינער פון די שטאַרקסטע פעדים, וואָס פאַרבינדן מיך מיט אַנ־סקין.

און אַ דריטע „קליינינקייט".

דאָס איז געווען אין יאָר 1922 אין בערלין. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ד"ר חיים זשיטלאָווסקי זוכט אַ פּערזענ־לעכן סעקרעטאַר. איך בין אַוועק צו אים און פאָרגעלייגט מיין קאַנדידאַטור. דער באַקאַנטער פּועלי־ציוניסט כאַזאַנאָוויטש, ביי וועמען זשיטלאָווסקי האָט דאַן געוואוינט, האָט מיר אָנגעוויזן דעם צימער פון זיין גאַסט.

איך קום אַריין. איך זעץ זיך. איך זאָג אים וועגן וואָס איך בין געקומען. זשיטלאָווסקי פרעגט: „ווי איז אייער פאַ־מיליע־נאָמען?" איך זאָג אים. מיין ענטפער ווירקט אויף זשיטלאָווסקין ווי אַ קלאַפּ פון עלעקטרישן שטראָם. איין רגע בלויז און מיין באַוואוסטזיין רעגיסטרירט: אַנ־סקי—ראַפּאָפּאָרט, זשיטלאָווסקיס בעסטער פריינט, איז געשטאָרבן אינגאַנצן אַ צוויי יאָר צוריק. די וואונד איז נאָך אַזוי פריש. נישט ווילנדיק האָב איך זיך צוגעריירט צו איר.

זשיטלאָווסקי האָט באַמערקט, אַז איך האָב באַמערקט זיין אויפציטערן; און איך האָב געוואוסט, אַז זשיטלאָווסקי האָט באַמערקט אי מיין פאַרוואונדערונג, אי דאָס, אַז זי איז תיכף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַוואוסטזיין פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, אָבער מיר ביידע האָבן געשוויגן, צונויפגעבונדן מיט די געפילן אין פאַרבינדנדיקן רינג — אין אַנ־סקין.

צו קיין שום שרייבער בין איך נישט פאַרבונדן אַזוי שטאַרק, אַ דאַנק קליינינקייטן, ווי צו אַנ־סקין.

און אויף מיין צוגעבונדנקייט צו אים ווירקט לחלוטין נישט מיין קאַלטע באַציאונג צו אַ סך פון זיינע ווערק, פונקט ווי עס קאָן קיין איינפלוס נישט האָבן אויף זיין אָרט אין דער יידישער קולטור און ליטעראַטור די אָדער יענע אָפּשאַצונג פון די אָדער יענע ווערק זיינע.

וואָס פאַר אַ ווערט קאָן האָבן אַ ליטעראַרישע אָפּשאַצונג, ווען עס ווירקט אַן אינטימע צוגעבונדנקייט, געבוירן פון געפיל פון גרענעצלאָזן דרך־ארץ?

פאַר מענדעלען האָט מען געהאַט דרך־ארץ אויף אַ דיס־טאַנץ: ס'אַראַ קלוגער, שאַרפזיניקער אַלטער. שלום־עליכמען האָט מען ליב געהאַט, אָן שום חכמות, — מען האָט אים פּראָסט־פּשוט ליב געהאַט, ווייל — אדרבא, גייט זייט אַ חכם און האָט נישט ליב שלום־עליכמען! פּרץ האָט אַרויסגערופן ענטוזיאַזם, ער האָט געשאַפן אין דער יידישער ליטעראַטור אַן אַטמאָספער פון אַ חסידישער געמיינשאַפט. אַנ־סקין האָט מען געשעצט פאַר דער ריינקייט פון זיין נשמה, פאַרן מילדן ליכט פונם קרבנדיקן פלאַם, מיט וועלכן זיין נשמה האָט גע־ברענט אויפן מזבח פון דינען און זיין געטריי זיין פאָלק. אַנ־סקי איז אין אונזער ליטעראַטור געווען אַ בעל־תשובה, און אונזער יידישע טראַדיציע האַלט, אַז אַ בעל־תשובה שטייט העכער פאַר אַ צדיק.

און אַן אויפריכטיקן, ריינעם בעל־תשובה האָט מען תמיד ליב און מען באַציט זיך צו אים מיט דרך־ארץ.

אַנ־סקי איז געווען דער אויפריכטיקסטער, אָנפּניותדיק־סטער בעל־תשובה.

* * *

אַנ־סקי איז געבוירן אין יאָר 1863 אין וויטעבסק, וואו זיין מוטער האָט געהאַט אַ שענק, און דער פאָטער, אַ טיפּ פון

אַ מנחם־מענדל, האָט תמיד געדרייט פֿאַרשידענע געשעפֿטן זוייט פֿון דער היים.

דער קליינינקער שלמה זיינוול ראַפּאָפּאָרט (דער שפּעטערדיקער אַנ־סקי) האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג אין חדר, וועלכן ער האָט שפּעטער באַשריבן אין די פֿינסטערסטע פֿאַרבן.

אונטער דער ווירקונג פֿון דער השכלה־ליטעראַטור, ווי אויך פֿון דער רוסישער ראַדיקאַלער ליטעראַטור (רוסיש האָט דעם יונגן אַנ־סקי אויסגעלערנט דער 13־יאָריקער גימנאַזיסט חיים זשיטלאָווסקי, מיט וועלכן דער 15־יאָריקער אַנ־סקי האָט זיך באַקענט) איז אַנ־סקי געוואָרן אַ פֿריידענקער, און היות זוי דאָן האָט זיך אַ סך אַזעלכע ווי ער געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע יידישע לעבן שטעפּט זיך אויס מיט דער רעליגיע, איז אַנ־סקי נאָר נישט אַ ו ו עק פֿון יידישן לעבן, נאָר כמעט ווי ז י ך אַ ר ו י ס ג ע ג ל י ט ש ט פֿון אים, ווי אַ סך אַנדערע פֿון יענעם — און אויך פֿון שפּעטערדיקן — דור.

אין זיינע דעראינערונגען וועגן אַנ־סקין פֿאָרמולירט זשיטלאָווסקי אויפֿן פֿאָלגנדיקן אופֿן יענעם צושטאַנד, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש, ווי כ'האָב שוין אויבן באַמערקט, נישט נאָר פֿאַר אַנ־סקין.

„מען קאָן נישט זאָגן*), אַז מיר זענען געווען פֿרעמד פֿון יידישן לעבן: מיר האָבן דאָך געלעבט אין אים און געאָטעמט אין אים... די ראַדיקאַלע סביבה, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַרום אונז (על־פּי־רוב אַ דאַנק אונזער טעטיקייט) איז געווען אַ ר י י ן ־ י י ד י ש ע, לויטן אַנטראָפּאָלאָגישן מאַטעריאַל, פֿון וועלכן זי איז באַשטאַנען.

„און יעדער איינער פֿון אונז האָט געהאַט אַ יידישע היים, מיט יידישע יום־טובים, וועלכע מיר האָבן ליב געהאַט,

*) אויך דער דאָזיקער ציטאַט, ווי בכלל אַלע ציטאַטן פֿון זשיטלאָווסקיס „זכרונות", זענען דאָ איבערגעזעצט געוואָרן פֿון מיין רוסישער איבערזעצונג.

מיט אַ יידישער שפּראַך, וועלכע מיר פלעגן גאַנץ אָפט באַנוצן צווישן זיך, — אמת, וואָס ווייטער, אַלץ ווינציקער.

„מיר זענען נישט געווען פרעמד צו דער יידישער וועלט, אָבער אונזערע נשמות האָבן געלעבט אין דער פרעמד (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.), און יענע פרעמדע וועלט איז, לויט איר גייסטיקע מהות, געווען לגמרי פיינטלעך צו אַלע יסודות פון יידישן לעבן".

מיטן גוף האָט נאָך אַנ־סקי געלעבט אין דער יידישער סביבה, אָבער מיט דער נשמה האָט ער געגומען אריינוואקסן אין אַ פרעמדן פאָלק, צוגעצויגן צו אים דורך דאָס נייע, וואָס האָט אַ ווייע געטון אויף אים פון דער פרעמד און וואָס ער האָט דאָס נישט נאָר נישט געפונען אין יידישן לעבן, נאָר עס קאָן גאָר, ווי ס'האָט זיך אים געדאכט, נישט האָבן קיין אָרט אין יידישן לעבן. ווייל דאָס יידישע לעבן און דאָס דאָזיקע נייע זענען — פולשטענדיקע קעגנזאצן, אַנטיפּאָדן.

אַ טיפּישע געשיכטע פון גייסטיקער אסימילאַציע אין מערב־ און מזרח־אייראָפּע: גייסטיק־דערוואַכנדיקע פלעגן נע־מען פאַרקוקן אין די וועלט־האָריזאָנטן איבערן קאָפּ פון זייער פאָלק.

* * *

אין דער סאַמע פריער יוגנט, אויף דער שוועל פון זיין באַוואוסטזיניק לעבן, ווייזט שוין אַנ־סקי אַרויס זיין בעסטע אייגנשאַפט: דער געדאַנק און דאָס וואָרט פאַרקערפּערן זיך ביי אים אין טאַט, און די טאַט ווערט פיקסירט אין שעפערישן וואָרט.

ווי נאָר אַנ־סקי נעמט אויף דעם ראַדיקאַלן געדאַנק פון דער רוסישער ליטעראַטור, נעמט דער דאָזיקער געדאַנק בליען מיט טאַט. אַנ־סקי, וועלכער גרייט זיך צו אַן אינטעליגענטן באַרוף, צו זיין אַ שרייבער, נעמט לערנען אַ פאַך, צוערשט שמידעריי, דערנאָך איינבינדעריי. און אויב ער הויבט זיך אָן פאַרנעמען מיט לערעריי, איז אויך נאָר צוליב דעם, כדי צו

פאַרשפּרייטן סאָציאַליסטישע אידייען צווישן דער יוגנט. און ווען די ענגקייט פון יידישן לעבן הויבט אים אָן צו ווערגן, פאַרלאָזט דער גייסטיק־פאַרפּרעמדטער אַנ־סקי די פאַר אים אָפּגעשטאָרבענע סביבה און אונטער דער ווירקונג פון די רוסישע שרייבער־פאָלקסטימלער טויכט ער אונטער אין די טי־פעניש פון רוסישן פאָלקס־לעבן. אַנ־סקי גייט אַוועק אין די דערפער פון צענטראַל־רוסלאַנד, אין טולער גובערניע, און פאַרברענגט דאָרט 6 — 7 יאָר צווישן די פּויערים, צווישן די קוילנגרעבער פון דאָנעצער באַסיין, ווי אויך צווישן גאָרקיס „באָסיאַקעס". אַנ־סקי ווערט אַ שוואַרץ־אַרבעטער און פאַר־שפּרייט גלייכצייטיק בילדונג צווישן די נידעריקסטע שיכטן פון די רוסישע מאַסן. ער שטודירט די פּסיכאָלאָגיע פון המון, אַריינדרינגענדיק אינם סאָציאַלן זין פון זייערע שמועסן, לידער און דערציילונגען, צוקוקנדיק זיך וואָס דאָס פאָלק לייענט און ווי אַזוי עס נעמט אויף דאָס געלייענטע. אַנ־סקי דער בע־לעטריסט, וועלכער האָט שוין אין יאָר 1884 דעביוטירט מיט אַ דערציילונג „די געשיכטע פון אַ פאַמיליע" (אָנגעשריבן נאָך אויף יידיש און דורך אַ צווייטן איבערזעצט אויף רוסיש), ווייזט אַרויס אינם סך־הכל פון זיין אַרבעט צווישן פאָלק („סקיצן פון דער פאָלקס־ליטעראַטור") אַ ליידנשאַפטלעכע ליבע צום פאָלקלאָר. די דאָזיקע „סקיצן פון דער פאָלקס־ליטעראַטור" האָט אַנ־סקי דערנאָך איבערגעאַרבעט אין אַ גרויס בוך: „דאָס פאָלק און דאָס בוך".

* * *

אויף ווי ווייט דער יונגער אַנ־סקי איז געהאַט אַוועק פון יידישן לעבן, איז צו זען פון פאָלגנדיקן פאַקט. בעת זיין רייזע קיין אויסלאַנד, אין אָנהויב פון די נײַנציקער יאָרן, האָט זיך אַנ־סקי געטראָפן אין בערן, אין דער שווייץ, מיט זיין יוגנט־פריינט זשיטלאָווסקי. זשיטלאָווסקי האָט זיך שוין דאַן געהאַט אומגעקערט נאַציאָנאַל צום יידנטום און ער האָט זיין פריינט געגעבן איבערלייענען זיין בראָשור „אַ ייד צו יידן".

באַכן איבערלייענען זי האָט אַנ־סקי געזאָגט צו זיין פריינט: „איר טוט זייער גוט, וואָס איר פאַרלאָזט נישט אייער פאָלק".

ברענגענדיק דעם דאָזיקן פאַקט, באַמערקט זשיטלאָווסקי, אַז די דאָזיקע פראַזע האָט אים איבערראַשט און דערדריקט.

ווען דער קאָסמאָפּאָליט זשיטלאָווסקי האָט געמאַכט אַ ראַדיקאַלן קער — אויף 180 גראַד — אין זיין לעבן און האָט גענומען פּריידיקן אַ „נאַציאָנאַל־יידישן סאָציאַליזם", האָט ער, ווי יעדער פּיאָנער, געהאַט אַ סך קעגנער. די מערהייט ראַדיקאַלע יידן, זאָגט זשיטלאָווסקי, איז געווען קעגן דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט. אַנדערע זענען גרייט געווען צו אָנערקענען דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט, אָבער נישט פאַר יידן, ווייל זיי זענען נישט גענויגט געווען מודה צו זיין, אַז יידן זענען אַ נאַציע, אַ פאָלק. אָבער צום ערשטן מאָל, ביי אַנ־סקין, האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַן ענטפער, וואָס האָט קלאָר געזאָגט וועגן פולן אוועקגיין פון יידנטום, וועגן איבעררייסן מיט אים אינגאַנצן. יידן זענען אַ פאָלק און זיי האָבן רעכט אויף נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, און דעריבער איז זייער גוט, וואָס זשיטלאָווסקי בלייבט ביי ז י י ן פאָלק. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו אַנ־סקין, וועלכער האָט אונטערגעטויכט אין די טיפענישן פון רוסישן פאָלקס־לעבן, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט דעם פאָלקלאָר און די פּסיכאָלאָגיע פון רוסישן פאָלק, וועלכער האָט געשריבן דערציילונגען פון רוסישן לעבן אין סטיל פון זיין פריינט און זיין מוסטער — גלעב אוספּיענסקי?

דאָ איז נישט דאָס אָרט פאַנאַנדערצואוויקלען אין דער גאַנצער ברייט די אידעאָלאָגישע און נאַציאָנאַל־טראַגישע אַספּעקטן פונם דיאַלאָג צווישן זשיטלאָווסקין און אַנ־סקין אין אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן (1892). זיי זענען ביידע אריינגעוואַקסן אין אַ פרעמדער סביבה, זיי זענען ביידע אָפּגעפאַלן — זיך אַרויסגעגליטשט — אויפן נאַטירלעכסטן אופן פון יידנטום: זייערע יידישע וואָרצלען האָבן אויפגעהערט צו באַקומען יניקה, גענומען וועלקן און זיך אַ ציִ געטון נאָך זאַפט צו אַן אַנדער

באַדן. און אָט מאַכט דער היסטאָרישער פּראָצעס אין איינעם פון די צוויי אַ ראַדיקאַלן קער (נישט צוריק, נאָר ספּיראַלאַרטיק — אויף אַ העכערן שטאַפּל). אינם דיאַלאָג צווישן די דאָזיקע צוויי הערט זיך דער אינערלעכער דיאַלאָג פון דער איבערברוך־תקופה פון דער יידישער געשיכטע, וואָס איז דאַן געשטאַנען אויפן פרשת־דרכים: וואוהין אַוועקגיין פונם אַלטפּרענקיש־רעליגיעזן — צי צום נאַציאָנאַל־פּרעמדן אונטערן עטיקעט פון קאָסמאָפּאָליטיזם, אָדער צום נאַציאָנאַל־יידישן אונטערן וועג־ווייזנדיקן שטערן פונם אַלמענטשלעכן?

אָבער אַ חוץ דער ענג־ביאָגראַפישער און דער אַלגעמיין־היסטאָרישער באַדייטונג, האָט דער שמועס צווישן די דאָזיקע צוויי פריינט נאָך אַ באַדייטונג: ער וואַרפט אַ העלע ליכט אויף אַנ־סקים פּערזענלעכקייט, אויף זיין אינערלעכן מהות.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך אַנ־סקי אָפּגערופן אויף די אַגיטירנדיקע אַרגומענטן פונם ראַציאָנאַליסט זשיטלאָווסקי: „ווען איך וואָלט באַשלאָסן אומצוקערן זיך צום יידישן פאָלק, וואָלט איך זיך דערמיט נישט געווען באַפרידיקט, איך וואָלט זיך געוועזן אומגעקערט אינגאַנצן".

און ווען זשיטלאָווסקי האָט אים איבערגעפרעגט:

— אַזוי ווי שאַשקאָוו?

האָט אַנ־סקי געענטפערט: — אַזוי ווי שאַשקאָוו...

זשיטלאָווסקי קלערט אונז אויף דעם אינהאַלט פון דאָזיקן ענטפער: שאַשקאָוו איז געווען אַ יאַקוט אָדער אַ בוריאַט, אָבער אַזאַ, וואָס האָט זיך איינגעבירגערט אין דער רוסישער קולטור, ער האָט דערגרייכט די הויכן פון אייראָפּעאישן הייגטצייטיקן געדאַנק און אונטערן פּסעוודאָנים „שאַשקאָוו" האָט ער גאַנץ פּרוכטבאַר און דערפאָלגרייך זיך פאַרנומען מיט ליטעראַרישער טעטיקייט אין רוסיש. אָבער דער דאָזיקער אַסימילירטער, ראַדיקאַל־געשטימטער זון פון אַ האַלב־ווילדן שבט אין דער טיף פון סיביר, האָט פּלוצלונג אַוועקגעוואָרפן זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט, זיך אומגעקערט צו זיין שטאַם, זיך אַראָפּגעלאָזט

צו זיין גיוואָ, זיך צונויפגעגאָסן מיט אים אין איינס, זינגענדיק בעת דעם געמיינזאַמען שכורן די היימישע שטאָט־לידער...

דער פאַל מיט שאַשקאָוו און אַנ־סקים באַמערקונג האָט אַ סך אַספּעקטן: מען קאָן פאַרשידן דערקלערן און פאַרשידן אָפּשאַצן שאַשקאָווס שריט, אָבער אונז אינטערעסירט דאָ אַנ־סקים כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט, וואָס פאַרוואַנדלט יעדן אָנגענומענעם געדאַנק אין טאַט און טאַקע אין איר עקסטרעמער פאָרם.

ווען אַנ־סקי האָט, אין ערשטן אָוונט פון זיין קומען קיין בערן, דערציילט זשיטלאָווסקין וועגן שאַשקאָוון, האָט זיך זשיטלאָווסקי אָפּגערופן:

— איך וואָלט דאָס נישט געוועז געקאָנט טון. און דו וואָלסט געקאָנט?

און נאָך אַ קורצן קלערן האָט אַנ־סקי געענטפערט:

— מיר דאַכט זיך, אַז יאָ.

עס איז געקומען אַ צייט, ווען דאָס יידישע פאָלק, — וואָס האָט אויפגעהערט צו זיין פאַר אים דאָס פאָלק פון זיין פריינט זשיטלאָווסקי, — האָט ממשותדיק דערפילט, אַז אַנ־סקי איז פעאיק צו ווערן אַ שאַשקאָוו. ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען אונזערע לידער און זאַמלען זיי פאַר אונז; ער האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט לייב און לעבן, אויף די פראָנטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט דער עיקרדיקער פאָרם פון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ: מיט „חורבן־גאַליציע"; ער, דער רוסישער ראַדיקאַל, דער רוסישער פאָלקסטימלער, איז אפילו פּסיכיש רייף געווען צו פּראָפּאַגאַנדירן זשאַבאָטינסקים אידייע וועגן אַ יידישן לעגיאָן, ווי ש. דובנאָוו דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „דאָס בוך פון לעבן", — אָבער דאָס אַלץ איז געשען שפּעטער, אַ סך שפּעטער. אין 1892 האָט זשיטלאָווסקיס אַגיטאַציע לטובת זיין (זשיטלאָווסקיס!) פאָלק נישט געהאַט קיין דערפאָלג. אַנ־סקי איז דאַן גרייט געווען אויף שאַשקאָווס טריט נאָר לגבי „זיין" רוסיש פאָלק.

ווען אַנ־סקי האָט אין דער שווייץ איבערגעלעבט אַ ליבע־דראַמע (אַ מיידל, זשיטלאָווסקיס אַ פּלימעניצע, וועלכע ער האָט ליב געהאַט, צוליב וועלכער ער איז געקומען צו פאָרן, האָפנדיק, נישט אָן גרונט, אַז זי וועט ווערן זיין ווייב, האָט זיך אָפּגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט אים), האָט ער באַשלאָסן נאָכצוטון שאַשקאָווס ביישפּיל און באַזייטיקן פון זיין וועג צום רוסישן פאָלק די לעצטע שטערונג, וואָס טיילט אים אָפּ פון דער פּיל־מיליאָניקער מאַסע פון רוסישן פּויערטום: דעם אונטערשיד פון גלויבן. בעת זיין פאָלקסטימלערישער דינסט פלעגט אַנ־סקי אָפט פילן די דאָזיקע מחיצה, וואָס טיילט אים אָפּ פון רוסישן פאָלק.

טיף־דערשיטערט פונם אָפּזאָג פונם היים־געליבטן מיידל, באַשליסט אַנ־סקי תיכף צוריקצופאָרן קיין רוסלאַנד.

ווען זשיטלאָווסקי האָט גענומען ענערגיש פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס אַנ־סקי פאָרט אין אַזאַ גייסטיקן צושטאַנד אַליין קיין רוסלאַנד, האָט אַנסקי געזאָגט צו אים:

„האָסט מורא, איך זאָל נישט באַגיין זעלבסטמאָרד? זייַ רואיק: איך האָב דאָס שוין דורכגעטראַכט און פאַרוואָרפן דעם דאָזיקן געדאַנק. יאָ, איך פאָר זיך טרינקען! אָבער בלויז דער־טרינקען זיך פּסיכיש אין אַ ים... אינם גרויסן ים פון רוסישן פאָלק... ווי אַ טראָפּן זיך צוזאַמענגיסן מיט אים און פאַר־שווינדן אין אים... און מעגסט זיין זיכער, איך וועל זיך פאַר קיין שום זאַך נישט אָפּשטעלן... איך וועל אַראָפּשווענקען אַלע שטערונגען, וואָס שטייען אויף מיין וועג...

„און אָנרופנדיק קלאָר די זאַך מיט איר ריכטיקן נאָמען, האָט ער מיר איבערגעגעבן זיין באַשלוס איבערצוריייסן דעם לעצטן פאָרמעלן פאָדים, וואָס פאַרבינדט אים נאָך מיטן יידישן פאָלק".

ווער קאָן זיין נענטער פון דעם, צו ווען מען טראָגט דעם אייגענעם גרויסן ווייטיק?

* * *

דאָס, וואָס זשיטלאָווסקין איז געלונגען איבערצורעדן אַנ־סקין ער זאָל נישט פאָרן קיין רוסלאַנד, נאָר בלייבן דערווייל אין פּאַריז, האָט געהאַט אַ ריזיקן איינפלוס אויף אַנ־סקים ווייטערדיקן גייסטיקן וועג.

די 7—8 יאָר, וואָס אַנ־סקי האָט פאַרבראַכט אין פּאַריז, זענען געווען אַ צייט פון אַ מין טיילווייזער ליימונג אין זיין ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אַנ־סקי האָט ווייניק געשריבן, פאַרנומען מיטן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אָבער דאָך זענען די דאָזיקע יאָרן נישט פאַרביי אומזיסט: זיי זענען געווען דער צוגרייטונגס־פּעריאָד פאַר אַנ־סקים צוריקקער אין שוים פון יידנטום.

און עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין פּאַריז האָט אַנ־סקי אָנגעשריבן בלויז צוויי בעלעטריסטישע ווערק און ביידע — גאַנץ אומגעריכט! — פון יידישן לעבן: „אין אַ יידישער פאַמיליע" און „מענדל דער טערק". שוין דאָס אַליין איז אַן עדות אויף דער ענדערונג אין אַנ־סקים פּסיכיק.

זשיטלאָווסקי, וועלכער האָט געקענט אַנ־סקין צום בעסטן, וועלכער איז געווען דעם לעצטנס נאָענטסטער מענטש פון דער קינדהייט ביז צום טויט, האַלט, אַז אויף אַנ־סקים צוריקקער צום יידנטום האָט געווירקט דער ענין דרייפוס, וועלכער האָט אונז געשאָקקען אויך הערצלען. אמת, בעת דער דרייפוס־אַפערע האָט אַנ־סקי גענומען פרייַדיקן אַקטיווע אַסימילאַציע, אָבער דערמיט גופא האָט ער זיך שוין פאַרנומען מיט ז י י ן פאָלק, און נישט בלויז מיט זשיטלאָווסקים, ווי דער דאָזיקער לעצטער טייטשט עס אוים פּסיכאָלאָגיש ריכטיק.

נאַטירלעך, דער ענין דרייפוס האָט געדינט בלויז אַלס איינער פון די שטויסן, וואָס האָבן אַנ־סקין צוריקגעבראַכט צום יידנטום. דער דאָזיקער שטויס איז געווען זייער אַ שטאַר־קער, אָבער נישט דער איינציקער. אַזאַ מאָניסטיש־באַדינגטע איבערקערעניש, ווי ביי הערצלען, קאָן מען געפינען זייער זעלטן. זשיטלאָווסקי באַטראַכט פאַר אַזאַ שטויס אויך אַנ־סקים

שטודירן דעם פראַנצויזישן פאָלקלאָר, דאָס גייסטיקע שאַפן פון די פראַנצויזישע פאָלקס־מאַסן, זייער סאָציאַל־פּאָליטישן פאָלקלאָר. אין דאָזיקן פאָלקלאָר האָט ער געזוכט זיינע סאָציאַל־פּאָליטישע עלעמענטן, ווי פריער אין רוסישן פאָלקלאָר, אָבער דער טעאָרעטישער קאָסמאָפּאָליט אַנטדעקט גאַנץ אומגעריכט: אין דאָזיקן פאָלקלאָר שפּורן פון ספּעציפיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דער עלעמענט פון נאַציאָנאַליטעט, פון נאַציאָנאַליזם ווייזט אויס צו זיין נישט קיין רעאַקציאָנערע אויסטראַכטעניש, נאָר אַ לעבעדיקער, גייסטיק־אויספורעמדיקער פאַקטאָר. דער געדאַנק וועגן ספּעציפיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פונם יידן זעט שוין אויס נישט אַזוי ווילד, — פאַרקערט, דער געדאַנק וועגן אַסימילאַציע ווערט נישט אָננעמבאַר. אויב דער ענין־דרייפוס האָט אים געקאָנט אַ שעפּטשע טון אין שלאָפלאָזע נעכט, אַז אַסימילאַציע איז אַן אומזין, ווייל די אַרומיקע ווילן נישט אַסימילירן זיך מיט אונז, האָט דאָס נאַציאָנאַלע אינם פראַנצויזישן פאָלקלאָר אים געקאָנט אַ שעטפּטשע טון אויפן אויער, אַז אַסימילאַציע איז אוממעגלעך, ווייל דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער גיט זיך נישט אונטער קיין אַסימילאַציע, און חוץ דעם איז דאָס אַ טויט־זינד קעגן לעבעדיקן לעבן.

און נאָך אַ מאָמענט טאָר מען נישט אַרויסלאָזן פון אויג: אַנ־סקי האָט באַקומען אַ יידישע דערציאונג. און דאָס איבער־געלעבטע אין דער פריער קינדהייט קאָן מען פאַרגעסן מיטן באַוואוסטזיין, אָבער אינם אונטערבאַוואוסטזיין בלייבט עס לעבן, און אין אַ געוויסן מאָמענט ווערט עס אַקטיוויזירט, טרעט אַרויס פאָראויס און — נעמט ווירקן. אַזוי איז אויך געווען מיט משה העסן — די דערציאונג, וואָס ער האָט אַמאָל־אַמאָל באַקומען ביים זיידן, האָט פּלוצלונג אויפגעלעבט, זיך אויפגעכאַפּט פונם לעטאַרגישן שלאָף און געצייטיקט פּרעכטיקע פרוכט פון געדאַנק און געפיל אין „רוים און ירושלים”; דאָס זעלבע איז געשען מיט אַ סך אַנדערע, אויך מיט אַנ־סקין. דער באַקאַנטער כינעזישער שרייבער לין יו־טאַנג זאָגט פאָלגנדעס

אין איינעם פון זיינע ביכער („מיין לאַנד און מיין פאָלק", דאַכט זיך) וועגן די אַסימילאַטאָרן פון זיין אייגענעם פאָלק (אין אַ סך פּרטים האָט כינע איבערגעלעבט און זי לעבט איבער — קולטורעל — עפּעס ענלעכס צו דער איבערגאַנגס־עפּאָכע פון דער יידישער געשיכטע אין דער צווייטער העלפט 19־טן יאָר־הונדערט: דאָס אַלטיז ברעכט זיך, דאָס אייראָפּעאישע ציט צו־ערשט צו, דערנאָך שטויסט עס אָפּ, דער קאַמף צווישן באַ־וואוסטזיין און אַ נסטינקט א. א. וו.): „דורך די מעלאָדיעס פון שובערטן און דורך בראַמס לידער הערט ער (דער אייראָפּעאיזירטער כינעזער — י. ר.), ווי אַן איבער־טאָן, דעם ווידער־קול פון אַלטע פאָלקס־לידער..., וועלכע לאָקן אים צוריק. ער שטודירט די שיינקייטן פון מערב און די זאַכן, מיט וועלכע ער (דער מערב — י. ר.) שטאָלצירט, אָבער ער קומט צוריק צום מזרח, ווייל זיין מזרח־בלוט פאַרכלינעט אים, ווען ער דער־נענטערט זיך צום פערטן יאָרצענדליק... ער טוט אָן כינעזישע קליידונג און פאַנטאָפל..., ווייל אין זיינע כינעזישע קליידער און פאַנטאָפל געפינט זיין נשמה רו".

ווי גוט און ריכטיק דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן די אַנ־סקים פון אַלע פעלקער!

צו די דאָזיקע אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע פאַק־טאָרן, איז צוגעקומען דאַן נאָך איינער, — גלייכצייטיק אי אַן אויסערלעכער, אי אַן אינערלעכער — די ענדערונג אין יידישן לעבן גופא. דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד האָט צום אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט באַקומען אינגאַנצן אַן אַנדער אויס־זען, ווי עס האָט געהאַט דאַן, ווען אַנ־סקי האָט אָנגעהויבן אַריינצוואַקסן אין אַ פרעמדער גייסטיקער אַטמאָספער. אין יידישן לעבן האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן די נאַציאָנאַלע באַ־וועגונג (אין פאַרשידענע געשטאַלטן און ניואַנסן); די יונגע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך גענומען נאַציאָנאַליזירן; עס איז אויסגעוואַקסן אַ יידישע מאָדערנע ליטעראַטור, וועלכע האָט געפעלט דעם דור פון זשיטלאָווסקי און אַנ־סקי; אין

דער יידישער ליטעראַטור האָט שוין דאַן הויך געקלונגען פּרצעס שטימע, וואָס האָט גערופן צו הומאַניזירן די יידישע גייסטיקע ירושה. מיט איין וואָרט, עס איז מעגלעך געוואָרן אומצוקערן זיך אונטערן אייגענעם נאַציאָנאַל־מענטשלעכן דאַך, זיין ביי זיך אין הויז און גלייכצייטיק — אין דער ברייטער וועלט.

און אַנ־סקי האָט זיך אומגעקערט צום יידישן פאָלק אינגאַנצן, ווי שאַשקאָוו. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז ווען זשיטלאָווסקי האָט איינמאָל געשריבן עטלעכע ווערטער וועגן דעם, אַז מען „דאַרף רעווידירן דעם יידישן ענין דרייפוס" (דעם ענין קריסטוס), איז דער נייער אַנ־סקי געווען אויסער זיך, און זשיטלאָווסקיס ווערטער האָבן ביי אים אַרויסגערופן אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן קריסטוסן, קעגן קריסטנטום און קעגן זשיטלאָווסקיס שטעלונג צו זיי.

און דער זעלבער אַנ־סקי, וועלכער האָט אַליין געשפּילט מיטן געדאַנק צו טויפן זיך, פּלעגט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אָן שום וואַקלעניש איבעררייסן די באַציאונגען מיט זיינע באַקאַנטע, וועלכע האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון בעת דעם „מאַסן־שמד אין רוסלאַנד" (לויט זשיטלאָווסקיס אויסדרוק).

פּונקט ווי ער איז פריער געווען אַ רוסישער פאָלקסטימלער, איז ער איצט געוואָרן אַ יידישער פאָלקסטימלער. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט גענומען שרייבן יידישע פערזן, — ער האָט פיינפּיליק גענומען אַריינדרינגען אין דער נשמה פון יידישן פאָלקס־שאַפן, אין דער פּסיכאָלאָגיע פון יידישן פאָלקס־לייענער, ווי פריער אין דער נשמה פון רוסישן און פראַנצויזישן פאָלקלאָר. ער אַרבעט אויס אַ גראַנדיעזע „פּראָגראַם פון יידישער עטנאָגראַפיע", פירט אָן מיט דער פאָלקלאָר־עקספּעדיציע פון באַראָן גינצבורג, וואָס אירע רעזולטאַטן האָט אַנ־סקי באַ־

אַרבעט בלויז טיילווייז אין 1915 אין ערשטן גרויסן באַנד פון א ברייט־פאַרטראַכטער אויסגאַבע.

אַנ־סקי האָט געהאַט די גרעסטע פאַרדינסטן אויפן געביט פון יידישן פאָלקלאָר. ער איז נישט נאָר געווען איינער פון די ערשטע טעאָרעטיקער פון דאָזיקן נייעם פעלד פון אונזער קול־טור־טעטיקייט; נישט נאָר ער גופא איז געווען איינער פון די אייפערדיקסטע זאַמלער פון יידישן פאָלקלאָר אין אַלע זיינע פאָרמען (ביי אַנ־סקין פלעגט דאָך די טעאָריע תמיד פאַרוואַנדלט ווערן אין פּראַקטיק), נאָר אַנ־סקי איז אויך געווען איינער פון די טאַלאַנטירטסטע, איינער פון די פאָעטיש־פילבאַרסטע אינטערפּרעטאַטאָרן פון יידישן שאַפן.

גלייך אין זיין ערשטער גרויסער אַרבעט וועגן יידישן פאָלקלאָר (וועגן יידישן פאָלקס־שאַפן אין לעגענדעס און דער־ציילונגען) דערגייט אַנ־סקי צו די טיפסטע פאַראַלגעמיינע־רונגען, אָנווייזנדיק דערויף, אַז די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכ־קייט פון דער יידישער פאָלקס־לעגענדע באַשטייט אין דעם, וואָס זי פאַרקערפּערט די העלדישקייט פון גייסט, וועלכער באַזיגט דאָס קערפּערלעכע. אין זיינע אַרבעטן וועגן יידישן פאָלקלאָר און אין זיינע רעפעראַטן וועגן אים פלעגט אַנ־סקי דערגרייכן די העכסטע שטאַפּלען פון זיינע שעפערישע מעג־לעכקייטן. אַנ־סקין האָט אַ גאַנץ לעבן געצויגן צו פאָלקלאָר, צום פאָלקס־שאַפן, אָבער ערשט ביי דער באַגעגעניש מיטן יידישן פאָלקלאָר איז זיין גייסט באַפרוכפּערט געוואָרן. ס׳אַרא שאָד עס איז, וואָס ער איז צוגעקומען צום אמתן עלעמענט פון זיין לעבן דורך אַזאַ שווערן, וויטן, אַרומיקן וועג, און ס׳אַרא שאָד עס איז, וואָס דער טויט האָט אים פאַרשניטן פריצייטיק, אין סאַמע ברען פון שניט פון זיין רייכן אַרבעטס־פּאַרזיי, פון זיין שאַפן.

* * *

אין הסכם מיט דער הויפּט־ליניע פון זיין לעבן, האָט זיך אַנ־סקי, בעת דער וועלט־מלחמה, אַריינגעוואָרפן אין דער

אַרבעט פֿון העלפֿן די יידישע מלחמה־קרבנות. ער איז נישט געזעסן אין די קאַנצעלאַריעס פֿונעם הינטערלאַנד, נאָר האָט זיך געפֿונען אין צענטער פֿונעם פֿייער אויף די פֿראָנטן, טראָגנדיק הילף צו די קרבנות און טראָגנדיק די לאַסט פֿון אַ קרבן. די דאָזיקע אַרבעט האָט באַקומען אַ טרויעריקן דענקמאָל — די עפּאָפּייע פֿון אומגליק און בלוט, די עפּאָפּייע פֿון חורבן און טרערן — „חורבן גאַליציע״.

די דאָזיקע אַרבעט האָט שוין ענדגילטיק אונטערגעריסן זיינע ריזיקע פֿיזישע כּוחות, וואָס זענען שוין שטאַרק אונטער־געריסן געוואָרן אין די קוילנגרובנס פֿונעם דאָנעצער באַסיין, ווען ער האָט געדינט אַ פֿאָלק, צו וועלכן ער האָט זיך צוגעטר־ליעט אין דער פֿאַרלוירענער היימלאָזיקייט פֿון דער יידישער אינטעליגענץ פֿון דער איבערגאַנגס־צייט אויפֿן סאַמע שוועל פֿונעם באַגינען פֿון דער אויטאָעמאַנסיפּאַציע־עפּאָכע.

דער דיכטער פון „קידוש השם"

(א. ליעסינס אינטים־דיכטערישע פערזענלעכקייט)

I

מיט 25 יאָר צוריק האָב איך אין י. ח. ברענערס אַן אַרטיקל געלייענט זיין מיינונג, אַז דער איינציקער יידישיסטישער שרייבער, וועלכן ער שעצט זייער טיף, איז א. ליעסין.

איך האָב דאַן ליעסינען נישט געקענט, דערפאַר אָבער האָב איך געקענט ברענערן און דעריבער איז קיין אונדער נישט, וואָס איך האָב דערפילט אַ טיפן דרך־ארץ און אינטערעס פאַרן דאָזיקן אומבאַקאַנטן דיכטער. אַ קלייניקייט — אַזאַ רעקאָמענדאַציע פון ברענערן!

און הגם עס איז שווער געווען צו באַקענען זיך מיטן דאָזיקן דיכטער (ערשט נאָך זיין טויט אין 1938 איז דערשינען אַ דריי־בענדיקע זאַמלונג פון זיינע געדיכטן, וואָס זענען ביז דאַן צעזייט געווען איבער פאַרשידענע זשורנאַלן, דער עיקר איבער די נומערן פון זיין אייגענער „צוקונפט"), האָב איך דאָך אינגיכן זיך דערוואוסט דעם סוד פון ברענערס באַגייסטערונג: קיינעם האָט נישט געקאָנט זיין אַזוי צום הארצן ליעסינס ביאָגראַפיע און דיכטונג, ווי ברענערן, ווייל ליעסינס דיכטונג איז דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, מיט גייסטיקער קראַפט און מיט דעם באַגייסטערטסטן, באַזינגען באַוואוסטזיין פון קולטור־ירושהדיקייט.

* * *

א. ליעסין — דער פסעוודאָנים פון אברהם וואַלט, — האָט אָנגעהויבן זיין דיכטערישע טעטיקייט אין די פריע נײַנ־

ציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט און זיין מוזע איז אים געבליבן טריי ביז זיין סאַמע טויט — אין 1938. ער איז כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט געווען דיכטעריש טעטיק אין דער יונגער יידישער ליטעראַטור. פאַרן דאָזיקן האַלבן יאָרהונדערט האָט זיך די יידישע דיכטונג פּרעכטיק פאַנאַנדערגעבליט, איז געוואָרן דער רייפסטער צווייג פון דער יידישער ליטעראַטור. ליעסין, וואָס זיינע גדיכטן האָבן אַריינגעבראַכט אין דער יידישער דיכטונג פון די ניינציקער יאָרן נייע מאָטיוון און אַ נייע וואָרט־מעלאָדיק, איז געבליבן ווייט הינטערשטעליק לגבי אַזעלכע מייסטער פון יידישן דיכטערישן וואָרט, ווי משה לייב האַלפּערן, משה קולבאַק, איציק מאַנגער און אַ סך אַנדערע. דער נאָוואַ־טאָר איז פאַרעלטערט געוואָרן, ער האָט נישט געקאָנט — און אפילו נישט געוואָלט — אָניאָגן די שנעל־פליענדיקע יידישע מוזע. ליעסין איז געבליבן געטריי ביזן סוף סיי דער טעכניק פון זיין פערז, סיי דער עיקרדיקער טעמאַטיק פון זיין ליד. און דער נישט־געעלטערטער אינהאַלט פון זיינע פערזן האָט קאָמפּענסירט די פאַרעלטערטקייט פון זייער אַרקעסטרירונג, און בלויז אַ דאַנק דעם האָט דער דאָזיקער אַלטער, אַביסל פאַרעל־טערטער דיכטער איינגעהאַלטן (און האַלט נאָך איין) זיין אָרט אויפן יידישן פּאַרנאַס.

און הגם ליעסין האָט זיך וויניק אַנטוויקלט פאַרן האַלבן יאָרהונדערט פון זיין דיכטערישן שאַפן, דאָך פאַרנעמט ער אַן אָרט נישט נאָר אין דער געשיכטע פון אונזער ליטעראַטור. ליעסין געהער צו די עיקרדיקע שעפער פון אונזער לעבעדיקער ליטעראַטור, און זיין שאַפן שטעלט פאָר מיט זיך אַ טייל פון איר גייסטיקן פונדאַמענט, אויף וועלכן זי באַזירט און וואַקסט.

* * *

ליעסין איז געבוירן געוואָרן אין מינסק, אין די זיבעציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט. ער האָט באַקומען אַ טראַדי־ציאָנעלע יידישע דערציאונג. אַ דאַנק זיינע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן, האָט ער שוין אין אַ זייער יונגן עלטער באַהערשט

די אוצרות פון דער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור. דער יונגער וואָלט פאַרזוכט אינגיכן, ווי דער רוב מיטצייטלער זיינע, פונם בוים פון וויסן און באַוואוסטזיין, און ווען אין מינסק קומט אויף די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, שטייט ער צו צו דער דאָזיקער באַוועגונג, אין וועלכער אים איז אויסגע־פאַלן צו שפּילן די בכבודיקע ראָל פון שעפערישער אָפּאָזיציע. לויט דער נאַטור, לויט דעם שניט פון זיין שכל אַ זעלבשטענ־דיקער, איז דער יונגער וואָלט תיכף אַוועק מיט זיין אייגענעם וועג קעגן שטראָם פון קאָסמאָפּאָליטיזם און אַסימילאַציע, וואָס האָבן דאַן געבושעוועט, ווי אַ מגפה, אין די רייען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער שטייט נישט צו צו קיין שום פּאַרטיי פון דער דאָזיקער סאָציאַל־באַפרייערישער באַוועגונג, — ער שאַפט כמעט ווי אַ זעלבשטענדיקע ריכטונג אין איר, אַ ריכטונג, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „וואָלטאָוור־שטשינע". די דאָזיקע „וואָלטאָווּשטשינע" איז נישט געווען נישט קיין אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע, נישט קיין ניי־זיך־אויספּיקנ־דיקע פּאַרטיי, — דאָס איז געווען אַ שעפערישער גייסטיקער קאַמף פון אַ שטאַרקער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט פעסט אַרויפגעדריקט זיין שטעמפּל אויף די אַרומיקע און האָט באַ־ווירקט דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון נאַציאָנאַליזירן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. דער יונגער וואָלט איז נישט אַוועק מיטן געוויינלעכן וועג פון די דעמאָלטיקע יידישע אינטעליגענטן, וועלכע פלעגן אַוועקגיין צו די פרעמדע, ווי נאָר זיי פלעגן דערפילן דעם געוויי פון די נייע אידייען. ער איז נישט אַוועק מיטן וועג פון ש. אַנ־סקי, וועלכער האָט אויף לאַנגע יאָרן פאַרלאָזן די יידישע שפּראַך און די יידישע מאַסן און האָט גע־וואָלט אָפּטוקן זיך אינם ים פון רוסישן פאָלק, ווערנדיק אַ רוסישער פאָלקסטימלער. אים איז נישט אויסגעקומען דורכ־צומאַכן, — ווי אַ סך אַנדערע אין זיין צייט און שפּעטער, — אַ גרויסן אומוועג, וואָס האָט געפירט צו דער נאַציאָנאַלער יידי־שער באַוועגונג דורך דער וויסטע פון אַסימילאַטאָרישן קאָסמאָ־

פּאָליטיזם. אוועקגעגאַנגען פון איין פאָרם פון יידישן לעבן, איז ער שמערצלאָז, אויפן נאַטירלעכסטן אופן, אריין אין אַ צווייטער פאָרם פון יידישן לעבן. אין יונגן וואָלט האָט אונזער געשיכטע ווי געשאַפן אַ מוסטער פאַר דער איבערגאַנגס־צייט: „נאַט, זעט, ווי אַזוי די דאָזיקע מעטאַמאָרפאָזע דאַרף פאָרקו־מען".

אין דער צייט, ווען אַלע זיינע חברים און — דער עיקר! — די לערער זענען פאַרקראָכן ביז איבער די אויערן אין קאָסמאָפּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליסטישע אידייען, האָט דער יונגער וואָלט געפאָדערט נאַציאָנאַלע קולטור־אַר־בעט צווישן די יידישע אַרבעטער. דער דאָזיקער יונגער מענטש, וועלכער האָט זיך אַרויסגעריסן פון בית־המדרש, איז נישט מיטגעריסן געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם פּאַנישן אַנטלויפן און געפאָדערט המשכדיקייט, דאָס איבערנעמען די קולטור־ירושה. מיט איין וואָרט, די „וואָלטאָוושטשינע" איז געווען די באַוועַ־גונג פון יידישן פאָלקסטימלערטום. און אין דער ביאָגראַפיע פון אונזער דיכטער קאָן מען געפינען אינטערעסאַנטע פאַקטן אין דאָזיקן פּרט. ווען וואָלטס „ראַדיקאַלער" לערער, מענדל ראָזענבוים, איז איינמאָל געקומען מיט אַ פּראָיעקט צו פּראָ־פּאַגאַנדירן די סאָציאַליסטישע אידייען אויף די גאַסן־ראָגן, האָט וואָלט געענטפערט, אַז נישט אויף דער גאַס, — אין שול דאַרף מען גיין און „פּריידיקן די נייע אידייען מיט דער הילף פון באַווייזן פון תלמוד און פון מוסר־ספרים".

און דער זעלבער ראָזענבוים דערציילט אין זיינע „זכרונות", אַז דער יונגער וואָלט האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק ווידער אַוועקצוזעצן זיך ביים תלמוד, ווערן אַ רב און אויס־נוצן זיין רעליגיעזן אויטאָריטעט אויף צו פאַרשפּרייטן די סאָ־ציאַליסטישע אידייען צווישן יידן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דאָזיקן עקסצענטרישן און אַוואַנטוריסטישן פּלאַן דערפאַר, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער איז נישט בכוח צו טראָגן די מאַסקע פון צביעות, אָבער פון געזונטן קערן פון דאָזיקן מאָד־

נעם געדאַנק האָט ער זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט. און דער דאָזיקער געזונטער קערן באַשטייט אין דעם, אַז מען דאַרף צונויפבינדן דעם איבערגעריסענעם פאָדים פון די דורות; מען דאַרף אַריבערנעמען פונם אַלטן בית־המדרש דאָס אַלץ, וואָס עס טראָגט אין זיך די זוימען פון די צוקונפטיקע שפּראָצן; מען דאַרף קומען צו די יידישע מאַסן מיט אַ יידיש וואָרט און מיט אַ יידישן אינהאַלט — אויב מען וויל נישט, זיי זאָלן בלייבן מחוץ דער קולטור אין טיפן זינען פון דאָזיקן וואָרט, ווייל אַלדאָס באמת־אַלמענטשלעכס, וואַקסט אַרויס פון די טיפענישן פון נאַציאָנאַלן.

וואָלטס געדאַנק צו ווערן אַ רב באַקומט אַ באַזונדערס טיפע באַדייטונג ערשט דאַן, ווען מען פאַרגלייכט אים מיטן מאָמענט פון ש. אַנ־סקים ביאָגראַפיע, ווען דער לעצטער האָט געקלערט אָננעמען דעם פּראַוואָסלאַווגעם גלויבן, כדי אַראָפּ־צוטראָגן דעם לעצטן צוים, וואָס טיילט אים אָפּ פון די רוסישע פאָלקס־מאַסן, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט און פּרובירט זיך צונויפגיסן. וואָלט־ליעסין האָט געוואָלט ווערן אַ רב און ווידער אַריבערטרעטן צום רעכטגלויביקן יידנטום, כדי אַראָפּצוטראָגן דעם צוים, וואָס האָט אים גענומען אָפּטיילן פון די געדיכטע־נישן פון די יידישע מאַסן.

„וואָס קומט איר עפּעס צו יידן, ווי פרעמדע מיט פרעמדע ביכער? קומט צו זיי צו גיין, ווי אייגענע, מיט דער יידישער ליטעראַטור" — ברענגט דער זעלבער מ. ראָזענבוים דעם יונגן וואָלטס ווערטער.

דעם יונגן וואָלטס זעלבשטענדיקייט איז געקומען צום אויסדרוק נישט נאָר אינם אויבנגעבראַכטן, אָבער איך קלייב זיך נישט צו שרייבן ליעסינס אַלגעמיינע ביאָגראַפיע, נישט קיין פולע געשיכטע פון זיין טעטיקייט אין דער יונגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויפן דאָזיקן פּעריאָד פון פּאָעטס לעבן אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר דער אַלגעמיינער כאַראַקטע־

ריסטיק פונם דיכטער, וועלכער האָט אין זיינע לידער ממשיך געווען דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער: וואַלט־ליעסינס ביאָגראַפיע איז די ביאָגראַפיע פון אַ מענטשן פון אויסטערלישער גייסטיקער זעלבשטענדיקייט און פון אומבאַפלעקטער טרייקייט צו זיך גופא.

* * *

ליעסין דער דיכטער האָט ממשיך געווען דאָס זעלבע, וואָס עס האָט אָנגעהויבן וואַלט דער סאָציאַליסט. ליעסין, ווי כ'האָב שוין פריער געזאָגט, האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער דיכטונג נישט נאָר אַ נייע גלענצנדיקע פאָרם (פאַר יענער צייט), נאָר אויך אַ נייעם אינהאַלט. אויב לויט דער פרישקייט פון שפּראַך און ריטם האָט ליעסין געהאַט קאָלעגן אין דער יידישער דיכטונג, אין דער פּערזאָן פון ש. פרוגן, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אין 1896 אַ זאַמלונג גוטע פרישע געדיכטן אויף יידיש, איז אָבער ליעסין געווען אַן איינזאַמער פּיאָנער, וואָס שייך דעם ספּעציפישן אינהאַלט פון זיין דיכטונג פון איר ערשטער אומדרייסטער התחלה, — ער איז געווען אַן איינזאַמער פּיאָנער לויט דער טיפקייט פון זיין נאַציאָנאַלן פּאַ־טאָס. ליעסין האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער דיכטונג דאָס, וואָס פּרץ האָט זעלבשטענדיק, כמעט אין דער זעלבער צייט, אַריינגעטראָגן אין דער יידישער פּראָזע — דעם מאָמענט פון „קידוש השם", פון העראָאישער מאַרטיראָלאָגיע אין נאָמען פון אַן אידעאַל. ליעסין האָט אַ גאַנץ לעבן געקליבן די דאָ־זיקע מאָמענטן פון דער יידישער געשיכטע אָן אונטערשיד פון דער עפּאָכע און אָן אונטערשיד פונם אידעאַל, אין נאָמען פון וועלכן דער דאָזיקער „קידוש השם" פלעגט געשען. ליעסין האָט געהאַלטן, אַז נאָר אַ דאַנק דעם דאָזיקן איידעלן מסירת־נפש איז אונזער פאָלק נישט אונטערגעגאַנגען און דעריבער האָט ער געוואָלט פאַנאַנדערבלאָזן דעם דאָזיקן פלאַם אויך אין יונגן דור, ביי וועלכן ער כאַפּט דורשטיק אויף יעדע דערשיי־נונג פון דער דאָזיקער אייביקער עקידה.

אין דאָזיקן פּרט איז כאַראַקטעריסטיש זיין פּרעכטיקע פּאָעמע „יידיש".

דער פּאָעט באַשרייבט, ווי עס איז צו אים געקומען די מוזע אויף יידיש און „יידיש" זאָגט צו אים:

„איך קום נישט צו דיר פון גאָטס וואָרט אַ באַשטראַלטע,
אַזוי ווי מיין שוועסטער (העברעאיש — י. ר.) פלעגט קומען אַמאָל —
פאַרהייליקט פון צייטן פון גרויסע, פון אַלטע,
מיט בליצן און דונערן־אָפּקלאַנג אין קול...
איך קום צו דיר, קינד מיין, פון גלותן שטומע,
פון געטאָס פאַרפּאַקטע, פאַרהאַקטע אין קלעם;
איך האָב נאָר די חנען פון תחינות פון פרומע,
איך האָב נאָר די שיינקייט פון קידוש־השם.
איך בין מיט זיי (די אבות — י. ר.) הונדערטער יאָרן געגאַנגען דורך יעדער געפאַר,
און איינגעזאַפּט האָב איך דעם צאָרן
און איינגעזאַפּט האָב איך דעם צער.
און אויסגעשמידט האָב איך דורך דורות
דעם וואַנדער פון ווילן און וויי,
צו לעבן פאַר הייליקע תורות
און שטאַרבן מיט פעסטקייט פאַר זיי.

ביי די דאָזיקע ווערטער פון זיין יידישער מוזע, זאָגט איר דער דיכטער צו מיט געוויזן און אַ שבועה:

„אַ רינג צו פאַרבלייבן אין קייט —
צו ציען אַלץ ווייטער דורך דורות
דעם וואונדער פון ווילן און וויי
צו לעבן פאַר הייליקע תורות,
און שטאַרבן מיט פעסטקייט פאַר זיי".

אין דאָזיקן געדיכט איז פאַרקערפּערט ליעסינס פּאָעטישער „אני מאמין". ער האָט אויסגעוויילט די דאָזיקע שפּראַך, ווייל

זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך די העראָאישע מאַרטיראָלאָגיע פון פאָלק, און מיט דער הילף פון דער דאָזיקער שפּראַך וויל ער ווייטער שמידן די רינגען פון אונזער „גאָלדענער קייט".

ליעסין האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דער יידישער דיכטונג ריין־לירישע טענער — לירישע געפילן, וואָס ווערן אויסגעדריקט מיט דער הילף פון בילדלעכער מוזיק. און ביז די לעצטע טעג זיינע האָט זיך ליעסין באַמיט צו פאַרקערפּערן אין בילדלעכע האַרמאָנישע קלאַנגען זיינע שטימונגען. אָבער פונדעסטוועגן קאָן מען מיט דער פולסטער רעכט זאָגן, אַז די הויפּט־טעמע פון ליעסינס פּאָעזיע איז דער מאָמענט פון יידישן פאָלקס העראָאישער מאַרטיראָלאָגיע.

*   *   *

פאַראַן מענטשן, וועלכע ווערן ווי געבוירן רייפערהייט. צו די דאָזיקע האָט געהערט ליעסין.

ער האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין מינסק און ווילנע אין אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן אַלס דיכטער און אַגיטאַטאָר, און געענדיקט האָט ער זיין כמעט האַלב־יאָרהונדערטדיקע טעטיקייט אין ניו־יאָרק און 1938 אַלס דיכטער און פּובליציסט. פאַרן דאָזיקן האַלבן יאָרהונדערט האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט די יידישע ליטעראַטור און עס זענען קרעפטיק געוואָרן די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, און דאָך קאָן מען דורכפירן אַ גלייכע ליניע צווישן זיין דיכטונג אין די ניינציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט און זיין דיכטונג פון די דרייסיקער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט; און מען קאָן אויך דורכפירן אַ גלייכע ליניע צווישן זיין אַגיטאַציע אין מינסק אין אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן און זיין פּובליציסטיק אין ניו־יאָרק אין סוף פון די דרייסיקער יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט. אין זיין סאָציאַליזם האָט ער אַריינגעבראַכט דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט סיי לויט דער פאָרם, סיי לויטן אינהאַלט, און אין זיין נאַציאָנאַליזם האָט ער אַריינגעבראַכט דעם סאָציאַלן מאָ־

מענט, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּטיילן פונם יידנטום זייט די־
צייטן פון די נביאים.

ליעסין איז אַ גאַנץ לעבן געגאַנגען מיט זיין אייגענעם
וועג, — אַ וועג, וועלכן ער האָט אויפריכטיק באַטראַכט אַלס
ריכטיקן וועג פאַר אַ יידן: ער האָט אויפגענומען „יידיש" אַלס
זיין היימישן נאַציאָנאַלן לשון, ער האָט אָבער קיינמאָל נישט
געטראַכט אָפּצוזאָגן זיך פון העברעאיש, וועלכן ער האָט גע־
שפּירט אַלס טייל פון זיין אינטימסטן „איך". ליעסין איז געווען
אַ סאָציאַליסט, ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געשפּירט קיין
האַס צו פּאַלעסטינע (דאָס איז באַטראַכט געוואָרן און דאָס
ווערט נאָך אויך היינט באַטראַכט אַלס גוטער טאָן צווישן
יידישע סאָציאַליסטן אָדער ריכטיקער — צווישן יידן־סאָציאַ־
ליסטן), הגם ער האָט נישט געהערט צו קיין שום ציוניסטישער
פּאַרטיי, — ווי ער האָט בכלל קיינמאָל נישט געהערט צו קיין
שום פּאַרטיי, מורא האָבנדיק פאַר דער דאָזיקער סדום־בעט;
ער האָט איינגעזויגן אין זיך די אייראָפּעאישע קולטור, נישט
אָפּזאָגנדיק זיך אויף קיין איין מינוט פון זיין יידישער.

אין משך פון דאָזיקן האַלבן יאָרהונדערט פון זיין שעפע־
רישער אַרבעט האָט ליעסין, מיט אַ געפיל פון טיפער באַפרי־
דיקונג, געקאָנט פעסטשטעלן, אַז זיינע אידייען, וואָס האָבן
אויסגעזען אַזוי ווילד צום סוף פון די אַכציקער יאָרן פון 19־טן
יאָרהונדערט, האָבן אַלץ מער און מער באַהערשט דאָס יידישע
לעבן און די יידישע ליטעראַטור. די אָנגעלאָדנקייט פון כמעט
אַלע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען מיט נאַציאָנאַלן גייסט פון
דעם אָדער אַן אַנדער מין; די אָנגעלאָדנקייט פון דער יידישער
ליטעראַטור מיט דער פּראָבלעם פון דער קולטור־ירושה — די
דאָזיקע צוויי וויכטיקסטע שטרעמונגען פון אונזער לעבן און
קולטור האָבן זיך שוין געהאַט בולט אָנגעמערקט אין דער
טעטיקייט פון יונגן וואַלט — דעם אַגיטאַטאָר און דיכטער.
אונזער לעבן און אונזער ליטעראַטור זענען נאָכגעגאַנגען דעם
דאָזיקן פּיאָנער.

דער דיכטער פון „קידוש השם"

II*)

צווישן ליעסינס דיכטערישן אָנהויב און זיין דיכטערישן סוף ליגט אַ קאַרגער האַלבער יאָרהונדערט, — אַ האַלבער יאָרהונדערט, אין וועלכן די יידישע דיכטונג האָט דורכגעמאַכט איר ריזיקן אַנטוויקלונגס־וועג פון די ערשטע אָנהויבן ביז איר היינטיקער הויכער מדרגה. ליעסין דער דיכטער געהער צו די ערשטע פּיאָנערן, וועלכע האָבן געפּלאַסטערט דעם וועג פון דער יידישער דיכטונג און פאַר דער יידישער דיכטונג. און ווען מען וועט האָבן פאַר זיך ליעסינס דיכטערישן שאַפן צווישן די אָפּשליסנדע טאָוולען פון זיינע געזאַמלטע לידער, וועט מען מוזן באַטראַכטן זיין דיכטונג פון צוויי פּערספּעקטיוון: מיטן פּנים צום אַמאָליקן פּרימיטיוון אָנהויב און מיטן פּנים צום היינטיקן קולמינאַציע־פּונקט. און אויב די יידישע קריטיק וועט מוזן פעסטשטעלן, אַז די גרויסע אַנטוויקלונג פון דער יידישער דיכטונג, פון יידישן דיכטערישן אויסדרוק האָט ווייט איבערגעיאָגט ליעסינס דיכטערישן שאַפן, וועט זי אָבער אויך מוזן פעסטשטעלן, אַז ליעסין האָט מיט זיין אָנהויב ווייט אַריבערגעשטיגן זיין דעמאָלטיקע צייט־דיכטונג, אַז ער האָט געגעבן אַ ריס די יידישע דיכטונג פאָראויס, זי אַ שטויס געטון אויף אַ שפּאָרן תחום שבת אויף איר רומרייכן אַנטוויקלונגס־וועג.

און נאָך עפּעס וועט די יידישע קריטיק מוזן אחריותדיק פעסטשטעלן: אויב ליעסין האָט אין זיינע בעסטע זאַכן נישט געקאָנט דערגרייכן אַזאַ דיכטערישע ווירטואָזיטעט ווי אַ קול־באַק, למשל, אין זיין „דיסנער טשיילד האַראָלד", אין זיין „בוני און בערע אויפן שליאַך", איז אָבער ליעסין ווייט נישט געווען קיין רעטאָריקער אין גראַמען, ווי געוויסע היפּער־מאָדערנע, דיכטעריש־צווייפלהאַפטע עקסטראַוואַגאַנץ־ליבהאָבער ווילן

*) דער ערשטער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן אין שאַנכיי; דער דאָזיקער — אין וואַרשע, אין 1939.

זיך און אונז איינרעדן: ליעסין איז געווען און געבליבן, ביז אין זיין לעצטן ליד וועגן וולאַדעקן, אַן עכטער דיכטערישער טעמפּעראַמענט, וועלכער האָט מיט זיין ערשטן שפּרונג ווייט אַריבערגעיאָגט די דעקלאַמאַטאָרישע, אומפּערזענלעכע יידישע דיכטונג פון זיין צייט און איז ווייט אַריבערגעיאָגט געוואָרן אין זיין לעצטן דיכטערישן פּעריאָד דורך דער גרויסער אַנט־וויקלונג פון דער היינט־צייטיקער יידישער דיכטונג.

אויב דאָס דאָזיקע לעצטע איז קיין וואונדער נישט, איז אָבער יאָ צו באַוואונדערן, וואָס אויף זיינע נישט־פאָדערשטע פּאָזיציעס פון דער יידישער דיכטונג האָט ער ביז דער לעצטער צייט געשאַפן עכטע דיכטערישע ווערטן. ליעסין דער דיכטער האָט פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ גרויסן און שטאַרקן פּערזענ־לעכקייט־קערן, אַז אפילו אין זיין אָפּגעשטאַנענער אויסדרוק־מעגלעכקייט האָט ער אונז געהאַט וואָס צו זאָגן, אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך נישט זאָגן וועגן אַ סך יינגערע יידישע דיכטער מיט ראַפינירטערע אויסדרוק־מעגלעכקייטן.

* * *

ליעסין איז געווען אַ בולט־אויסגעשפּראָכענע פּערזענלעכ־קייט. עס איז דעריבער אוממעגלעך אָפּצוטיילן ליעסין דעם דיכטער פון ליעסין דעם מענטש און סאָציאַליסט. אין דאָזיקן זין האָט ער געהערט צום ווערטפולסטן מין אינדיווידואַליסטן: ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּטיילן פונם ציבור, אָבער ער האָט נישט געוואָלט ניוועלירט ווערן אין אים. אַלץ, וואָס ער האָט געשפּירט אין זיך אַלס ווערטפול און הייליק, האָט ער גע־וואָלט אויסלעבן בציבור, ער האָט דאָס געוואָלט מיטטיילן דעם ציבור, אַרויסרופן דאָס ביי אַנדערע, כדי צו שאַפן נישט קיין נידעריקע, אויף אונטן, ניוועלירטע אויסערלעכע האַרמאָניע, נאָר אַ העכערע געמיינשאַפט פון גייסטיק־פאַנאַנדערגעבליטע מיט איין אידעאַל, אַן אינדיווידועל־איבערגעלעבטן און אַן אינערלעך־באַשטעטיקטן.

טיף־צוגעבונדן צו דער גייסטיקער ירושה פון יידישן

פאָלק, שפּירנדיק טיף אין זיך די עקזיסטענץ פון אַ ייִדישן פאָלק, לאָזט ער נישט ניוועלירן זיין סאָציאַליזם אין דער־מאָלטיקן מינסקער קאָסמאָפּאָליטישן שטראָם, נאָר ער הויבט אויף הויך די פאָן פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרט פאַרן ייִדישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש.

פילנדיק אין זיך די גליכע נישט־איבערגעריסענע ליניע, וואָס ציט זיך צווישן אַמאָליקן רעליגיעזן און היינטיקן קדוש־השם פון דער מענטשהייט פּונקט אַזוי גוט, ווי פון ייִדישן פאָלק, וויל ער די דאָזיקע גלייכע ליניע אויסגראָבן אויך ביי די אַרבעטער־מאַסן, וואו זי איז נאָך פאַרשאָטן אָדער אין איר אַמאָליקן טייל אָדער אין איר היינטיקן.

ליעסין אָדער די אַזוי גערופענע „וואַלטאָוושטשינע" (אַזוי האָט מען באַצייכנט ליעסין־וואָלטס אָפּאָזיציע) האָט נישט גע־וואָלט טראָגן דעם סאָציאַליזם צום ייִדישן אַרבעטער אויף די שפּיצן פון עקאָנאָמישע טעאָריעס און אַזוי אַרום געווינען דעם אַרבעטער פאַרן סאָציאַליזם אויסערלעך, אויף אַ מיטינג־וועג; ער האָט געוואָלט אויסגראָבן פון דער ייִדישער קולטור־ירושה איר סאָציאַליסטישן, הומאַניסטיש־עטישן אינהאַלט און לאָזן אויסוואַקסן ביים ייִדישן אַרבעטער דעם סאָציאַליזם פון אינע־ווייניק, קולטור־אָרגאַניש.

אויף אַזאַ אופן האָט ליעסין דער סאָציאַליסט געטראָגן די צוויי טיפסטע קוואַלן פון זיין אינטימען ייִד־ און מענטש־געפיל צו די ייִדישע אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסן: דאָס סאָציאַל־עטישע און נאַציאָנאַל־העראָאישע, דעם סאָציאַלן און נאַציאָ־נאַלן פּאַטאָס, וואָס האָבן זיך פאַר אים פאַראייניקט אין איין מעכטיקן קוואַל פון שטענדיקער באַגייסטערונג: דער עטיש־העראָאישער פּרינציפּ אין לעבן פון יחיד און פעלקער, דער קידוש־השם־מאָמענט.

און דאָס זעלבע, וואָס ליעסין האָט געטראָגן דער ייִדישער מאַסע אַלס סאָציאַליסטישער פּריידיקער, האָט ער געבראַכט אויך אין דער ייִדישער דיכטונג. דער אינטימסטער עיקרדיק־

סטער אינהאַלט פון ליעסין דעם געזעלשאַפטלעכן טוער, איז אויך דער אינטימסטער, עיקרדיקסטער אינהאַלט פון ליעסין דעם דיכטער.

* * *

דאָס, וואָס פּרץ האָט געטון מיט זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", האָט ליעסין זעלבשטענדיק געטון מיט זיין דיכטונג. ער האָט אויפגענומען די אַרבעטער־באַוועגונג נישט ווי אַ נע־גירונג פון דער ביז־איצטיקער יידישער געשיכטע, נאָר ווי איר עכטע גייסטיקע יורשטע, ווי איר לעגיטימע המשך־שפּינערין, און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער רחבותדיקע פעלדער פון דער יידישער געשיכטע ווי אַן אַרבעטזאַמע בין און געקליבן דעם זיס־ביטערן פּרוכטבאַרן בלומען־שטויב פון יידיש־מענטש־לעכער גייסטיקייט; ער האָט פאַרוועבט אין איין געוועב די גאָלדענע פעדים פון פאַרשידענע דורות, פון ר' עקיבאס מאַר־טירער־טויט איבער דעם מהר"מס פון רוטנבערגס טראַציקן קאַמף קעגן „דער פויסט און דעם אייזן", ביז הירשקע לעקערטס קאַמף פאַר פרייהייט.

ליעסין איז נישט דער איינציקער דיכטער, וואָס איז כמעט אינגאַנצן אַוועק אין עבר, אין געשיכטע, כדי צו זוכן שטאָף פאַר זיין דיכטונג. אין דער פראַנצויזישער דיכטונג איז באַ־קאַנט די פּאַרנאַס־גרופּע, וואָס האָט זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו דער אַזוי גערופענער אינטימער דיכטונג, צו דער אינטימער ליריק, און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער רייכער לעגענ־דע־וועלט פון די אַלטע פעלקער, וועלכע זיי האָבן סיסטעמאַטיש באַאַרבעט אין שיינע פּלאַסטישע פערזן.

די דאָזיקע דיכטער טיילט אָבער אָפּ פון ליעסינען אַ גאַנצע וועלט. זיי זענען אַנטלאָפן פון דאָס אינטים־פּערזענלעכע אין צו פּערזענלעכע טעמעס צו אומפּערזענלעכע בילדער און געדאַנקען, אַלס שטאָף, אַלס אַרבעטס־מאַטעריאַל, בעת ליעסין איז געטריבן געוואָרן צו די געשיכטלעכע טעמעס גראָד צוליב זיין אינטימסטן דיכטערישן קערן. מער נישט — זיין אינטימער

קערן האָט זיך דאָ געוואַלטיק אויסגעברייטערט, ער איז גלייכ־צייטיק געווען און געדאַרפט ווערן דער אינטימער קערן פון אַ פאָלק. זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון דאָס אינערלעכע און אַוועק צום אויסערלעכן פון דער געשיכטע, כדי עס צו פּאַרפּלאַס־טישן, און ער איז אַוועק אָפּגראָבן דאָס אינערלעכסטע פון דער געשיכטע, כדי עס אינטים איבערצולעבן.

ליריקער, ווי באַקאַנט, זענען על־פּי־רוב זייער איינזייטיק; זיי האָבן, וואָלט איך געזאָגט, נישט אַזוי אַן אידייע־פּיקס, נאָר אַ געפיל־פּיקס. היות זיי זינגען אויס דאָס אינטימע, מוזן זיי זיך איבערחזרן, ווייל דעם מענטשנס אינטימסטע געפילן זענען מערסטנטיילס כמעט נישט ענדערלעך. און היות ליעסין איז צו די געשיכטלעכע טעמעס געטריבן געוואָרן נישט דורכן אינטעלעקט, נאָר דורכן געפיל, נישט צוליב פּאַרפּלאַסטישן זיי, נאָר כדי פּליסיק מאַכן זייער געפילס־אינהאַלט און אַזוי אַרום אויסדריקן זיינעם, — האָט ער דעריבער קיינמאָל נישט געהאַט געגנוג די דאָזיקע טעמעס: דאָס איז דאָך געווען זיין ליריש „געפיל־פּיקס".

* * *

איך וויל באַרירן נאָך איין מאָמענט פון ליעסינס דיכ־טעריש־אינטימען קערן: דאָס איז די טעמע ליעסין און יידיש.

זיין פּיאָנעריש ליד האָט זיך אויסגעטיילט פון זיין יידי־שער צייט־דיכטונג (פון אַ ווינטשעווסקים, אַן עדעלשטאַטס) נישט נאָר מיט זיין רייכערן אינהאַלט, מיט זיינע אינדיווידועלע קינסטלערישע וואַלאָרן — בילד, ריטם און מוזיק, — נאָר אויך פּראָסט פּשוט מיט דער ריינערער יידיש־שפּראַך. היינט פּאַרמאָגט די יידישע דיכטונג שפּראַך־ווירטואָזן, און במילא זעט אויס ליעסינס שפּראַך גרוילעך, פּשוטלעך און אַמאָל טאַקע אָרעמלעך, אָבער ווען מען פּאַרגלייכט זיינע אַמאָליקע ערשטע לידער מיט זייערע צייט־חברימס, זעט מען ליעסינס שפּרונג

פּאַראַוים — אויך אין דאָזיקן ריין־אינסטרומענטישן געביט.

אין דער צייט, וואָס אָדער די דיכטער האָבן בכלל געלייגט ווייניק אַכט אויף דעם שפּראַך־אינסטרומענט און געשריבן דייטשמעריש אָדער מען האָט זיך געקלאָגט אויף דער אָרעמ־קייט און דיכטערישער אומטויגלעכקייט פון „זשאַרגאָן" (פּרץ, פרוג), האָט ליעסין, ווי עס זעט אויס, נישט געהאַט קיין שום שוועריקייטן מיט יידיש: נישט ער איז געווען אין קנעכטשאַפט ביים „דייטשמעריש", נישט ער איז געווען אויף מעסערס מיט זיין שפּראַך־אינסטרומענט.

און דאָס איז נישט קיין צופאַל, — דאָס נעמט זיך ווידער פון ליעסינס עכטער אינדיווידואַליטעט, פון זיין אינ־טים־פּערזענלעכן צוגאַנג צו יעדער זאַך. ער איז נישט געקומען צו יידיש פון דער זייט, פון דרויסן צוליב באַוואוסטזיניקער פאָלקסטימלעכקייט אָדער צוליב אוטיליטאַרע צוועקן, — יידיש איז געווען זיין אינטים־גייסטיקע סטיכיע, פאַרבונדן מיטן צענטראַלסטן קערן פון זיין ייד־ און מענטש־געפיל, ווי דאָס איז צו זען פון זיינע לידער וועגן יידיש. יידיש איז פאַר אים געווען „אַזוי ווי די שיינקייט פון מענטשלעכע זעלן, אַזוי ווי די שיינקייט פון פאָלקסזעל אַליין"; יידיש איז פאַר אים געווען ווי „די חנען פון תחינות פון פרומע", ווי „די שיינקייט פון קידוש השם"; יידיש איז פאַר אים געווען ווי אַ שבועה „אַ רינגל צו זיין אין דער קייט, צו ציען אַלץ ווייטער דורך דורות דעם וואונדער פון ווילן און וויי".

מען האָט די לעצטע יאָרן געשריבן אַ סך לידער וועגן יידיש, ליבע־דערקלערונגען צו יידיש; מען האָט זיי געשריבן מיט בלויזן קאָפּ אָדער מיט בלויזן וואָרט־קלאַנג, — אָבער קיין איינס פון די דאָזיקע ליבע־דערקלערונגען זענען נישט אַזוי עכט, ווי ליעסינס. די אויסטערלישע אַסאָציאַציעס, וואָס קומען ליעסינען ביי דער טעמע „יידיש לשון", וואָרצלען אין ליעסינס נשמה־קערן און במילא געהער אויך דאָס יידיש לשון צו דער־

וועלט פון זיין אינטימען „איך". יידיש איז פאַר אים געווען אַזוי נאָענט, ווי זיין באַוואוסטזיניק געוואָרענער „איך", און דערפאַר איז דער בונד זיינער מיט יידיש געווען אַזוי נאַטירלעך און אַזוי אינטים. יידיש האָט זיך אָפּגעגעבן זיין דיכטונג אין ליבע ביי דער ערשטער באַגעגעניש, פּונקט ווי ליעסין האָט זיך איר אָפּגעגעבן אין ליבע ביים ערשטן שטראַל פון באַוואוסטזיניק באַלויכטענעם געפיל, אַז דאָס העכסטע פאַר אים איז דער פּרינציפּ פון קידוש־השם און דער טראַגיש־העראָאישער אָפּטימיזם פון דורות־לאַנגן „וואונדער פון ווילן און וויי".

ווי מיר זעען, איז ליעסינס אויסגעשפּראָכענע אינדיווידואַליטעט ווי אַ קרייז: אירע אַלע אויסדרוקן זענען גלייך נאָענט צום צענטר און בילדן אַ געשלאָסענע איינהייט.

דער פאַרצוויפלטער גלוביקער

(י. ח. ברענער)

מיר האָבן ווייניק שרייבער, וועלכע פאַרדינען דעם שטאָלצן טיטל „נאַציאָנאַלע". ברענער געהער אָן שום ספק צו דער דאָזיקער קליינער צאָל. זיין גאַנץ שאַפן איז אַ קאַמף מיט די ברענענדיקסטע לעבנס־פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק. און נאָך מער: ער האָט דורכגעוויטיקט אַלע ברענענדיקע לעבנס־פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק, ווי זיינע אייגענע, אינטים־פּערזענ־לעך. און ער איז, חוץ דעם, איינער פון אונזערע ווייניקע היינטיקע שרייבער, וועלכע האָבן אַריינגעטראָגן א ו נ ז ע ר צושטייער אין דער וועלט־ליטעראַטור: זיינע ווערק גיבן אויך פרעמדע אַ מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין דער פּסיכיק פון אַ היינטיקן יידן, וועלכער לעבט איבער שאַרף און טיף דעם גורל פון זיין פאָלק.

דער העלד פון זיין לעצטן ראָמאַן „שכול וכשלון", יחזקאל חפץ, אַ פאַרקריפּלטער פיזיש און גייסטיק (כמעט אַלע העלדן ברענערס זענען אַזעלכע — זיי פאַרקערפּערן מיט זיך די פיזישע און גייסטיקע אָנגעבראָכנקייט פון יידישן פאָלק), זיצט אין תל־אביב ביים ים און לעבט איבער אַ גרויסן עסטעטישן פאַרגע־ניגן ביים צוקוקן זיך צו די באַוועגונגען פון אַ יונגן, שטאַרקן אַראַבישן שווימער. ער פילט עפּעס קאָסמישעס און אומפאַר־גלייכלעך־האַרמאָנישעס אין די שטאַרקע און גראַציעזע באַווע־גונגען פון זיין קערפּער. און מיטאַמאָל צעעפנט זיך ביי אים, ווי אַן אייביק־נאַיענדיקע וואונד, זיין יידישקייט־געפיל (אַלע מענטשן האָבן אַ לעבנס־געפיל, אָבער ברענערס יידן האָבן אַ יידישקייט־געפיל) און ער גיט אַ טראַכט מיט אַ וויי־טיקדיקער

איראָניע: צי וואָלט דער דאָזיקער יונגער בחור געוועז געקאָנט אַזוי שווימען, ווען ער וואָלט זיין אַ זון פון יידישן פאָלק? צי וואָלט ער געקאָנט שווימען אַזוי אין דער יידישער מקווה?

די דאָזיקע קליינינקע סצענע — אין איר פּרעכטיקער פּלאַסטישער אויספורעמונג — באַלייכט ווי צום בעסטן די תהומיקע טיפקייט פון ברענערס „יידישקייט־געפיל": מיר האָבן נישט קיין ים, נאָר אַ מקווה, — אונזער קראַפט האָט נישט קיין נעהעריקע ראַמען און זי מוז איינשרומפּן; גיי זיי אַ בריה צו שווימען גראַציעז און מעכטיק אין אַ מקווה.

די דאָזיקע מקווה איז שוין נישט די מקווה פון מענדעלעס יידישקייט־געפיל: די דאָזיקע מקווה ברענערס איז אַ סימבאָל פון אונזער גאַנץ לעבן, פון אונזער יחידיש־נאַציאָנאַלן פאַרשפּאַרט זיין אין ענגע, קינסטלעכע גרענעצן.

אַ דאַנק אַזאַ סצענע ברייטערט ברענער אויס דעם באַוואוסטזיין פון דער וועלט־ליטעראַטור, אַריינפירנדיק אין איר דעם מהות פונם יידישקייט־געפיל אין אַ קינסטלערישער אָפּשפּיגלונג און באַזינונג.

ס'איז גאָרנישט, וואָס אויף ענגליש און אין אַנדערע שפּראַכן איבערזעצט מען דערווייל נישט ברענערן, נאָר אַשן און זינגערן: נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון ברענערן, פּונקט ווי דורך דער פאַרמיטלונג פון ביאַליקן, וועט דאָס יידישע פאָלק פון אונזער תקופה רעפּרעזענטירט ווערן אינם אוצר פון דער וועלט־ליטעראַטור.

* * *

נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, אין 1905, איז דאָס לעבן פון דעמאָלט גרעסטן יידישן קיבוץ אין דער וועלט, אין רוסלאַנד, געשטאַנען אונטערן צייכן פון העכסטער פאַרצווייפלונג. די האָפנונג צו קאָנען אָפּבאַפּן נאַציאָנאַל און פּראָסט־מענטשלעך דעם אָטעם איז צערונען געוואָרן. די מוראדיקע פּאָגראָם־כוואַליע האָט אַריינגעטריבן די יידישע מאַסן

אין פיזישער און גייסטיקער דעפּרעסיע, די נאַציאָנאַל־געשטימ־טע יידישע אינטעליגענץ איז געלעגן פאַרחלשט.

אין יענער שווערער, פאַרצווייפלטער צייט, ווען אָפּהענ־טיקייט ביי די בעסערע און ציניזם ביי די ערגערע זענען גע־וואָרן די הויפּט־סימנים פון יידישן לעבן, און גלויבן, שעפע־רישער מוט און נאַציאָנאַלע עקשנות זענען געווען אויפן לויט, — דעמאָלט האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פון לאָנדאָן דינע העפטלעך אונטערן נאָמען „המעורר", א צייטשריפט, וואָס האָט געוועקט, אין הסכם מיט זיין טיטל, צו נאַציאָנאַלער טאַט, צו אויפדויער, צו גייסטיקער אָנשטרענגונג.

דער „המעורר" איז נישט געווען קיין ביליקער „הורא"־גראַגער, קיין פּוסטער אָפּטימיזם־שרייער, — ער האָט געוועקט פון לעטאַרגיע און געוועקט צו טאַט דורך אויפרייסן אומדער־שראָקן וואונדן, דורך דער טיפקייט פון פאַרצווייפלונג, דורך דעם ערנסט סיי פון דערקענען דעם נאַציאָנאַלן אומגליק, סיי דורך דעם ערנסט פון זוכן און, דער עיקר, פון ווילן א רעטונג פונם נאַציאָנאַלן אומגליק.

דער „המעורר", וואָס פאַרנעמט א בכבודיקן אָרט אין דער גייסטיקער געשיכטע פון יענער צייט, איז געווען דאָס גייסטיקע קינד פון ברענערן. און ער, כמעט איינער אליין, האָט אויסגעטראָגן די גאַנצע לאַסט פון אויסהאַלטן דאָס דאָ־זיקע קינד פון זאָרג. ברענער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל, כמעט דער איינציקער מיטאַרבעטער פון זשורנאַל, איינער פון די זעצער, דער קאָרעקטאָר, דער אַדמיניסטראַטאָר און דער שיק־יינגל, וואָס פלעגט שלעפּן די דינע העפטלעך אויף פּאָסט, — ער פלעגט אין זיי נישט נאָר אריינלייגן זיין האַרץ און מאַרך, נאָר ער פלעגט זיי מיטגעבן אויף זייער שליחות־וועג די שטומע ברכה פון זיינע אַקסלען.

די געשיכטע פון ברענערס „המעורר" איז נישט נאָר א פּרט פון זיין שרייבערישער ביאָגראַפיע, — דער דאָזיקער פאַקט סימבאָליזירט מיט זיך דעם גאַנצן וועזן פון ברענער

דעם מענטש און דעם שרייבער (ביי אים זענען זיי — איינס, נישט אָפּצוטיילן). אין דאָזיקן „המעורר"־עפּיזאָד קומט בולט צום אויסדרוק דער הויפּט־שטריך פון ברענערן: ער, דער פאַר־צווייפלטער, דער גייסטיק־געפּייניקטער, איז תמיד פול געווען מיט אַ טיפן גלויבן, וואָס איז פּעאיק געווען אויף מעשים, וואָס איז פעאיק געווען אָנצושטעקן מיט דער קראַפט פון ביישפּיל און מסירת־נפש אַנדערע.

דער פאַרצווייפלטער אין דער ראָל פון אַ גלויביקן, דער צעבראָכענער אין דער ראָל פון אַ פעסטן, מעכטיקן זייל, — אָט דאָס איז ברענער, אין זיין טיפסטן וועזן, אין דעם איז די גרויסקייט זיינע אַלס מענטש און שרייבער.

ווען וואַסער דאַרף דורכשלאָגן פאַר זיך אַ וועג דורך שיכטן זאַמד און קוילן, קומט זי אַרויס געלייטערט, דורכ־ביילטרירט פון יעדן שמוץ.

אַזוי איז אויך מיט גלויבן, וועלכער דאַרף דורכשלאָגן זיין וועג דורך שיכטן פאַרצווייפלונג און ספקות.

און ברענערס גלויבן, וואָס האָט געהאַט דורכצושלאָגן דעם דיקן שיכט פון ברענערשער פאַרצווייפלונג, איז געוואָרן ריין פון יעדן שמוץ־צומיש.

* * *

שווער צו געפינען אין דער נייער יידישער ליטעראַטור (סיי אין יידיש, סיי אין העברעאיש), נאָך אַ שרייבער מיט אַזאַ שווער געמיט און מיט אַזאַ באַגאַזש פאַרצווייפלונג, ווי ברענער. די גאַנצע לאַסט פון יידיש־נאַציאָנאַלן גורל האָט זיך ווי געלייגט אויף אים און אים צוגעדריקט. קיינער האָט אַזוי נישט דורכגעוויטיקט דאָס יידישע לעבן, ווי דער מחבר פון „מכאן ומכאן" (פון דער זייט און פון יענער), אַ ווערק, אין וועלכן ברענער האָט אויפגעריסן יעדע יידישע וואונד און נאָך אַריינגעלייגט זיין פינגער אין יעדער איינער פון זיי.

אַ נאָענטער, גאָר אַ נאָענטער מענטש, האָט זיך מיר פאַר־טרויט אַמאָל:

„דאָס איז געווען מיט העכער אַ פערטל־יאָרהונדערט צוריק. איך האָב זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פאַר דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי, וועלכע האָט מיך אַרומגעזוכט, און כ׳האָב באַשלאָסן אויסצובאַהאַלטן זיך ביי אַן אַלטן עלטער־פעטער, ווייל זיין דירה איז כמעט ווי פאַרזיכערט געווען פון אומגעבעטענע געסט.

„אויפן וועג אַהין בין איך אָפּגעטראָטן ביי אַ באַקאַנטן און גענומען ביי אים ברענערס בוך „מכאן ומכאן״.

„מיין לאַגע איז געווען פיינלעך נישט נאָר צוליב מיין געצוואונגענעם הויז־אַרעסט, — זי איז נאָך שטאַרק קאָמפּליצירט געוואָרן דורך אַ גאַנצער ריי אינערלעכע און אויסערלעכע קאָנפליקטן און דורך אַ קראַנקהייט, וואָס האָט מיך געמאַטערט זייט 5 — 6 יאָר און וואָס האָט געדראָט, אין בעסטן פאַל, צו פאַרוואַנדלען מיך אין אַ לעבנס־לענגלעכן אינוואַליד. דער פרייוויליקער הויז־אַרעסט, מיט זיינע אומקלאָרע אויסווירקונגען, האָט באַזונדערס בולט אונטערגעשטראָכן פאַר מיר מיין פיינלעכע לאַגע און ער איז געבליבן הענגען איבער מיין זעלבסטגעפיל, ווי אַ שווערער וואָלקן.

„אין אַ געדריקטער שטימונג האָב איך זיך פאַרגראָבן אין ברענערס בוך, אַבי צו פאַרטיידיקן זיך פון אַ שמועס מיט מיינע אַלטע קרובים־באַלעבאַטים, — יעדע באַרירונג מיט מענטשן איז געווען אומדערטרעגלעך פאַר מיינע ביז גאָר געשפּאַנטע נערוון.

„ביסלעכוויז האָט מיך ברענערס שווער בוך אַריינגעצויגן אין זיין קעסל־גרוב פון טרויער און צאָרן. איך האָב אַלץ מער און מער אָנגעהויבן צו פאַרגעסן אין זיך, איך האָב זיך באַפרייט פון דער תפיסה פון מיין „איך״ און בין פרייגעוואָרן אויף אונטערצוטויכן אין אַן אומענדלעך גרעסער מאַרטיריום, אין אַן אומענדלעך טראַגישערן גורל, — אין גורל פון יידישן פאָלק.

„ווען איך האָב געענדיקט לייענען דאָס דאָזיקע בוך, וואָס

געהער צו יענעם טיפּ האַלב־פּובליציסטישער בעלעטריסטיק, וואָס פאַרנעמט אין דער ליטעראַטור אַ בכבודיק אָרט זייט ביי זייט מיט די גרעסטע קינסטלערישע ווערק (צוליב זייער ליידנ־שאַפטלעכער ליבע צו עפּעס גרויסעם, צוליב דער גייסטיקער און דער דורכגייסטיקנדיקער מענטשלעכקייט און פּיין, — זענען דאָך דאָ נישט קיין שיינע פּרויען, וואָס אַ גרויסע פאַר־גייסטיקנדיקע ליבע און די ליידן פון ליבע מאַכן זיי רייצנדיקער פאַר שיינע), בין איך געבליבן זיצן מיטן בוך אין דער האַנט אין צושטאַנד פון אַ טראַנס. און איך האָב געזען: עס שפּרייזט אַ המון אַרעסטאַנטן, אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי, און צווישן די אַרעסטאַנטן געפין איך זיך אויך, מיט ברענערס בוך אין דער האַנט, און איך גיי און לייען, איך גיי און לייען. און מיר איז אַזוי גלייכגילטיק וועגן עס פירט מיך און וואוהין מען פירט מיך, — איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די ענגע הילע פון מיין „איך" און כ'בין פולשטענדיק פאַרזונקען אין אַ טראַגעדיע, צו וועלכער ברענער האָט מיך דערנענטערט אין אַזאַ שאַרפער, פיינלעכער, דורכגייסטיקנדיקער און — אָ, וואונ־דער איבער וואונדער! — פערזענלעך־באַרואיקנדיקער פאָרם.

„איך האָב זיך אָפּגעריסן פון דער וויזיע, צוגעמאַכט דאָס בוך, זיך אויפגעהויבן, זיך אָפּגעזעגנט און — כ'בין אַוועק צום לעבן אויף דער פריי, אָן שרעק און צאַפּלענישן פאַר די געפאַרן זיינע.

„וואָס האָט מיר שוין געקאָנט געשען נאָך דעם דורכ־געדרונגען זיין מיט ברענערס בוך פון און וועגן יידישן לעבן?!"*)

---

*) אין רחל קעצענעלסאָנס שוין אויבן ציטירטן (ז.) אַרטיקל „צוויי שפּראַכן" (אין דייטש) געפין איך עטלעכע אויסערגעוויינלעך טיפע און דרייסטע ווערטער וועגן ברענערס „מכאן ומכאן":

„צי האָט ברענער געוואוסט, אַז זיין בוך וועט זיין פאַר אונז אַ קוואַל פון זעלבסטצוטרוי, האָפענונג און קראַפט, — אַ

וויפיל שרייבער זענען דאָ, וועלכע קאָנען אין אַזאַ מאָס ווירקן אויף מענטשן, אויף זייערע מעשים, אויף זייערע באַשלוסן? וויפיל ווערק קענט איר געפינען, וואָס זאָלן בכוח זיין אַזוי ראַדיקאַל צו ענדערן אונזער גייסטיקן צושטאַנד? דאָס איז אַ פּריווילעגיע נאָר פון יענעם וואָרט, וואָס ווערט געבוירן פון העכסטער, אומאייגננוציקער ליבע אָדער פון העכסטן, אומאייגננוציקן פּיין.

גרויסע ווערק ברענגען גליק אפילו דאַן, ווען זיי זענען אונז משתף צו אַ גרויסן אומגליק. „אונזער וועלט איז דערפאַר אַזוי ענג — זאָגט פראַנץ ווערפעל אין זיינעם אַ געדיכט, — ווייל מיר פילן זי אוים מיט זיך". ווען מיר באַפרייען זי פון זיך אַליין, גיט זי אונז אַ גרעסערע באַוועגונגס־פרייהייט אפילו אין אומגליק. דאָס איז, לכל הפחות, אַן אומגליק מיט אַ ברייטן האָריזאָנט, וואָס באַפרייט אונז פון דאָס ענגע, פונם אינדיווידועל־אויסוועגלאָזן.

ברענערס וואָרט איז דאָס קינד פון נאַציאָנאַלן אומגליק, פון נאַציאָנאַלער פּיין, — דאָס איז דאָס וואָרט פון אַ היינטציטיקן ירמיה, וואָס געפינט קיין רו נישט ביים אָנבליק פונם נאַציאָנאַלן חורבן.

דער העלד פון ברענערס באַקאַנטער דראַמע „מעבר לגבולין" („אויף יענער זייט גרענעץ"), דער שרייבער בנימין, זאָגט וועגן דער יידישער ליטעראַטור, אַז זי דערפילט נישט איר אויפגאַבע, ווייל די גאַנצע יידישע ליטעראַטור וואָלט באַ־

סך מער ווי דאָס זענען די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן"? ווער ווייס? מיר אָבער האָבן געפילט, אַז אויב מען קאָן רעדן וועגן אונז אָן איין פונק רחמנות, איז דאָס אַ סימן, אַז מיר לעבן נאָך".

ווי ריכטיק און פיין און טיף רחל קאַצענעלסאָן האָט אויפגענומען ברענערס ווערק און דער עיקר זיין ווירקונג: עס ווייסט מיט צום סאַמע דעק פון פאַרצווייפלונגס־אָפּגרונט, כדי דאָרט צו באַשענקען מיט גלויבן.

דאַרפט זיין אין איינציקער גרויסער, אומאויפהערלעכער געשריי, אין וועלכן עס גוויטיקט זיך אונזער לעבן, וועלכן אונזער לעבן פאַרדינט, ווען מען באַנעמט אים ווי געהעריק, ווען מען זעט עס אין זיין אמתער געשטאַלט. און אָט די דאָזיקע נישט-דער־פילטע אויפגאַבע פון דער יידישער ליטעראַטור האָט ברענער גענומען אויף זיך צו דערפילן: זיין גאַנץ שאַפן איז איין גרויסער, אומאויפהערלעכער געשריי. ברענערן איז באַפאַלן דער פיזישער און גייסטיקער קאָשמאַר פון אונזער נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע און ער האָט אַ גאַנץ לעבן נישט געקאָנט באַ־פרייען זיך פון דאָזיקן קאָשמאַר. און זיין געשריי איז געווען אַ הילף-רוף, אַ געשריי קעגן דער געפאַר אומצוקומען אונטערן דרוק פון דאָזיקן קאָשמאַר, — אַ הילף-רוף קודם-כל צו די איי־גענע ווידערשטאַנד-כוחות, צום איינציקן כוח, וואָס קאָן גובר זיין די טויט-געפאַר פון פאַרצווייפלונג — דעם כוח פון גלויבן, דעם כוח פון טראַגישן אָפּטימיזם, ד. ה. פון יענעם אָפּטימיזם, וואָס שעפּט זיין גלויבן נישט פון אויבערפלעכלעכן אומוויסן, נאָר פון יענעם וויסן, וואָס מען דערקלייבט זיך צו אים ערשט אויפן אָפּגרונט פון פאַרצווייפלונג.

די געשיכטע פון ברענערס לעבן און שאַפן איז די גע־שיכטע פון אַ פאַרצווייפלטן גלויביקן, וועלכער פאַלט צו מיט פאַרצווייפלטער ליבע צו די פאָלקס-וואונדן און זויגט אַזוי לאַנג זייער אייטער, ביז ער הויבט אָן צו פילן אויף די אייגענע ליפּן דעם טעם פונם לעצטן ביסל געזונטן בלוט, וועלכעס דאַרף ברענגען דעם רעטנדיקן וואונדער.

עס איז מערקווירדיק, וואָס גראָד אין ברענערס אימה־דיקסטן בוך — „מכאן ומכאן" — דערשיינט צום סוף די ליכטיקע געשטאַלט פונם אַלטן לאַפּידוס מיט זיין אייניקל, דעם סימבאָל פון דער לעצטער האָפנונג.

און אין „שכול וכשלון", ברענערס לעצט גרעסער ווערק (קינסטלעריש — זיין רייפסטעס און טיפסטעס), נעמען זיך שוין אויסלייטערן די הימלען איבער ברענערס שאַפן. דאַכט

זיך, די זעלבע צעבראָכענע אינטעליגענטישע געשטאַלט, ווי־
אין אַלע ברענערס ווערק (און וואָס שייך דער פּיזישער צע־
בראָכנקייט, קומט דעם העלד פון דאַזיקן בוך דער אויבנאָן
אין ברענערס טיפן־גאַלעריי); דאַכט זיך, דאָס זעלבע פאַר־
צווייפלטע בילד פון יידישן לעבן, — אָבער דאָס דאַכט זיך
טאַקע נאָר. די בייזע וואָלקנס יאָגן נאָך איבער ברענערס הימ־
לען, אָבער זייערע זוימען ווערן שוין באַלויכטן פון אַן אויפ־
גייענדיקער, באַרואיקנדיקער זון.

דער גרויסער פאַרצווייפלטער האָט אויסגעטרונקען דעם
כוס ביזן סוף, און אויפן דעק האָט ער געפונען דעם קערנדל
פון גלויבן. ברענערס שאַפן האָט זיך געפונען אויף אַ גרע־
נעץ־פונקט צווישן יאוש און גלויבן, עס האָט זיך געגרייט אַ
גרויסער גייסטיקער איבערברוך־מאָמענט אין דאַזיקן מיט פאַר־
צווייפלונג רייכן לעבן. אָבער די דאַזיקע וואונדערלעכע מעטאַ־
מאָרפאָזע פון גייסט איז איבערגעריסן געוואָרן גלייך ביים
אָנהויב: דער זעעוודיק געוואָרענער ברענער איז געפאַלן אַ
קרבן פון דער סאַמע פאַרבלענדסטער פון אַלע סטיכיעס —
דער האַס־סטיכיע.

* * *

ברענער האָט נאָך ביים לעבן געהאַט אַ שם פון אַ הייל־
ליקן. דאָס איז אַ טיטל, וואָס מען טיילט אים איין אַ סך, אָבער
נאָר וויניקע פאַרדינען אים. ברענער געהער צו די וויניקע.
און קיין שום זאַך האָט אַזוי נישט באַשטעטיקט די ריכטיקייט
פון דאַזיקן טיטל, ווי ברענערס טויט.

בעת אין ארץ־ישראל איז אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם אין
1921, האָט זיך ברענער געפונען אין אַ קליינעם פונקט נישט
ווייט פון תל־אביב. מען האָט נאָך אים געשיקט אַן אויטאָ,
אָבער היות דער אויטאָ האָט נישט געקאָנט מיטנעמען זיינע
מיטוואוינער, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן. און ער איז
אויף זיין פרייוויליקן פּאָסטן געהרגעט געוואָרן. דער טויט

זיינער האָט בולטער געמאַכט די אידעאַלע ליניע פון זיין לעבן, וואָס איז געווען אַזוי האַרמאָניש.

פון אויבנאויף קאָן דאָס פאָרקומען פּאַראַדאָקסאַל: ברע־נער, דער צעריסענער גייסט, דער גריבלער, וואָס האָט זיך גע־וואָרפן: פון ציוניזם צום בונדיזם און פאַרקערט; פון פאַר־צווייפלונג צו האָפענונג; פון גאולה־טרוימען צו אומקום־וויזיעס, — דער דאָזיקער ברענער און — האַרמאָניע? אָבער די פּאַראַ־דאָקסאַלקייט פאַרשווינדט, ווען מען טראַכט זיך אַריין טיפער אינם וועזן פון דער העכסטער האַרמאָניע, וואָס באַשטייט אין דער האַרמאָניע צווישן געדאַנק און טאַט, צווישן לעבנס־אָנ־שויאונג און לעבנס־פירונג. ברענער איז ווייט געווען פון דער אידילישער אויסערלעכער האַרמאָניע, וואָס באַשטייט אין דער ווירעדיקער גלייכקייט פון דער אויסערלעכער ליניע; ער האָט אָבער פאַרמאָגט די אינערלעכע טראַגישע האַרמאָניע, וואָס קאָן באַשטיין אין סאַמע צעריסנסטן לעבן, אויב עס איז נאָר דאָמינירט דורך דער אינטימער ערלעכקייט־ליניע, נישט גע־קוקט אויף אַלע אויסערלעכע זיגזאַגן.

ברענערס לעבן איז געווען האַרמאָניש נישט מיט דער האַרמאָנישקייט פון אַ אידילישער אָראַנזשעריע, נאָר מיט דער האַרמאָנישקייט פון דער וועלטס לעבעדיקע סטיכיעס, וואָס קעמפן, דאַכט זיך, צווישן זיך, אָבער זיי ווערן, אין לעצטן סך־הכל, רעגירט דורך אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקן, האַרמאָנישן — הגם אויך טראַגישן — וועלט־געזעץ.

די צוויי בלומרשטע קעגנזאַצן — פאַרצווייפלונג און גלויבן, צעריסנקייט און האַרמאָניע — זענען קעגנזאַצן בלויז אויף דער אויבערפלאַך, אין דער טיף קאָנען זיך זייערע וואָרצ־לען האַרמאָניש צוזאַמענפלעכטן.

* * *

לויטן ערנסט, מיט וועלכן ברענער האָט איבערגעלעבט און דורכגעווייטיקט די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, האָט ער קיין גלייכן נישט זייט דעם יינגערן און שוואַכערן גייסטיקן

ברודער זיינעם — מ. ז. פייערבערגן. און דאָס מאַכט ברענערן פּאַר איינעם פון די גרויסע נאַציאָנאַלע שרייבער, וועלכע מיר פאַרמאָגן, ליידער, אין אַזאַ קליינער צאָל. וואָרום ווער דען איז אַ נאַציאָנאַלער שרייבער, אויב נישט דער, וועלכער שפּירט מיט דער לעצטער שאַרפקייט דעם גורל פון פאָלק און לעבט איבער דעם דאָזיקן גורל אינטים־פּערזענלעך פשוטו כמשמעו?

וואָרום ווער דען איז אַ נאַציאָנאַלער שרייבער, אויב נישט דער, וועלכער באַווייזט זיך דעם פאָלק אויף זיינעם אַ טראַגישן פרשת־דרכים און ראַנגלט זיך מיט אים אויף לעבן און טויט פאַרן ריכטיקן אויסוואַל צווישן די פאַרשידענע וועגן, גרייט צו פאַרשפּאַרן דעם פאַלשן וועג מיט זיין אייגענעם גוף?

וואָרום ווער דען איז אַ נאַציאָנאַלער שרייבער, אויב נישט דער, וועלכער פאַרמאָגט אין זיך יענע אכזריותדיקע ליבע — צו זיך און צום פאָלק — וואָס לאָזט נישט דרימלען אויפן ראַנד פון אָפּגרונט, וואָס וועקט און ווייזט די טיף פון אָפּגרונט און טרייבט אָן צום געוואַגטן רעטנדיקן שפּרונג איבערן תהום?

וואָרום ווער דען איז דער נאַציאָנאַלסטער שרייבער און דאָס געוויסן פון אַ דור אויפן פרשת דרכים פון דער יידישער געשיכטע, אויב נישט ברענער מיט זיין עקסטרעמער שעפּערישער פאַרצווייפלונג, וואָס פירט צו גלויבן, מיט זיין עקסטרעמער ערלעכער צעריסנקייט, וואָס פירט צו האַרמאָניע פון געדאַנק און געפיל, פון וואָרט און טאַט?

* * *

ברענערס אַ יינגערער חבר, אַ יונגער העברעאישער דיכטער, צבי שאַץ, וועלכער איז אומגעקומען אין זעלבן טאָג און מיטן זעלבן טויט, וואָס ברענער, האָט איבערגעלאָזן אין זיין קליינער דיכטערישער ירושה צוויי וואונדערבאַרע פערזן:

„ובפרשי זרועי על הזרם
„אל הבא בלי אמר אתרפק".

אויף יידיש, אין אָפּשוואַכנדיקער פּראָזע, וועט עס הייסן:

„און אויסשטרעקנדיק די אָרעמס אויפן שטראָם, וועל איך זיך וואָרטלאָז צוטוליען צו דעם, וואָס וועט קומען".

א גאַנץ לעבן האָט ברענער געלעבט אין קעגנזאַץ צום דאָזיקן פּאַסיוון כּלל, וואָס איז אַזוי פּלאַסטיש אויסגעדריקט אין די דיכטעריש־סוגעסטיווע שורות פון יונגן דיכטער. ער האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעטוליעט פּאַסיוו און וואָרטלאָז צום קומענדיקן, — ער האָט גערופן צו טאָט, צו מעשים, כּדי אַנט־קעגנצוטרעטן דעם קומענדיקן אַקטיוו, באווירקן אים, כדי נישט באווירקט צו ווערן פון אים.

אָבער דאָס אַלץ איז גילטיק געווען לגבי זיין אינטים־נאַציאָנאַלן גורל. ווען עס איז געקומען די שעה פון אַנטשיידונג פאַר זיין פּערזענלעכן גורל, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן דאָס ליכט פון זיין אַלטער טאָלסטאָישער ליבע, פון זיין אַלטן טאָלסטאָישן גלויבן. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט איבערן שטראָם און זיך געלאָזט טראָגן צום קומענדיקן וואָרטלאָז פּאַסיוו.

ער האָט דאָן, וואַרשיינלעך, איבערגעלעבט דעם זעלבן צושטאַנד, וועלכן עס האָט איבערגעלעבט מיין פריינט, ווען ברענערס בוך האָט אים פאַראייניקט אינטים און אויף אייביק מיטן גורל פון יידישן פאָלק, פון זיין פאָלק.

האָט דאָך ברענער תמיד געטראָגן אין זיך די פּייניקנדיקע מגילה פון יידישן לעבן, די מגילה, פון וועלכער ער פלעגט אומאויפהערלעך אָפּשרייבן פאַר אונז איינציקע קאַפּיטלעך — זיינע ווערק.

און ווען מען געפינט זיך אין אַן אינטימען קאָנטאַקט מיט דער דאָזיקער מגילה, איז דער געדאַנק וועגן אַנטלויפן, וועגן רעטונג אַזוי פרעמד, אַזוי ווייט!... ווען עמיצער וואָלט דאַן געזען זיין בליק און אַרויסגעהערט די מוזיק פון זיין געפיל און געדאַנק, וואָלט ער אפשר געווען געזען און געשפּירט דאָס שענסטע און טיפסטע, וואָס קאָן זיך נאָר פאַנאַנדערבליען אין אַ מענטשנס האַרץ און מו־

י. ראַפּאָפּאָרט

דער שטורעם, וואָס האָט זיך גענומען איינשטילן אַביסל אין ברענערס לעצטן בוך „שכול וכשלון", האָט זיך אויך גע־נומען איינשטילן אין ברענערס לעבן. און די זון־שטראַלן, וואָס באַווייזן זיך אויף די וואָלקן־זוימען פון „שכול וכשלון", האָבן זיך אוודאי צעצונדן העל אין לעצטן מאָמענט פון א לעבן, וואָס איז ביז דאַן געווען אַזוי רייך אין צער און טראַגישער שיינ־קייט, נאָר נישט אין פרייד, אין גייסטיקער רו.

און ער האָט אפשר נאָך באַוויזן צו געניסן די פרייד פון דער העכסטער האַרמאָניע, פון דער העכסטער דערפילונג: שפּירן אַזוי בולט־ממשותדיק די אייגענע אומשטערבלעכקייט גראָד אין מאָמענט פון באַשיינפּערלעכער שטערבלעכקייט.

אורי ניסן גנעסין

(1913 — 1882)

אורי ניסן... אורי ניסן גנעסין... אורי ניסן... אורי...

ווען עס שווימען ארויף אין מיין זכרון די דאָזיקע קלאַנגען, הויב איך אָן וויברירן ווי בעתן דורכגענומען ווערן מיט מוזיק. איך ווייס נישט צי זענען אַזוי מוזיקאַל די קלאַנגען פון זיין נאָמען און פאַמיליע אָדער די מוזיקאַלישע כוואַליע פון זיין מוזיקאַלישן, מוזיקאַלישסטן בוך דערציילונגען האָט זיך איבער־געגאָסן איבערן ראַנד און זיך אַריינגעגאָסן אויך אין דאָזיקן נאָמען, וואָס איז מיט זיי פאַרבונדן, — ווי עס זאָל נישט זיין, זיין נאָמען קלינגט פאַר מיר, ווי דער געקלאַנג פון גלאָקן פון ריינסטן אָפּגוס:

אורי ניסן... גנעסין... אורי ניסן... אורי... — ס'אַ מוזיקאַלישער נאָמען! ווי בכיוון צוגעטראַכט, כדי צו פאַר־בייטן אַ מוזיקאַלישע מאָטאָ צו די מוזיקאַלישסטע דערציי־לונגען אין דער נייער העברעאישער פּאָעטישער פּראָזע...

* * *

אין נײַנטן יאָרצייט פון גנעסינס פּריצייטיקן טויט, בין איך אוועק אויפן יידישן בית־עולם אין וואַרשע באַזוכן זיין קבר. איך בין אַריין אין קאַנצעלאַריע פון בית־עולם, דערלאַנגט אַ צעטעלע מיטן נאָמען פון טויטן, מיטן טאָג און יאָר פון זיין טויט. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט אַן אויפגערעגטער ייד אויסגעפונען די רייע און דעם נומער פון קבר, און זיי צוגע־שריבן אין מיין צעטעלע...

— וואָס זענט איר זיינער — אַ קרוב? שוין ניין יאָר ווי קיינער קומט נישט צו אים... אַ מצבה אפילו האָט מען נישט

געשטעלט... נאַט אייך דאָס צעטעלע... אָבער בעסער נעמט עמיצן פון די שמשים, וועט ער אייך אוועקפירן אהין... אליין וועט איר נישט געפינען... אַ פאַרלאָזענער קבר...

איך בין אַרויס פון דער קאַנצעלאַריע. איך האָב גענומען בלאָנדזשען דורך די אַלייען פון רייכן בית־עולם פון גרעסטן ייִדישן צענטר אין איירָאָפּע.

— וועמען זוכט איר? — האָט זיך געווענדעט צו מיר איינער פון יענע ייִדן, וועלכע אַרבעטן אויס זייער מאָגערע חיונה אויפן ייִדישן בית־עולם.

איך האָב אים דערלאַנגט דאָס צעטעלע און ער האָט מיך גענומען פירן דורכן לאַבירינט פון דער מתים־שטאָט.

— אַט־אָ־דאָ! לויטן דאָזיקן בוימעלע קאָן מען דערקאָנען. עס האָט אָנגעהויבן צו שפּראָצן אויפן פרישן קבר. עס איז שוין אַלט ניין יאָר, ווי דער קבר.

— מאַכן אַן „אל מלא רחמים”? — האָט ער ראַפּטום פאַר־קירעוועט דעם שמועס. און נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו ענטפערן „יאָ” אָדער „ניין”, האָט שוין דער ייִד געטון זיין געוואוינטע אַרבעט, שנעל־שנעל, ווי אַן אָנגעדרייטער מעכאַ־ניזם...

איך האָב שנעל אַרויסגענומען עטלעכע מטבעות און אומגעדולדיק זיי אַריינגערוקט אין דעם ייִדנס האַנט. ער האָט פּרובירט נאָך עפּעס זאָגן און פאַרלייגן, אָבער זעענדיק, אַז ער פאַרלירט צייט אומזיסט, האָט ער מיך געלאָזן אַליין.

דער קבר האָט זיך שוין פון לאַנג אויסגעגליכן מיט דער ערד. קיין שום סימן. בלויז אַ דאַנק די שכנים קאָן מען פעסט־שטעלן, אַז דאָ רוען די שטערבלעכע רעשטלעך פון אַ גרויסן ייִדישן דיכטער.

איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אין דער יונגער בעריאָזקעלע און זיך פאַרטראַכט אין טיפן טרויער. איך האָב זיך דערמאָנט די פאַרכישופנדיקע ווירקונג פון גנעסינס מוזיקאַלישע דערציי־לונגען; איך האָב זיך דערמאָנט די אָוונטן, פאַרבראַכטע אין

באגייסטערטע שמועסן מיט פריינט וועגן די דאָזיקע דערציי־לונגען, דורכגעזאַפּטע מיט אַזאַ נשמהדיקער שפּירבאַרקייט און שיינקייט. און אָט שטיי איך אויפן קבר פון דאָזיקן איינזאַמען, צאַרטן דיכטער, וואָס האָט זיך געפילט ווי פאַרלוירן אויפן יאַריד פון דער וועלט, און זיין קבר איז פאַרלאָזן פּונקט אַזוי, ווי דער דיכטער איז געווען ביים לעבן, און קיינער האָט זיך נישט מטריח געווען צו שטעלן אַ מצבה אויפן דאָזיקן קבר, — נישט די שרייבער־פאַרבאַנדן, נישט די אַרויסגעבער פון גנע־סינס דערציילונגען, וועלכע האָבן גוט פאַרדינט אויף די פּיראַ־טישע אויסגאַבעס פון זיינע דערציילונגען, ווי ס'האָט מיר דער־ציילט דער ברודער פון פאַרשטאָרבענעם דיכטער, דער רעזשי־סער און אַרטיסט פון „הבימה", מנחם גנעסין.

עס איז קלאָר געוואָרן ביז אומדערטרעגלעכן ווייטיק, אַז דער אייביקער גורל פונם שענסטן אין לעבן איז איינזאַמקייט, פאַרלוירנקייט, פּריצייטיקער אומקום נאָך אַ קורצער, פרייד־לאָזער עקזיסטענץ...

...איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אינם דינעם בוימעלע, אין דער ליכטיקער, אַזשורנער בעריאָזקעלע און זיך געשאָקלט צו־זאַמען מיט איר אין טאַטאַלן שלוכצן: עס האָבן געשלוכצט די אויגן, דאָס האַרץ, די נשמה און דער גאַנצער קערפּער.

און איך האָב זיך דערמאָנט די תּלמודישע אגדה:

„רבי אליעזר איז געווען קראַנק. איז געקומען צו אים רבי יוחנן און דערזען, אַז דער קראַנקער ליגט אין אַ טונקעלן צימער. האָט יוחנן אָפּגעדעקט זיין האַנט און אַ שטראַל ליכט האָט באַלויכטן דאָס צימער. האָט ער באַמערקט, אַז אליעזר האָט גענומען וויינען".

האָט אים יוחנן געשטעלט איינע נאָך דער צווייטער דריי פראַגן: צי וויינט ער דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ווייניק פאַר־נומען מיט לערנען תּורה? אָדער דערפאַר, וואָס ער איז אָרעם? אָדער דערפאַר, וואָס ער האָט קיין קינדער נישט? און יוחנן

דערוווייזט אים, נאָך יעדער פראַגע, אַז קיין איינע פון די דאָזיקע סיבות פאַרדינט נישט קיין טרערן.

האָט אים אליעזר געענטפערט: „איך וויין אויף דער דאָזיקער שיינקייט (פון רבי יוחנן — י. ר.), וואָס וועט מיט דער צייט פאַרפוילט ווערן אין דער ערד".

האָט יוחנן געזאָגט: „טוסט גוט, וואָס דו וויינסט אויף דעם".

„און זיי האָבן ביידע געוויינט".

אַ קראַנקער וויינט אויף דער שיינקייט פון אַ צווייטן, וואָס וועט אמאָל פאַרפוילט ווערן אין דער ערד!

די דאָזיקע אגדה האָט מיך נאָך באַצויבערט אין דער קינדהייט, אָבער קיינמאָל האָב איך אַזוי גוט נישט געשפּירט דעם קראַנקן רבי אליעזרס געמיט־צושטאַנד, ווי דאַן, ווען איך בין געשטאַנען אויפן קבר פון אורי ניסן גנעסין און איבער־געלעבט מיט דער גאַנצער נשמה און מיטן גאַנצן גוף די טראַ־געדיע פון דער פאַראיבערגייענדיקער שיינקייט, וואָס איז פאַר־קערפּערט צי אין אַן אומפאַרגלייכלעך שיינעם גוף, צי אין אַן אומפאַרגלייכלעך שפּירבאַרער נשמה.

אויב אַ שטורעם האָט נישט צעבראָכן יענץ בוימעלע אויף גנעסינס קבר, אויב עס האָט אים נישט צעשמעטערט אַ באָמבע אין יאָר 1939, האָט עס זיך איצט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן דרייסיק־יאָריקן בוים, וואָס באַדעקט דעם גאַנצן קבר, וואָס האָט נאָך ביז אויפן היינטיקן טאָג קיין מצבה נישט.

ס'איז אַ חרפּה און ס'איז מאָדנע, דאָס איז אָבער אַ פאַקט.

ס'איז אַ חרפּה פאַר אונזער ליטעראַטור, און ס'איז מאָדנע ווי האַרמאָניש עס ווערט פאַררונדיקט דער גורל פון גרויסע מענטשן אפילו אין קלייניקייטן.

גנעסין, איינער פון די מוזיקאַלישסטע שרייבער נישט נאָר לויט דער מוזיק פון זיין סטיל, נאָר אויך לויט דער מוזי־קאַלישער קאָנסטרוקציע פון זיין דערציילונגס־טעכניק, האָט אַן אויסטערליש־מוזיקאַלישן נאָמען: אורי ניסן גנעסין...

גנעסין, דער איינזאַמער מעטעאָר אין אונזער ליטעראַטור, איז געבליבן איינזאַם און פאַרגעסן אויך נאָך זיין טויט; ער איז נישט באַערט געוואָרן אפילו מיט אַ פּשוטער מצבה, וואָס באַצירט די קברים אפילו פון די אָרעמסטע...

* * *

אַ זון פונם פאָטשעפּער ראש־ישיבה, האָט אורי ניסן אַריינגעזאַפּט אין זיך די אַלטע יידישע קולטור און די אַטמאָספער פון זיין פאָלקס העראָאישן גייסטיקן אויסדויער. ער האָט געהאַט גרויס יראת־הכבוד פאַר זיינע פרומע עלטערן, פאַר זייער שטוב, — דאָס וויגל פון זיין קינדהייט און יוגנט, דער פעסטונג פון פאָלקס ווידערשטאַנד קעגן אַלע פיינטלעכע כוחות פון דער אויסערלעכער וועלט. אין איינער פון זיינע דערציילונגען באַשרייבט ער, ווי זיין העלד (און דער העלד פון זיינע אַלע דערציילונגען איז גנעסין גופא) קומט צו פאָרן אַהיים, ביינאַכט. דאָס געפיל פון דאָזיקן פאַרבלאָנדזשעטן זון, ווען ער שטייט פאַר זיין היים, — וואָס איז אים געוואָרן אַזוי פרעמד, און ער קאָן זיך נישט אַנטשליסן אַריינצוגיין אין איר, איז וואונדערבאַר לויט דער שילדערונגס־קראַפט און עס כאַראַקטעריזירט טיף די טראַגעדיע פונם ריס צווישן די דורות. ווי תמיד, איז גנעסין אויך דאָ נישט שרייאיק, און ער גיט נישט דעם דאָזיקן שטילן ווייטיק אַ דירעקטן נאַציאָנאַלן אויסדרוק: ביים דאָזיקן אינדיווידואַליסט נעמט אַלץ אָן אַ פּערזענלעכע מוזיקאַליש־פּסיכאָלאָגישע פאָרם. דער צוריקגעקערטער זון שטייט פאַר דער פאַרמאַכטער, שלאָפנדיקער היים, וואָס איז אים אי אומענדלעך ליב, אי אומענדלעך פרעמד. ער האָט קיין געדאַנקען נישט, ער איז אָבער פול מיט געפילן און איבערלעבונגען. ווען ער גייט ענדלעך אַריין אין שטוב, וועקט זיך איבער די אַלטיטשקע מוטער, און אין די געדעמפטע האַלב־טענער פונם שמועס צווישן מיט דער אַלטיטשקער מאַמע און דערנאָך מיטן אַלטיטשקן טאַטע, ווי אויך אין דער ביז פיזישן ווייטיק אימהדיקער אַטמאָספער פון פאַרפרעמדטער ליבע ליגט די טראַגעדיע

פון צוויי דורות, — די טראַגעדיע פון פאָלק באַקומט אַ קאָנ־דענסירטן אויסדרוק אינם לירישן געפיל פון אַ פיין־נערוויקן יחיד, וועמעס אינסטרומענט ס׳איז די מוזיק פון וואָרט, די מוזיק פון געפיל.

גנעסין איז אַן עקסטרעמער אינדיווידואַליסט, — די איינ־דרוקן פון דער אַרומיקער וועלט ברעכן זיך אייגנאַרטיק איבער אין זיין אָריגינעלער, מוזיקאַליש־לירישער פּסיכיק.

הלל צייטלין, דער באַקאַנטער יידישער פּובליציסט און דענקער, וועלכער איז אין דער יוגנט געווען נאָענט באַפריינדעט מיט גנעסינען, כאַראַקטעריזירט אַזוי גנעסינען אין זיין אַרבעט „יוסף חיים ברענער און זיינע נאָענטע״.

„גנעסין — ברענערס און אויך מיין אינטימסטער פריינט, — איז געווען אַ פרעמדער... עס האָבן אים אַלע געקאַנט, גע־שעצט, געליבט, נישט צו אונזער וועלט האָט ער אָבער גע־הערט... פון אַ וויי טער, וויי טער וועלט איז ער געקומען צו אונז. זיין אויסזען, זיין גיין, זיין שטיין, זיין שווייגן, זיין זעלטענער שמייכל — אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז אַן אורח איז ער אויף דער ערד.

„ער איז כל ימיו געגאַנגען ביי דער זייט פון לעבן. ער איז געווען דער זעער, דער באַאָבאַכטער, דער טרוימער, אָבער נישט דער אָנטיילנעמער, נישט דער שותף, נישט דער מיט־קעמפער״.

נאָר דער, ווער ס׳האָט געלייענט גנעסינס פיר דערציי־לונגען „הצדה״ („אין אַ זייט״), „בטרם״ („איידער״), „בינתים״ („אינצווישן״) און „אצל״ („דערלעבן״) — וואָס פאַר אַ נע־מען! ווי נאָענט־צייכנס — און זיינע עטלעכע לידער, וועט ווי געהעריק באַגרייפן, ווי גוט צייטלין האָט כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיקן אויסטערלישן גאַסט אויף אונזער ערד. ער האָט ווי פאַרמאָגט אַ זעקסטן חוש, עס איז פאַר אים ווי צוגענגלעך געווען די פערטע אויסמעסטונג.

נישטאָ, דאַכט זיך, קיין מער בולטער קעגנזאַץ צווישן צוויי

שרייבער, ווי צווישן ברענערן און גנעסינען, די דאָזיקע צוויי יונגט־פריינט, פון דער ישיבה־באַנק אין פּאָטשעפּ, וואו גנע־סינס פאָטער, ר׳ העשל נטע, איז געווען ראש־ישיבה. ברענער איז אַן אומאויפהערלעך געשריי, אַ געשריי פון ווייטיק און אומרו פון אַ קאָלעקטיווער טריבונע; גנעסין איז אַ נישט־איבער־געריסענער מוזיקאַלישער זיפץ אין דער פאַרבאָרגעניש פון הארצן. און דאָך לײַדן זיי ביידע פון איין קראַנקהייט — זיי בויגן זיך אין דרייען אונטער דער לאַסט פון אַ יידישן אינטעל־ליגענט, וועלכער פאַרמאָגט נישט קיין היימלאַנד, וועלכער פאַר־מאָגט נישט קיין פאָלקס־באָדן פאַר זיינע וואָרצלען, וועלכער איז פרעמד זיין סביבה און זיך גופא. אָבער די זעלבע לאַסט טראָגן זיי אויף אַ לחלוטין פאַרשידענעם אופן: ברענער, ווי איך האָב אויבן געזאָגט, שרייט פון ווייטיק, בונטעוועט זיך פון יעדער טריבונע; גנעסין פאַרוואַנדלט די דאָזיקע לאַסט אין אינטימער מוזיק, אין אַ וואונדערלעכן לוויה־מאַרש.

בלויז אמאָל־אמאָל באַקומט די דאָזיקע יידישע לאַסט אַ האַלב־אָפענעם אויסדרוק אין לאָגישע ווערטער און געדאַנקען. איינער פון גנעסינס העלדן טרוימט אמאָל אויף דער וואָר, ווי גוט עס וואָלט געווען זיין חתונה צו האָבן מיט אַ גויע, לעבן מיט איר אין איינזאַמקייט און באַפרייען זיך פון דעם ספּעצי־פיש־יידישן אַטמאָספערישן דרוק. עס ווילט זיך אים צוטוליען צו עפּעס פיזיש און פסיכיש געזונטעס, נאַטירלעכס, — ער וויל, ווי אַ פּאַראַזיט, אָפּפרישן זיך דורך פרעמדער קראַפט. חתונה האָבן מיט אַ גויע, לעבן מיט איר ווייט פון זיין איינענער אַטמאָספער, אַרויסגנבענען זיך פון אונטער דעם אייביקן דרוק. (אינטערעסאַנט, אַז אויך איינער פון דוד בערגעלסאָנס העלדן טרוימט וועגן דעם זעלבן. און ווען איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט בערגעלסאָנען אויפן דאָזיקן טראַף, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ער קאָן נישט גנעסינען.) און מיט דעם קאָן מען אפשר דערקלערן אויך דאָס, וואָס יידישע מיידלעך, אויף וועלכע עס דריקט נישט אַזוי שטאַרק, ווי אויף די מענלעכע קינדער

פון פאָלק ישראל, די יידישע משא, רייסן זיך צו פרעמד־שטאַ־מיקע יונגען.

דער דאָזיקער קינדישער טרוים אונטערשטרייכט פאַר אונז אַזוי באַרעדעוודיק דעם קוואַל פונם מוזיקאַלישן זיפץ אין גנעסינס שאַפן. גנעסין האָט סובלימירט, אינדיווידואַליזירט זיין ליידן פון אַ יידישן אינטעליגענט, אָבער דאָס דאָזיקע ספּעציפישע ליידן, וואָס שטאַמט פון דער יידישער פּיזישער און גייסטיקער באָדנלאָזיקייט, איז ד ע ר פערמענט, אָדער ריכטיקער: יענער שרעקלעכער אַטמאָספערישער דרוק, וועלכער פאַרוואַנדלט דאָס דאָזיקע ליידן אין גנעסים אייגנאַרטיקער נשמה אין ריינסטע מוזיק, אין אַן אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגישער שפּיל. ער איז נישט נאָר אין לעבן געווען אַ שווייגער, — אויך אין דער ליטעראַטור איז ער קנאַפּ־וואָרטיק, כמעט ווי שטום, — ער זינגט אָדער ריכטיקער: ער זיפצט מוזיקאַליש. און בלויז פאַר מוזיקאַלע אויערן אַנטפּלעקט זיך די אמתע סיבה, דער אמתער זין פון דער דאָזיקער מוזיק.

ווען גנעסין איז געווען אין ארץ־ישראל, האָט ער פון דאָרטן געשריבן אַ קאַרטל צו זיין פאָטער:

„די לעצטע ברעקלעך פון דער פאָלקס־נשמה געפינען זיך ביי אייך; דאָ איז נישטאָ אפילו דער אַש פון דער דאָזיקער נשמה".

דאָס הייסט, אַז דער דאָזיקער אומרואיקער, הגם שווייגעוודיקער, גייסט, דער דאָזיקער באַזינגער פון דער נאַטור און פון ליבע־ליידן, האָט געזוכט אין זיינע וואָגלענישן דאָס זעלבע, וואָס ברענער: די פאָלקס־נשמה אָדער יענעם אַש פון דער פאָלקס־נשמה, פון וועלכן זי דאַרף אויפשטיין תחית המתים, ווי דער לעגענדאַרער פעניקס.

אָבער קיינער האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען. און אפילו ברענער האָט אים פאַרלאָזט, און זייערע וועגן זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. ווי שטאַרק ער האָט שפּעטער, נאָך גנעסינס טויט, באַדויערט, וואָס ער האָט פאַרלאָזן די דאָזיקע שטומע,

ריינע, טיפע נשמה, איז צו זען פון ברענערס האַרץ־ברעכנדיקן ווײ־געשריי אויף גנעסינס טויט. ער פילט אַ וואַנזיניקן ווייטיק נישט אַזוי פון גנעסינס טויט, ווי פון דעם, וואָס ער וועט שוין קיינמאָל נישט קאָנען באַזייטיקן די אָפּגעפרעמדקייט צווישן אים און גנעסינען.

טאָלסטאָי האָט אַמאָל געשריבן אין זיין טאָג־בוך, אַז מען דאַרף זיין אויסערגעוויינלעך פיינפיליק, כדי צו קאָנען מיטפילן אַ פיש, וועלכן מען שניידט לעבעדיקערהייט: דער פיש איז דאָך שטום, ער ווירקט נישט מיט זיין געשריי אויף אונזער קערפּער־לעבן געהער.

דאָס זעלבע לאָזט זיך אָנווענדן אויך אויף די מוזיקאַלישע זיפצן פון דער מענטשלעכער נשמה: מען דאַרף שוין זיין אויסערגעוויינלעך פיינפיליק, כדי זיי צו דערהערן און אויפצונעמען. מערסטנטייל דערגייען צו אונז נאָר הויכע געשרייען.

אזא איז שוין אונזער טבע...

* * *

און גנעסין איז טאַקע פאַרבליבן אַ פרעמדער נישט נאָר אויף אונזער ערד, נאָר אויך אין אונזער ליטעראַטור.

ער האָט אָנגעהויבן מיט קליינע דערציילונגען אין אַ רעאַ־ליסטיש־פּלאַכן סטיל. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ זאַמלונג פון די דאָזיקע דערציילונגען, וועלכע האָבן כמעט גאָרנישט געגעבן נישט אונזער ליטעראַטור, נישט דעם מחבר (הגם די שפּראַכלעך פון צוקונפטיקן גנעסין קאָן מען איצט געפינען אין זיי. באַזונ־דערס כאַראַקטעריסטיש איז דער נאָמען פונם ביכל — אַ טיפּיש גנעסינשער: „שאָטנס פון לעבן”). אָבער ווען זיין אָריגינעלער טאַלאַנט האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך די בערגלעך אָנגעטראָ־גענעם ליטעראַרישן זאַמד, און ער האָט גענומען דרוקן זיינע אומגעוויינלעכע דערציילונגען, אָן אַ טראַפּאַרעטן אינהאַלט, ענ־לעכע אויף מוזיקאַלישע וואַריאַציעס, האָבן זייער ווייניקע אָפּגעשאַצט ווי געהעריק די דאָזיקע נייע דערשיינונג אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

דוד פרישמאַן, וועלכער פלעגט געוויינלעך נעגירן, איז געווען אַנטציקט, אָבער וויפיל פרישמאַנס האָבן מיר דען פאַרמאָגט? אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז נישט לייכט געווען פאַר זיינע דערציילונגען (וואָס זענען דאָס פאַר אַ דערציילונגען, אין וועלכע עס ווערט גאָרנישט דערציילט?) אַריינצובאַקומען זיך אין דרוק, און ווען זיי זענען שוין געדרוקט געווען, האָבן זיך געפונען ליטעראַרישע עקספּערטן, וועלכע האָבן איינגעפונען, אַז אַפילו גנעסינס שפּראַך איז ביז גאָר שלעכט. איינער פון די צוויבערער פון דער העברעאישער שפּראַך, וועלכער האָט געשאַפן פאַר זיין אייגנאַרטיקן שאַפן אַן אייגנאַרטיקן שפּראַך־אינסטרומענט, פול נשמהדיקייט, פעאיק צו געבן אַן אויסדרוק די האַלב־טענער פון געדאַנק און געפיל, — איז גנעסין נישט געפעלן געוואָרן די פאַרשידענע אומשעפערישע פּעדאַנטן; ער איז געווען צו גרויס פאַר זייער קליינינקער מאָס.

און דאָס האָט זיך נישט געענדערט ביז אויפן היינטיקן טאָג. גנעסין האָט בלויז אַ הייפעלע אמתע פאַרערער; אָבער דער רוב לייענער און ליטעראַטור־מבינים קאָן זיך נישט צוגעוואוינען צום דאָזיקן דיכטער פון האַלב־שאָטנדיקייט, צום דאָזיקן ווירטואָז פון דער פּסיכאָלאָגיזירנדיקער ליריק.

און עס איז דאָ עפּעס טיף־סימבאָלישעס אין דעם, וואָס נישט געקוקט אויף פאַרשידענע קאָמיטעטן, אויפרופן און עפנטלעכע דערמאָנונגען, איז גנעסינס קבר דאָך געבליבן נאַקעט, באַצירט בלויז דורך דער נאַטור, וועלכע ער האָט ליב געהאַט מיט אַזאַ טיפער ליבע, וועלכע ער האָט באַזונגען אַזוי נישט באַנאַל.

* * *

מיינע אַ באַקאַנטע, אַ לעבעדיקער עדות, האָט מיר דערציילט:

„גנעסינס לוויה איז פאָרגעקומען פּריוואַטיק. ווען מען איז צוריקגעקומען פון בית־עולם, — צוזאַמען מיט זיין גרייז־גרויער מוטער, דער פּאָטשעפּישער רביצין, וועלכע איז געקומען באַ־

גראָבן דעם געליבטן זון, — איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, און מען האָט שוין באַדאַרפט בענטשן ליכט. און ווען די קרובים און די באַקאַנטע האָבן אָנגעהויבן יאָמערן אינם פאַריתומטן הויז, האָט די אַלטיטשקע מאַמע, — איינע פון די מאָהיקאַנשעס פון יענעם יידנטום, ביי וועלכע, לויט גנעסינס ווערטער, עס האָבן זיך נאָך אויפגעהיט די רעשטלעך פון דער פאָלקס־נשמה, — נישט דערלויבט צו וויינען:

„מען טאָר נישט וויינען, מען דאַרף מקבל זיין דעם הייליקן שבת".

די דאָזיקע אַלטע פאַריתומטע מאַמע איז געווען שטאַרקער פאַר די יונגע: זי האָט זיי געטרייסט.

גנעסין איז געווען דער באַזינגער פון דער דאָזיקער שוואַכקייט, דער זינגער פון דאָזיקן שוואַכן דור.

און ווען דער צוקונפטיקער היסטאָריקער פון דער יידישער ליטעראַטור וועט — פון אַ געהעריקער צייט־פּערספּעקטיוו — דעשיפרירן די גייסטיקע קאַמפּן פון אונזערע איבערגאַנגס־דורות, וועט ער דעם נשמה־צושטאַנד פון די קעמפער געפינען נישט נאָר ביי אַזאַ פאַרהאַרטעוועטן קעמפער, ווי ברענער, נאָר אויך ביי אַזאַ זינגער, ווי גנעסין, וועלכער איז כלומרשט אַזוי ווייט פונם שלאַכט־פעלד. זיינע העלדן פייניקן זיך נישט אָפן מיט דער יידישער פראַגע, — זיי האָבן ליב און ווערן געפּייניקט דורך ליבע; זיי פאַרשכורן זיך מיט נאַכט־אויספלוגן אין די בערג, איבער טייכן ביים כאַפּן פיש, — אָבער זייער אָפּגעריסנקייט פון לעבן, זייער שטיין „אין אַ זייט" און „דערלעבן" פון לעבן; זייער לעבן „אינצווישן" און זייער שטענדיקער פאַרווילן אין צושטאַנד פון „איידער" אָנהויבן לעבן נעמט זיך פון דעם זעלבן קוואַל פון באַדנלאָזיקייט און גייסטיקער פאַרלוירנקייט, פון וועלכן עס קומט אַרויס ברענערס טראַגישע טיפּן־גאַלעריע.

דער קוואַל, פון וועלכן עס נעמט זיך די טראַגעדיע פון ברענערס העלדן, זעען מיר בולטער, ווי ביי גנעסינס העלדן; ביי ברענערס העלדן שפּילט זיך אָפּ די דאָזיקע טראַגעדיע אינם באַ־

וואוסטזיין, ביי גנעסינס העלדן — אינם אונטערבאַוואוסטזיין. ביי ברענערס העלדן נעמט דעריבער די דאָזיקע טראַגעדיע אָן א לאָגישן לבוש (אפילו אין זיינע סימבאָלישע סצענעס), און ביי גנעסינס העלדן — אַ סימבאָלישן (אפילו אין די לאָגישע מאָמענטן).

ווען גנעסינס אַ העלד נעבטיקט אינם צימער פון אַ יונג-מיידל און ער פילט, אַז נישט געקוקט אויף קיין שום נסיונות, וועט ער בלייבן נעבטיקן אין זיין ווינקל, אויף דער קושעטקע, נישט קיין אויסגעטועגער, — לויפט דורך אין זיין מוח אַ קורצע, אָבער אַ פּראָוואָקאַטיווע (אַ הינטער-ליסטיקע) פראַגע:

— וואָס וואָלט אויף זיין אָרט געוועז געטון טאָלסטאָי?

דאָס איז אַ קלאָרער געדאַנק, אָבער ער איז אינגאַנצן — ריינסטער סימבאָל: מיר פילן, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דעם, וואָס דער דאָזיקער יידישער יונגערמאַן ספקט אין דער צניעות אפילו פון טאָלסטאָי, דעם מחבר פון דער „קרייצער-סאָנאַטע" און פון „תחית המתים"; דאָ גייט וועגן דעם, וואָס דער דאָזיקער יונגער יידישער אינטעליגענט טראָגט אין זיך אַ דיסטילירטע צניעות פון אומצאָליקע דורות, — אַ צניעות, וואָס איז שטאַרקער, לויטן געפיל און לויט דער דערפאַרונג פון דאָזיקן יורש, פאַרן געניאַלן אינדיווידועלן געדאַנק און אינדי-ווידועלן געפיל פון אַ טאָלסטאָי.

אַנדערש איז ביי ברענערן.

דער פיזיש- און גייסטיק-געבראָכענער העלד פון ברענערס לעצטן ראָמאַן „שכול וכשלון", יחזקאל חפץ, ליגט ביים ברעג-ים און זעט, ווי בעדואינער וואַרפן זיך אין ים אריין.

ער, דער דאָזיקער צעפייניקטער מענטש, רעאַגירט תיכף מיט זיין יידישן קאָמפּלעקס:

„זיי איז גאָרנישט קאַלט... זייער בלוט איז אינגאַנצן אַן אַנדערס..."

און ווען ער זעט, ווי אַזוי די „בעדואינער האָבן פּאַנאַנ-

דערגעוואָרפן די הענט און זיך דערווייטערט, דערווייטערט", ווערט ער פול מיט קנאה און מיטן געפיל פון אייגענער מינדער־ווערטיקייט:

„אַט די דאָזיקע קאָנען שווימען!"

אָבער פּלוצים צינדט זיך אָן אין אים אַ שפּאָט־געדאַנק:

„אין מקווה, כע־כע, וואָלטן די דאָזיקע נישט געקאָנט שווימען אפילו אין זומער".

און ברענער גיט צו, אַז ביי יחזקאל חפצן האָט זיך אָנגע־צונדן אַ געפיל פון באַפרידיקטער נקמה:

„עס זענען דאָ אויף דער וועלט פלאַכע וואַסערן, די וואַ־סערן פון מקווה, וואו די כוחות פון די בעדואינער שטייגן נישט אריבער זיינע כוחות און די כוחות פון זיין ברודער".

„און ער האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן פון דער וויטנס אויף די פּאַרברוינטע, מעכטיקע, ווי אויסגעגאָסענע קערפּערס פון די זיך־באָדנדיקע — און מאָדנע טרייסטנדיקע געדאַנקען האָבן זיך דורכגעטראָגן אין אים: גראָד פון די דאָזיקע ווערן אַ סך דערטרונקען, כע־כע... דער, וואָס האָט מורא פאַר וואַסער, וועט נישט דערטרונקען ווערן, כע... אָט ער, למשל, וועלכער באָדט זיך בלויז זומער און נאָענט פון ברעג... אַזעלכע ווערן נישט דערטרונקען... אַזעלכע לעבן.

„און די הנאה פון לעבן איז געפלאָסן, געפלאָסן אינם זיצנ־דיקן... מיט הנאה האָט ער גענומען איינעם פון די אָפּגעשליפענע שטיינדלעך, האָט אים איבער דער פּלייצע אריינגערוקט אונטער דעם העמד און זיך גענומען קראַצן, קראַצן".

דאָס איז אַ גראַנדיעזער סימבאָל, וואָס אַנטהאַלט אין זיך די קווינט־עסענץ פון ברענערס גאַנצן שאַפן, און דאָך איז דער דאָזיקער סימבאָל אַזוי נאַקעט, אַזוי לאָגיש. אַלץ זעט מען דאָ, ווי אויף דער האַנט: פון דעם נקמה־געדאַנק, אַז אָט איז דאָ אַזאַ וואַסער, ווי דאָס מקווה־וואַסער פון אונזער לעבן, אין וועלכן אויך דער שטאַרקסטער וועט נישט ווייט פאַרשווימען,

ביז דער שרעקלעכער הנאה פֿונם ייִדישן לעבן פֿון דעם, וואָס אַזעלכע ווערן נישט דערטרונקען און קאָנען מיט פֿאַרגעניגן קראַצן זייער קרעץ...

* * *

ברענער איז אינגאַנצן — באַוואוסטזיין; גנעסין — אינגאַנצן אונטערבאַוואוסטזיין... ביי ברענערן זאָגן אפילו סימבאָלן אַליץ, ביזן לעצטן וואָרט; ביי גנעסינען רעדן אפילו געדאַנקען בלויז אויפֿן וואונק, ווי סימבאָלישע פֿונקען...

ביידע זענען זיי קינדער און זינגער פֿון אונזער נאַציאָנאַלן אומגליק. אָבער איינער זעט אים פֿון דער קאָלעקטיווער זייט, און דער צווייטער — פֿון דער אינטים־אינדיווידועלער; איינער שרייט אויס דעם אומגליק און דעקט אָפּ זיינע וואונדן, און דער צווייטער פֿאַרוואַנדלט אים אין אַן אינטים שוואַנען־ליד.

II

היימישע שאָטנס

א ר י י נ פ י ר

די געשיכטע פון די „היימישע שאָטנס" אין מיניאַטור

אויבנאויף דאכט זיך אונז פון תמיד אָן, אַז די דייטשע יידן זענען האָפנונגסלאָז אַסימילירט, אַז זיי פילן שוין נישט זייער אָפּגעריסנקייט פון יידנטום. אָבער ווען מיר באַקענען זיך נענטער מיט דער דייטש־יידישער אינטעלעקטועלער עליטע, וואָס רעפּרעזענטירט ביי יעדן פאָלק דעם באַוואוסטזיין און דאָס געוויסן פון פאָלק, ווערן מיר איבערראַשט: עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אונטערן אַש פון דער אַסימילאַציע האָבן תמיד געטליעט לעבעדיקע קוילן, גרייט פאַנאַנדערצוברענען זיך ביי יעדן שטאַרקן בלאָז פון דער געשיכטע.

די ליטעראַטור דעקט אָפּ דאָס צוגעדעקטע. כמעט אַלע דייטש־יידישע שרייבער זענען פול מיט יידישע קאָמפּלעקסן: אָדער זיי האָבן פיינט יידן, וואָס דער בעסטער באַווייז דערויף (דער בעסטער, אָבער נישט דער איינציקער) איז אָטאָ וויינינגער; אָדער זיי קאָנען זיך בשום אופן קיין עצה נישט געבן מיט דעם יידישן פּראָבלעם און ווערן דאָן־קישאָטן פון אַסימילאַציע, — ווי יאַקאָב וואַסערמאַן, — וועלכע קעמפן מיטן אייגענעם שאָטן, וואָס איז, לויט זייער מיינונג, אומנאָרמאַל: הגם זיי גופא זענען עכטע דייטשן, איז זייער שאָטן ענלעך אויף אַ — יידישן; אָדער זיי פילן, האַלטן און פּראָקלאַמירן זיך אַלס יידן, ווי ריכאַרד בער האָפמאַן.

עס וואָלט געווען אויסערסט אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגן — אין דייטשן יידנטום — דעם קאַמף צווישן זיינע צענטער־אַנטלויפנדיקע טענדענצן — פ ו ן י י ד נ ט ו ם — און זיינע צענטער־שטרעבנדיקע טענדענצן — צ ו ם י י ד נ ט ו ם. וואָס

פאַר אַ אינטערעסאַנטער, פּסיכאָלאָגיש־פּאַרכאַפּנדיקער און נאַ־ציאָנאַל־באַלערנדיקער מאַטעריאַל: פונם מינעזינגער זיסקינד פון טרימבערג (דעם ערשטן דייטש־יידישן דיכטער פון דרייצנטן יאָרהונדערט) ביז היינריך היינע (דעם ערשטן ליטעראַרישן גאון, וואָס דאָס דייטשע יידנטום האָט אוועקגע־שאָנקען דייטשלאַנד און דער וועלט); פון בערנען ביז משה העסן; פון וואַסערמאַנען ביז בובערן; פון ראַבעל לעווין ביז עלזע לאַסקער־שילער; פון בערטאָלד אויערבאַכן און וויינינגערן ביז ריכאַרד בער האָפמאַנען און טאָלערן!

פאַרן גראַנדיעזן פּראָצעס צווישן די אַסימילאַטאָרישע און די נאַציאָנאַלע טענדענצן אינם מאָדערנסטן קאַפּיטל פון אונזער געשיכטע, וואָלט דער דאָזיקער מאַטעריאַל געווען געקאָנט דינען אַלס אומאָפּפרעגבאַרער זאַכלעכער באַווייז.

אָבער אַפילו אָן אַ גענויער אויספאָרשונג קאָן מען געבן אַ גאַנץ פולן באַגריף וועגן דאָזיקן נישט־אויסצואוואָרצלענדיקן אינערלעכן קאַמף אין דייטשן יידנטום מיט דער הילף פון צוויי ביישפּילן: מיטן ביישפּיל פון איינעם פון די ערשטע רינגען פון דער דאָזיקער קייט און מיטן ביישפּיל פון איינעם פון די לעצטע רינגען פון דער דאָזיקער קייט — מיט די ביישפּילן פון בערטאָלד אויערבאַך און פון ערנסט טאָלער.

בערטאָלד אויערבאַך איז געווען איינער פון די ערשטע באַ־רימטע יידן, וואָס זענען אַרויס פון געטאָ אין דייטשלאַנד און געוואָרן נישט נאָר בירגער פון דער דייטשער מלוכה, נאָר אויך ערן־בירגער פון דייטשן פאָלק. ער האָט נאָך באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג און בילדונג. אָבער דאָס ליכט פון ליבעראַליזם און השכלה, מיט זייער נישט־לעבנספּעאיקער פּרוכט — דער עמאַנסיפּאַציע, — האָט אים אויך אַזוי ווייט פאַר־בלענדט, אַז זיין העכסטער אידעאַל איז געווען — צוזאַמענ־גיסן זיך מיטן דייטשן פאָלק. בערטאָלד אויערבאַך, דער דיכטער פון „שפּינאָזאַ", דער דיכטער פון יידישן ראָמאַן „דער דיכטער און דער סוחר" איז נישט נאָר געוואָרן דער מחבר פון די־

„שוואַרצוואַלדער דערציילונגען", דער שילדערער פון די דייטשע פּויערים פון שוואַרצוואַלד (און דאָס איז געווען זיין שטאָלץ!), נאָר ער איז אויך שיעור נישט משוגע געוואָרן פאַר שמחה, ווען ער האָט אין ערגעץ אַ פאַרוואָרפענעם עק פון שוואַרצוואַלד געפונען עטלעכע יידישע פּרייוויליקע פייערלעשער. ממש משיחס צייטן! און דער באַרימטער שרייבער פאַרציכנט דאָס דאָזיקע פריידיקע געפינס אין זיין טאָג־בוך. יידן האָבן שוין דערלעבט די זכיה צוגעלאָזן צו ווערן אין אַ קאָמאַנדע פון דייטשע פרייוויליקע פייערלעשער!

אויערבאַכס ערנסטער ענטוזיאַזם ווירקט היינט ווי אַן עכט־יידישער וויץ, וואָס וויל אויסלאַכן די אַסימילאַציע.

דערפאַר אָבער איז בערטאָלד אויערבאַך פול מיט צאָרן, ווען זיין פריינט משה העס נעמט טראַכטן וועגן אַרויסגעבן אין דרוק זיין באַרימט בוך „רוים און ירושלים", וואָס איז געוואָרן איינע פון די עוואַנגעליעס פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג סיי מיט זיין אינספּירירטן און אינספּירירנדיקן סטיל, סיי מיט זיינע (נאָך אויך היינט אין אַ גרויסער מאָס) פרישע געדאַנקען. און אויערבאַך צאָרנט נישט דערפאַר, ווייל ער האַלט די דאָזיקע געדאַנקען פאַר פאַלש, — פאַרקערט, ער גופא איז מודה (אין אַ בריוו צו העסן), אַז העס' געפילן זענען אויך אים נישט פרעמד אין דער לעצטער צייט, — נאָר דערפאַר, ווייל ער האַלט זיי פאַר געפערלעך: זיי קאָנען שטערן דעם אַזוי אויך נישט צו רואיקן שלאָף פון זיין געפּיעשטשעטער עמאַנסיפּאַציע (איינגעהאַנדלט פאַרן פרייז פון מקריב זיין די נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט פון יידישן פאָלק).

אויערבאַך פילט, אַז זיין גליק איז נישט זיכער, אַז דער שילדערער פון די טיף־פאַרוואָרצלטע שוואַרצוואַלדער פּויערים האָט קיין וואָרצלען נישט. דאָס הייסט, — וואָרצלען האָט ער, נאָר זיי זענען אָפּגעריסן פון זייער באָדן, און ער האָט זיי פאַרשאָטן מיט טרוקענעם זאַמד און ער האַלט זיי אין איין באַגיסן: בייטאָג — מיטן שווייס, וואָס קומט פון קריכן פון דער הויט

נישט דערקענט צו ווערן, און ביינאַכט דורך טרערן, וועלכע קומען פון מינדערוועדטיקייטס-געפיל און מען וויינט זיי אַריין אין קישן, זיין ניי פאָלק זאָל זיי נישט זען (און מען איז אין כעס אויף משה העסן, וועלכער דערציילט וועגן זיי און ווייזט אָן אויף זיי). אויף דער עלטער איז זיך אויערבאַך ערגעץ־וואו מודה, אַז אַריינגייענדיק בעת אַ רייזע אין אַ שול, איז ער גערירט געוועזן ביז טרערן. עפּעס האָט זיך אָפּגערופן אין זיינע אויסגע־דיסענע וואָרצלען, און זיי זענען באַטויט געוואָרן מיט טרערן. און ווען ער האָט געפּראַוועט דעם סדר ביים באַרימטן יידישן געלערנטן יאַקאָב בערנעים אין באָן, און ער, אויערבאַך, האָט נאָך געקאָנט זאָגן די העברעאישע ברכות און לייענען די „הגדה", האָט ער זיך געפילט גליקלעך. ער האָט זיך ממש מחיה געווען, — ער האָט געקאָנט אָטעמען נישט קינסטלעך, נאָר נאַטירלעך, נישט אונטער אַ מאַסקע, נאָר פריי.

אָבער דאָס זענען געווען אויסנאַם־מינוטן, — בכלל האָט מען דאָס אַלץ אומבאַדינגט געמוזט דערשטיקן, צודעקן, פאַר־געסן, — אפשר וועלן די אַנדערע אויך פאַרגעסן. ווען עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז אויך די אַנדערע האָבן נישט פאַרגעסן און אַז זיי קלייבן זיך גאָרנישט פאַרגעסן, האָט אויער־באַך דערפילט זיין טראַגעדיע.

„ס'איז נישט לייכט אַריבערצוטראָגן, ווען דו דאַרפסט אויסהערן, אַז דו געהערסט נישט צו די דייטשן און דו האָסט נישט קיין פאָטערלאַנד. און דאָס דאַרף איבערלעבן איך, וועל־כער אַרבעט שוין זעקס און פערציק יאָר מיט אַלע כוחות פאַרן דייטשן פאָלק און איך שטיי נישט אָפּ פון קיינעם אין פאַטריאָ־טיזם".

אין בערטאָלד אויערבאַכן האָט מען אַ מוסטער פון אַ דייטשן יידן, וועלכער איז נאָך אויסגעוואַקסן אין געטאָ, האָט אים פאַרלאָזן, דערגרייכט די העכסטע שפּיצן פון רום אין פרעמדן קולטור־לעבן און דאָך איז ער פאַרבליבן אין אַ געטאָ, וואָס איז ערגער פאַרן געטאָ, פון וועלכן ער האָט זיך אַרויסגע־

ריסן, סיי לויטן געפיל פון שרעק פאַר זײַנע עכטע געפילן (מינדערוועױטיקײַטס־קאָמפּלעקס!), סיי לויטן דראַנג צו שטיין אויף די לאַפּקעס פאַר די האַרן, סיי לויטן געפיל פון אָפּגע־נאַרטע האָפענונגען.

אָבער אָט איז אַ צווייטער, אַן ענלעכער מוסטער — אָבער שוין פון די לעצטע רינגען פון דער דורכגעזשאַווערטער קייט.

ערנסט טאָלער האָט שוין נישט באַקומען קיין טראַדי־ציאָנעלע דערציאונג. ער איז שוין פון קינדווייז אויף געוואַקסן אַ דייטש. און דאָך איז ער מודה אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע („אַ יוגנט אין דייטשלאַנד"), אַז זײַן קינדהייט איז געווען פאַר־טונקלט דורך אַ טראַגעדיע: זײַנע שול־חברים פלעגן אים וואַרפן אין פּנים אַריין דאָס וואָרט „ייד". ער פלעגט אָבער (אַלס קינד) האָבן אויך מאָמענטן פון גרויסער פרייד, — דאַן, ווען מען פלעגט נישט דערקענען, אַז ער איז אַ ייד...

ווי מען זעט, האָט זיך כמעט קיין שום זאַך נישט געביטן זייט דער צייט פון די ערשטע שוואַלבן, וואָס זענען אַרויסגע־פלויגן פון געטאָ אין אַ פרעמדער שיינער וועלט, אין אַ פרעמדן פרילינג, און האָבן זיך דאָרט געפילט האַרבסטיק; קיין שום זאַך האָט זיך נישט געענדערט זייט דער צייט פון זיסקינד פון טרימבערג, לודוויג בערנע, היינריך היינע און בערטאָלד אויער־באַך.

עס זענען פאַרגאַנגען הונדערט יאָר — די אַסימילאַציע האָט געזיגט, אָבער דער קליינינקער טאָלער ליידט פון דעם צונאָמען „יודע" פונקט אַזוי, ווי זײַן עלטער־זיידע היינע.

און דאַן קומט טאָלערס יוגנט. ער גייט אַוועק אַלס פריי־ווויליקער אויפן פראָנט פון ערשטן וועלט־קריג. אָבער קודם־כּל וויל ער פאַרדינען אויף זײַן פּאַטריאָטיזם. נישט קיין געלט, אפילו נישט קיין מיליטערישע אויסצייכנונגען, — נאָר די ליק־ווידאַציע פון זײַן יידנטום (עס זענען דאָ גייסטיק־קראַנקע, וועלכע וואַשן כסדר אַ פלעק פון זייערע הענט, וואָס נאָרמאַלע זעען און פילן אים נישט): ער שרייבט פון פראָנט צום געריכט,

ער זאָל דערפילן זיין בקשה און אים אויסשטרייכן פון דער רשימה פון דער יידישער געמיינדע.

טאָלער שרייבט, אַז אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה איז ער „פול געווען מיטן ליידנשאַפטלעכן פאַרלאַנג צו דערווייזן מיטן לעבן, אַז איך בין אַ דייטש און נאָר אַ דייטש".

שוין דער דאָזיקער פאַרלאַנג גופא באַווייזט, אַז דאָס באַוואוסטזיין פון זיין יידישקייט פלעגט נישט פאַרלאָזן אויף אַ מינוט דעם דאָזיקן דורך און דורך אַסימילירטן יידן, וועלכער האָט מיט יידישקייט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס, אַ חוץ אַ געמיינזאַמקייט אַ פאָרמעלע און... דעם פאַרלאַנג פּטור צו ווערן פון דעם.

אַז דער דאָזיקער פאַרלאַנג איז געווען אומבאַזיגבאַר שטאַרק באַווייזט דער פאַקט, וואָס אפילו בעת דעם מלחמה־שטורעם האָט ער נישט געהאַט קיין מער וויכטיקע זאַכן, ווי בעטן אויסצומעקן אים פון דער רשימה פון דער יידישער געמיינדע.

עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַריינצוגיין אין דער געשיכטע פון דייטשע קריגס־העלדן אַלס ייד...

לייענט, אדרבא, טאָלערס ערשטע דראַמע „די פאַרוואַנד־לונג", און איר וועט זען, וואָס פאַר אַ יידישע טראַגעדיע דער דאָזיקער יונגער מענטש האָט איבערגעלעבט בעת דער וועלט־מלחמה.

עס איז אָבער נישט גענוג אויסצומעקן דעם נאָמען פון דער רשימה פון דער יידישער געמיינדע. מיטן דאָזיקן יידישן אומגליק איז פול דער גאַנצער אַרום, און ער גופא איז אויך נישט פריי פון דער זינד פון יידישקייט. ביי די ווערטער: „דו ביסט נישט קיין דייטש", דערהערט דער דאָזיקער קאָסמאָפּאָליט אַ שטים — אַ ווידערקול: „איך בין אַ ייד":

„צי געהער איך נישט צו יענעם פאָלק, וועלכן מען פאַר־פאָלגט שוין זייט טויזנטער יאָר? צי געהער איך נישט צו יענעם

פאָלק, וועמעס נביאים האָבן געוואָרפן אין דער וועלט אריין דעם רוף צו גערעכטיקייט, אַ רוף, וועלכן די באַליידיקטע און אונטערדריקטע האָבן אויפגענומען און איבערגעגעבן אין משך פון דורות, וועמענס איידלסטע זין זענען ליבער אומגעקומען, איידער אונטערצוגעבן זיך? איך האָב זיך געוואָלט אָפּזאָגן פון מיין נאָמען. איך שעם זיך פאַר זיך גופא — אַ קינד זאָל זיין געצוואונגען אָנצוקומען צו אַזאַ ליגן! (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.) וואָס פאַר אַ שרעקלעכע באַשולדיקונג דאָס איז קעגן אַלע, וואָס טראָגן די אחריות פאַר אַזאַ טאַט".

אָבער טאָלער מאַכט נישט דעם איינציקן ווירדיקן אויספיר פון דאָזיקן באַגרייפן ס'אַרא שרעקלעכע זאַך עס איז, ווען אַ קינד דאַרף זיך אַליין פאַרלייקענען, — זען, אַז דאָס קינד זאָל לעבן אין אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע זאָלן אים נישט צווינגען צו טון די דאָזיקע שענדלעכע זאַך, וועלכע זאָלן אים מאָראַליש נישט פאַרקריפּלען: געבן אים אַ נאַציאָנאַלע דערציאונג און זען שאַפן פאַר אים אַן אייגענע סביבה אין אַן אייגענעם לאַנד.

טאָלער מאַכט נישט דעם דאָזיקן אויספיר, פּונקט ווי אויערבאַך האָט נישט געמאַכט דעם ריכטיקן אויספיר פון העס' געדאַנקען, וועלכע זענען צייטנווייז געווען אויך זיינע. פאַרקערט, טאָלער דערשרעקט זיך פאַר זיין אייגענעם געדאַנק, פאַר זיין צו גראָדליניק דענקענדיק געפיל.

„אָבער צי דען בין איך בלויז דערפאַר אַ פרעמדער אין דייטשלאַנד? נישט שוין־זשע האָט אַ ווערט בלויז די פיקציע פון בלוט?"

וואָס פאַר אַ שרעקלעכע באַשולדיקונג קעגן יענע, וועלכע באַטראַכטן די דאָזיקע פאַרבינדונג אַלס פיקציע, וועלכע פאַרגעסן אַזוי שנעל דעם דורך זיי גופא אויסגעדריקטן געדאַנק וועגן דער רעאַלער געמיינזאַמקייט פון היסטאָרישער ליבע, וועגן היי־

ליקן חוב לגבי דער גרויסער ירושה פון די נביאים און דער הייליקער עקשנות פון אזוי פיל דורות!

טאָלער, ווי געזאָגט, האָט זיך דערשראָקן צו מאַכן אויס־פירן פונם אמת, וואָס האָט פאַר אים אויפגעבליצט, און ער האָט געאײַלט צו באַהאַלטן דעם קאָפּ אינם קאָסמאָפּאָליטישן זאַמד. ער וויל נישט — נישט קיין יידישע און נישט קיין דייטשע גאווה. ריכטיק, ווי אַ חוץ גאווה איז אינם נאַציאָנאַלן געפיל גאָרנישט דאָ.

„אַ יידישע מאַמע האָט מיך געבוירן, דייטשלאַנד האָט מיך דערצויגן, אייראָפּע האָט מיך געלערנט, די ערד איז מיין הויז און די וועלט — מיין היימלאַנד".

מיט וואָס אַ קינד זאָל זיך נישט שפּילן, אַבי עס זאָל נישט וויינען... אָבער די צרה איז אין דעם, וואָס נישט געקוקט אויף אַלע טרייסטן, הערט עס נישט אויף צו וויינען; אויך טאָלער האָט זיך נישט אויפגעהערט צו פּלאָגן, ביז ער האָט נישט געפונען קיין „טרייסט" אינם שטריק. ווער עס האָט נישט קיין פאָלקס־הויז, איז די גאַנצע וועלט פאַר אים — די פרעמד.

אָבער אַ חוץ אויערבאַכס און טאָלערס, האָט דאָס דייטשע יידנטום אַרויסגערוקט (און זייט דעם סוף פון 19־טן יאָרהונ־דערט האָט עס גענומען אַלץ מער און מער אַרויסרוקן) פון זיין מיט אינטעלעקטועלע פאָרשטייער, וועלכע האָבן נישט באַ־טראַכט פאַר אַ פיקציע דעם פאַרבינדנדיקן רינג פון בלוט, וועלכע האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דער ירושה פון דורות. די נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט באַקומען אַ שעפערישן טעמיקן שטוים פון מערב־אייראָפּעאישן הערצל, האָט פון איר זייט אָפּפרישנדיק געווירקט אויף אַ טייל פון מערב־אייראָפּעאישן יידנטום.

ריכאַרד בער האָפמאַן איז דער בעסטער קינסטלערישער רעפּרעזענטאַנט פון דער דאָזיקער מינדערהייט, פּונקט ווי מאַרטין בובער איז איר בעסטער פילאָזאָפישער רעפּרעזענטאַנט.

זיין פּרעכטיק, טיף „וויגליד פאַר מרים" פאַרענדיקט רי־כאַרד בער האָפמאַן אזוי:

„צי שלאָפסטו, מרים? מרים, קינד מיינס, מיר זענען בלויז די ברעגעס. און טיף אין אונז פליסט דאָס בלוט פון די געוועזענע, וואָס שטראָמט צו די צוקונפטיקע. דאָס בלוט פון אונזערע אור־אבות, פול אומרו און שטאָלץ.

„אין אונז איז אַלץ. ווער פילט זיך דען איינזאַם? דו ביסט זייער לעבן — זייער לעבן איז דיינס. מרים, לעבן מיינס, קינד מיינס, שלאָף איין!"

פאַר ריכאַרד בער האָפמאַנען און ענלעכע צו אים איז געמיינזאַמקייט פון בלוט נישט קיין פיקציע, אָבער אויך נישט קיין גרונט פאַר גאווה. זי איז — גורל און פליכט.

נישט קיין גאווהדיקע זעלבסטצופרידנקייט, נאָר אַ שטאָל־צער אומרו.

די פסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון אַסימילאַציע

(לודוויג לואיסאָנס „די ירושה פון בלוט")

סיי די אַסימילאַציע, אַלס אידייע, סיי די אַסימילאַציע, אַלס אידייענלאָזע צופּאַסונג, האָבן באַנקראָטירט. די אַסימילאַציע האָט געליטן אַ פולשטענדיקע מפּלה סיי טעאָרעטיש, סיי פּראַקטיש. יענע, וועמען עס האָבן נישט געקאָנט איבערצייגן קיין גייסטיקע אַרגומענטן, — זענען איבערצייגט געוואָרן דורך לעבנס־פאַקטן.

און הגם די אַסימילאַציע, אין אַלע אירע פאָרמען, האָט אָנגעמאַכט (און זי מאַכט נאָך אָן דורך אינערציע און פּחדנות) פאַרוויסטונגען אין אונזער נאַציאָנאַלן לעבן; און הגם די מפּלה פון אונזער געפערלעכן און געמיינעם שונא וואָלט געוועןבאַדאַרפט אַרויסרופן אין אונזערע רייען אַ יובל, — פונדעסטוועגן באַמערקן מיר עפּעס נישט אין אונזער ליטעראַטור קיין שום קינסטלערישע סך־הכּלען פון דאָזיקן לאַנגן קאַמף און פון ענדגילטיקן — אידעאָלאָגישן — זיג.

אויף די שטאַרק באַאומרואיקנדיקע סיבות פון דער דאָזיקער דערשיינונג האָב איך שוין נישט איינמאָל אָנגעוויזן אין אַנדערע אָפּהאַנדלונגען, — דאָ וויל איך בלויז קאָנסטאַטירן, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט אָדער געווידמעט ווייניק אויפמערקזאַמקייט דער דאָזיקער קאַרדינאַלער פּראָבלעם פון אונזער לעבן, אָדער זי האָט זיך נישט קיין עצה געגעבן מיט דער דאָזיקער פּראָבלעם (אַן עדות דערויף איז מירקין פון שלום אַשס טרילאָגיע „פאַרן מבול").

די פּראָבלעם פון אַסימילאַציע האָט געפונען איר אָפּשפּיגלונג ביי איינעם פון אירע אוממיטלבאַרע קרבנות —

ביים אַמעריקאַנער יידישן שרייבער לודוויג לואיסאָן. דאָס יידישע לעבן וועגעטירט אין נאַציאָנאַלן זין, און דעריבער לעבט אונזער ליטעראַטור נישט דורך שאַרף און זי שילדערט נישט בולט די אַסימילאַציע־פּראָבלעמען; אָבער לודוויג לואיסאָן, וועלכער האָט געליטן אַ פּסיכישן שיף־ברוך און האָט שאַרף איבערגעלעבט זיין טראַגעדיע, געפינט גענוג העלע פאַרבן, כדי צו שילדערן די טראַגעדיע פון אַסימילאַציע. זיין „די ירושה פון בלוט"*) איז דער שאַרפסטער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אַסימילאַציע, און גלייכצייטיק די איבערצייגנדיקסטע, טיפזיניקסטע, קינסטלערישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

* * *

לודוויג לואיסאָן איז אַ גוט־באַקאַנטער אַמעריקאַנער ראָמאַניסט, ליטעראַטור־קריטיקער און דענקער. איינער פון זיינע ראָמאַנען איז באַערט געוואָרן אין דער דייטשער איבערזעצונג דורך אַ באַגייסטערטן פאָרוואָרט פון טאָמאַס מאַן — דעם גרעסטן היינטצייטיקן פּראָזאַאיקער פון דער דייטשער שפּראַך. טאָמאַס מאַן האַלט לואיסאָנס „דער ענין פון מיסטער קרומס" פאַר איינער פון די בעסטע עפּאָפּייעס פון דער היינטצייטיקער ליטעראַטור. לואיסאָנס קריטיק ווערט באַטראַכט כמעט ווי קלאַסיש אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, און די סטודענטן שטודירן זיינע ווערק אַלס מוסטערן פון גוטן ענגלישן סטיל. לואיסאָן איז אין אַן אַמעריקאַנער אוניווערזיטעט געווען פּראָפעסאָר פון דער דייטשער ליטעראַטור־געשיכטע.

צוליב אַ פּערזענלעכער פאַמיליע־טראַגעדיע איז לואיסאָן געצוואונגען געווען אויף לאַנג צו פאַרלאָזן דעם אַמעריקאַנער

*) אַזוי איז דער טיטל פון דער דייטשער איבערזעצונג. אין אָריגינאַל הייסט דאָס בוך "The Island Within" („דער אינזל אין זיך"), אַ טיטל, וואָס הגם ער איז בילדלעך, איז ער גלייכצייטיק אַבסטראַקט־אינטעלעקטועל. די בילדלעכקייט איז דאָ נישט דורכזיכטיק.

קאָנטינענט. צי די פּערזענלעכע טראַגעדיע האָט געדינט אַלס סטימול צו פאַרוואַנדלען לואיסאָנען פון אַן אַסימילאַטאָר אין אַ נאַציאָנאַלן יידן, אָדער פאַרקערט, זיין גייסטיקע פאַרוואַנדלונג האָט געדינט אַלס סיבה פאַר דער פּערזענלעכער טראַגעדיע, אָדער (אַלס דריטע מעגלעכקייט) די דאָזיקע צוויי פּראָצעסן האָבן זיך אָפּגעוויקלט פּאַראַלעל און דערנאָך — צוזאַמענגעפאַלן, ווי דאָס קומט פאָר אין דעם אָן ספק ביאָגראַפישן „די ירושה פון בלוט" (ווי מען זעט, הערשן נישט אין דער מענטשלעכער פּסיכיק די געזעצן פון דער געאָמעטריע, און צוויי פּאַראַלעל לויפנדיקע ליניעס טרעפן זיך יאָ צונויף אין לעצטן סך־הכל), — דאָס ווייס איך נישט, און אין איצטיקן מאָמענט איז דאָס פאַר אונז גאָרנישט וויכטיק. וויכטיק איז פאַר אונז די טיפע שטודיע איבער דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון דער אַסימילאַציע, וואָס לואיסאָן גיט דורך די קינסטלערישע געשטאַלטן פון זיין בוך „די ירושה פון בלוט".

דאָס דאָזיקע בוך לאָזט אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז אָפט רעדט דאָ צו אונז אַ קינסטלער, גאַנץ אָפט אַ גוטער פּסיכאָלאָג אַ פּרווידיסט, אָבער תמיד אַ מענטש, וועלכער האָט פּערזענלעך איבערגעלעבט די דאָזיקע שרעקלעכע קראַנקהייט, וועלכער האָט אַ פּערזענלעכע ווערטפולע דערפאַרונג, וואָס ער גיט איבער אין אונזער רשות מיט דער טיפסטער אויפריכטיקייט און דער טיפסטער פּסיכאָלאָגישער דורכדרינגלעכקייט.

לואיסאָנס בוך „די ירושה פון בלוט" איז סיי אַן אויסערלעכע געשיכטע פון אַסימילאַציע און סיי אַן אַנאַליז פון איר אינערלעכער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע. לואיסאָן גיט אַ טיפּישע געשיכטע פון אַ יידישער פאַמיליע, וואָס דערווייטערט זיך בהדרגהדיק, סיסטעמאַטיש אין משך פון דריי דורות פון יידנטום, און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער דאָזיקער צענטער־לויפנדיקער פּראָצעס האָט אויפצואווייזן אַן אויסערלעכן דערפאָלג, ווייזט זיך דאָך אַרויס, אַז דאָס אַנטלויפן

איז געווען אומזיסט: דער דריטער, דאָס דורך און דורך אַסי־מילירטע שפּראָצל פון דער דאָזיקער טיפּישער יידישער פאַמי־ליע פון דער אַסימילאַציע־עפּאָכע, קערט זיך אום צום יידנטום, מיד פון אומפּרוכטבאַרן קאַמף קעגן דער טאָפּלטער ירושה פון גורל און בלוט, און ער איז זיכער, אַז דער דאָזיקער קאַמף איז נישט נאָר אַ פאַרשפּילטער, נאָר ער איז אויך נישט אָנשטענדיק, דערנידערנדיק און עקלהאַפט.

דער דאָזיקער קאַמף איז פאַרשפּילט, ווייל מען מוז אים פירן אויף צוויי פראָנטן: מיט דער אויסערלעכער וועלט און מיט דער אינערלעכער. אונטערן דרוק פון די דאָזיקע צוויי פּיינטלעכע פראָנטן, זאָגט זיך אָרטור לעווי אָפּ פונם קאַמף און ער קערט זיך אום — אַלס באַזיגטער זיגער — צום יידנטום.

* * *

די יידישע אַסימילאַציע איז נישט קיין פּראָצעס פון אוממיטלבאַרן אַריינוואַקסן אין אַ פרעמדער סביבה. דאָס איז אַ באַוואוסטזיניק אַנטלויפן, דאָס איז אַ פּראָצעס פון אַרויס־רייסן מיט געוואַלט טיפע וואָרצלען. דאָס יידנטום האָט אין משך פון יאָר־טויזנטער געלעבט אויסערלעך און אינערלעך אָפּגעזונדערט פון די אַרומיקע סביבות, און מיט דער צייט האָט זיך ביי יעדן מיטגליד פון אונזער פאָלק אַנטוויקלט כמעט ווי אַן אינסטינקטיווער זעקסטער חוש פון אָפּגעזונדערט־קייט (אַ חוץ דעם מעכטיקן באַוואוסטזיין פון אָפּגעזונדערט־קייט), און פאַר קיינעם שטעלט די אַסימילאַציע נישט פאָר אַזאַ קרענקלעכן פּראָצעס, ווי פאַר אַ יידן (אויך צוליב דער באַציאונג פון דער אַרומיקער וועלט צו אים: צוליב דער פּסי־כישער באַציאונג — שנאה און שפּאָט, און צוליב דער פיזישער — פּאָגראָמען). אַ חוץ דעם קאַמף מיט דער אַרומיקער וועלט זי זאָל דערלויבן און אָנערקענען די אַסימילאַציע, מוז דער ייד נאָך שטיין אויף דער וואַך קעגן זיין באַוואוסטזיין און

קעגן זיין אינסטינקט, וועלכע שלעפּן אים צוריק, ווי נאָר זיין אַסימילאַציע־באַוואוסטזיניקייט ווערט אָפּגעשוואַכט.

טאָביאַס לעווי — איינער פון די רינגען פון צווייטן דור פון דער דאָזיקער טיפּישער פאַמיליע, וואָס געפינט זיך אויף די וועגן פון אַסימילאַציע — שמדט זיך, דערגרייכט אַ הויכן שטאַפּל פון געזעלשאַפטלעכן לייטער, אָבער עס שטערן אים נאָך אַלץ די דעראינערונגען. זיין איינציקע האָפנונג באַשטייט אין דעם, אַז זיינע קינדער וועלן שוין פריי זיין פון דער דעראינערונגס־לאַסט. זיי וועט אין זייער וועג נישט שטערן דער שיין פון די שבת־ליכט, אין זייערע הערצער וועלן נישט אָפּקלינגען, ווי אַ ווידערקול, יידישע ווערטער, אַרויסגערעדט דורך אַ מוטער־מויל... זיינע קינדער וועלן שוין זיין גליקלעך.

זיינע קינדער זעען מיר נישט אין לואיסאָנס ראָמאַן; מיר זעען זיינע פּלימעניקעס, וועמען די שבת־ליכט שטערן אויך נישט, און דאָך זענען זיי נישט גליקלעך. פאַרקערט. אָבער כאַראַקטעריסטיש איז דער סוף פון דאָזיקן איינציקן געשמדטן מיטגליד פון אָט־דער משפּחה. בעת דער וועלט־מלחמה גע־פינען די הונגעריקע מאַסן אין דייטשלאַנד אין דעם ים רייכע הייזער גראָד זיין הויז. ער באַוויזט נאָך נישט צו קומען צו זיך פון די שטיינער, וואָס דער המון האָט געוואָרפן אין אים, און שוין ברענגט אים דער דינער אַ טעלעגראַמע, וואָס טיילט אים מיט, אַז זיין זון איז געפאַלן אויפן פראָנט. אונטער די קלעפּ פון גורל און פון אויסערלעכן פראָנט, ווערט זיין באַ־וואוסטזיין פאַרטונקלט און דער קאָנטראָללאָזער אינסטינקט וואַרפט אַרויס פון זיין לאַנג פאַרלייגטער און באַוואַכטער טי־פעניש ווערטער, וואָס האָבן אונז אין משך פון לאַנגע יאָר־הונדערטער פאַרביטן אַ פאָלקס־פּאָן: „שמע ישראל!"

ווי אומבאַהאָלפן עס איז דער דאָזיקער גליקלעכער אַרי־בערלויפער פון געטאָ קעגן גלייכצייטיקן אָנגריף פון צוויי פראָנטן: דעם אויסערלעכן און אינערלעכן; ווי נעבעכדיק עס

זעט אויס די גאַנצע אָנשטרענגונג פון זיין לעבן צו מאַסקירן זיינע פּאָזיציעס.

די שטעלע מיטן „שמע ישראל!" איז מעלאָדראַמאַטיש, ווי עס איז בכלל מעלאָדראַמאַטיש די ראָם, אין וועלכער דאָס דאָזיקע ווערק איז אַריינגעפּאַסט, און דאָך גיט עס גוט איבער די אַטמאָספער פון פּאַטוס, וואָס הערשט אין דאָזיקן ווערק: דאָס געיאָגטע, פאַרהעצטע יידנטום ליגט אַ באַלאַגערטע — פון אויסנווייניק און פון אינעווייניק, און ביי יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט ברענגט ער אַ מפּלה די דאָזיקע טראַגי־קאָמישע, אומ־גליקלעכע, נעבעכדיק־לעכערלעכע און עקלהאַפטע (אַלץ צוזאַ־מען!) קרבנות.

לאָמיר זיך גוט צוקוקן צום דאָזיקן קאַמף. נישט פון זיין מעלאָדראַמאַטישער זייט, אויך נישט פון דער זייט פון זיין אויסערלעכער געשיכטע, נאָר פון זיין פּסיכאָפּאַטאָלאָגישער זייט.

* * *

אַ זון פון אַ ווילנער מלמד פאָרט אַוועק קיין דייטשלאַנד און אַסימילירט זיך פּאַסיוו. איינער פון זיינע זין שמדט זיך: אַזוי אַרום רעכנט ער פּטור צו ווערן פון יידישן אומגליק, וואָס פאַרפאָלגט אים אין געשטאַלט פונם מאָנסטער־אַנטיסעמיטיזם. אַ צווייטער זון, יאַקאָב, פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע, אויך כדי זיך צו ראַטעווען פון זעלבן פאַרפאָלגנדיקן, אומדערזעט־לעכן מאָנסטער. אויך ער איז אַ פּאַסיווער אַסימילאַטאָר, וואָס רייסט נישט איבער אינגאַנצן מיטן יידנטום, אָבער ער גיט אויך נישט זיינע קינדער קיין שום יידישעס. און די הויפּט־טראַגעדיע פון דער אַסימילאַציע שפּילט זיך אָפּ נישט אין דער נשמה פון יאַקאָב לעווי, וועלכער איז נאָך פאַרבונדן מיטן יידנטום דורך דעראינערונגען, וועלכער האָט צו וואָס זיך אומצוקערן אינסטינקטיוו, ווען דער טרוים וועגן אַ פרייער אַמעריקע פאַרגייט ווי רויך, און ער באַגעגנט אויף זיין וועג אין אַמעריקע דעם אַלטן באַקאַנטן — דעם אַנטיסעמיטיזם.

צוערשט באמיט זיך יאַקאָב לעווי נישט אַרויסוויַיזן זיין ייִדישקייט.

„ייִדן, — זאָגט לואיסאָן, — וועלכע האָבן גערעדט ייִדיש, זענען אים געווען אומאָנגענעם".

דער דאָזיקער קליינינקער שטריך גיט אַ מעגלעכקייט אַריינצובליקן זייער טיף אין דער קראַנקער נשמה פון דער אַסימילאַציע. יאַקאָב וואַסערמאַן האָט זיך אַמאָל מודה געווען, אַז ער פּלעגט זיך אָפּט פילן אומגליקלעך אין דער אָנוועזנהייט פון מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן. דאָס איז טיפּיש פאַר אַלע אַסימילאַטאָרן: זיי האָבן מורא, אַז די נאָענטקייט פון אַ צווייטן ייִדן זאָל נישט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומיקע אויף זיי. גראָד דאָס, וואָס זיי פילן זייער קרובהשאַפט מיטן דאָזיקן ייִדן, וועקט אין זיי אַ שנאה צו אים.

איינער פון די פּערסאָנאַזשן פון לואיסאָנס ראָמאַן, דזשאָ גאָלדמאַן, באַזינגט יאַקאָב וואַסערמאַנס עמאָציע: „אויב איין ייִד רעדט צו הויך, דאַן ציטערן תיכּף אַלע אַנדערע ייִדן... פון שרעק, אַז אין דעם קאָן מען זען אַ באַשטעטיקונג פון אַלגעמיינעם פאָראורטייל".

מען דאַרף נישט דווקא, אַז דער ייִד זאָל רעדן ייִדיש אָדער הויך, — עס איז גענוג זיין ייִדישע נאָז, עס איז גענוג, וואָס דער אַסימילאַטאָר ווייסט, אַז עס זיצט נעבן אים אַ ייִד. דאָס, פון וואָס ער וויל אַנטלויפן (און ס'דאַכט זיך אים, אַז ער איז דערפון אַנטלאָפן) זיצט פּלוצלונג פאַר אים אָביעקטיוויזירט, זעבאַר פאַר אַלע אַרומיקע, — ער זעט ווי זיין „איך" אָן אָביעקטיוויזירטן, און ער ווערט מלא חימה, ער באַקומט אים פיינט, ווי ז י י ן ייִדישן „איך".

מען זאָגט, אַז אַ הויקער פרייט זיך, ווען ער דערזעט אַ צווייטן. דאָס איז נישט אמת. אַ הויקער האָט פיינט זיינע חברים די הויקערס, ווייל זיי דערמאָנען אים זיין אייגענעם אומגליק. יעדער הויקער האַלט פאַר אים אַ שפּיגל. און דעם דאָזיקן הויקער אין שפּיגל ווילט זיך צעברעכן.

יאַקאָב לעווי איז נישט געווען קיין אויסנאַם פון דאָזיקן כּלל. אָבער ווען ער איבערצייגט זיך, אַז ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבן דערקענט צו ווערן, ווייל מען האָט אים שוין סיי־ווי דערקענט, האָט ער פאַר זיך אַן אָנשפּאַר אין זיין יידי־שער פאַרגאַנגענהייט. און ער טרעט אָפּ צו זיין ירושהדיקער פּאָזיציע: „איך קאָן נישט פאַרטראָגן קיין יידן, וועלכע מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען עפּעס אַנדערשס".

און פון זיין דאָזיקער פּאָזיציע ווערט אים שווער צו פאַרשטיין זיינע קינדער. ווען מ׳נעמט נישט אָן זיין טאָכטער אין אַן אַריסטאָקראַטישער שולע, און זי איז אויסער זיך פון חרפּה און ווייטיק, לייגט איר דער פאָטער פאָר אַריינצוטרעטן אין אַ שולע, וואָס ווערט באַזוכט בלויז דורך יידן.

די טאָכטער איז פאַרצווייפלט: „איך וויל נישט, איך וויל נישט, איך וויל נישט".

דער פאָטער פאַרשטייט נישט: „פאַרוואָס נישט? צי דען שעמסטו זיך מיט דעם, וואָס דו ביסט אַ יידישקע?" און דאָס יונגע מיידל ענטפערט מיט אַ געשריי פון דערלייכטערונג (ווי אַרויסוואַרפנדיק צוזאַמען מיטן דאָזיקן געשריי אַ שווערקייט פון איר נשמה): „יאָ, איך שעם זיך!"

און ווען דער פאָטער ברענגט איר אַלס ביישפּיל זיך: אויך ער האָט נאָר יידישע האַנדלס־באַציאונגען, „מיר פאַר־קערן נאָר צווישן אייגענע מענטשן", פרעגט זיך זיין זון, אַר־טור, אין געדאַנק: „צי דען זענען יידן „זיינע" מענטשן, די מענטשן פון זיין שוועסטער?"

און ער פרעגט דעם פאָטער: „ווער זענען דאָס — אונ־זערע מענטשן?"

דער פאָטער, וועלכער האָט אַמאָל אַליין אויך אויסגעמיטן יידן (מיינענדיק, אַז אַ דאַנק דעם וועט ער אויסמיידן אַנטי־סעמיטיזם), ווען עס איז אָבער דאָך פרעמד זיינע קינדערס אַבסאָלוטע אָפּגעפרעמדטקייט פון יידנטום, האָט דערויף איין ענטפער: „משוגעת!" אים דאַכט זיך אויס, אַז זיינע

קינדער זענען נישט נאָרמאַל. ער איז אָבער נישט גערעכט. אויב אינם יידישן קאָמפּלעקס פון יאַקאָב לעווים קינדער איז אפילו דאָ אַן עלעמענט פון משוגעת, דאַרף מען אים זוכן אין דער דערציאונג, וואָס ער האָט געגעבן זיינע קינדער. באמת, וואָס האָט אַרטור לעווי געמיינזאַמס מיטן יידנטום? ער טראָגט אויף זיך קינס צייכן, נישט וויסנדיק פאַר וועמענס זינד. און דערין ליגט זיין עיקרדיקע טראַגעדיע. ער טראָגט „די ירושה אין בלוט", אָדער, וואולגאַר אויסגעדריקט, די ירושה אויף דער נאָז, אָבער נישט אינם באַוואוסטזיין, נישט אין זיין הארצן. און וועגן דער דאָזיקער „ירושה פון בלוט" דערמאָנען אים אַנדערע, מערסטנטייל פּרעמדע, מענטשן, וואָס זענען צו אים פּיינטלעך געשטימט. ווען נישט זיי, וואָלט ער אפשר וועגן דער דאָזיקער ירושה פון בלוט נישט געווען געהאַט קיין אנונג.

צווישן אַרטורן און זיין חבר דזשאָ גאָלדמאַן (וועלכער לייגט אַלע האָפנונגען אויף דער באַפרייאונג פון יידישן אומגליק אויפן זיג פון קאָסמאָפּאָליטיזם) קומט פאָר אַ כאַראַקטעריסטישער דיאַלאָג:

אַרטור: „צי דען קאָנען מיר זיין נאָך וויניקער יידן, ווי מיר זענען?... אין וואָס, אייגנטלעך, באַשטייט דאָס דאָזיקע יידישע אין מיר און אין דיר?"

דזשאָ: „איך ווייס נישט. זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז, ווי איך ווייס נישט. און דאָך..."

ער רייסט איבער און פאַרענדיקט דערנאָך:

„דאָס מאַכט מיך קראַנק".

אַרטור: „מיך אויך".

וועגן די סימפּטאָמען פון אָט־דער קראַנקהייט, וועגן אירע דערשיינונגען און וועגן די מיטלען זי צו באַקעמפן רעדט זיך טאַקע אין לואיסאָנס בוך.

* * *

מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז לואיסאָנס בוך איז אויטאָביאָגראַפיש. מען דאַרף דאָס אָבער נישט נעמען צו ענג. עס

באַזירט אויף פּערזענלעכע איבערלעבונגען, אָבער אויך אויף אַ פיינער לעבנס־באַאָבאַכטונג*). דאָס דאָזיקע בוך שילדערט די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע נישט פון אַ יחיד, נאָר די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון אַ פאָלק, וואָס געפינט זיך אין אומנאָרמאַלע באַדינגונגען און גרויסע טיילן זיינע זענען פּסיכיש קראַנק געוואָרן.

דער קליינינקער אַרטור באַמערקט, אַז ווען עס קומט צו אים צו גאַסט אַ קליינינקער גוי, פילט זיך אין דער אַטמאָספער פון זיין היים עפּעס קינסטלעכס, אָנגעצויגנס. דער קליינינקער אַרטור קאָן נישט וויסנשאַפטלעך דעפינירן די דאָזיקע דערשיינונג, אָבער ער באַמערקט און פילט זייער גוט די דערשיינונג און די ווירקונג פונם מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס, וואָס צעפרעסט אונזער פּסיכיק אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, ווי מיר שטעלן זיך פאָר, ווי מיר ווילן דאָס מודה זיין. דאָס דערשיינען פון אַ קליינעם קריסט אין יעדער, יידישער סביבה

---

*) אין צווייטן טייל פון זיין ביאָגראַפיע, "Mid-Channel" שרייבט לואיסאָן: „פון דערפאַרונג, און מער נאָך פון באַאָבאַכטונג, בין איך אינערלעך געצוואונגען געווען (impelled) צו שרייבן די געשיכטע, באַטיטלט "The Island Within". און כמעט תיכף נאָך איר דערשיינען און ווייטער האָט מען מיר געהאַלטן אין איין שטעלן, בריוולעך און מינדלעך, די פראַגע: „איך ווילט מיר זאָלן זיין יידן, פונקט ווי אַנדערע זענען אַמעריקאַנער אָדער ענגלענדער, און מיר פילן טיף, אַז מיר ווילן זיין יידן, און אַז דורך דעם, וואָס מיר וועלן זיין אַזעלכע, וועלן מיר באַפרייט ווערן פון קאָנפליקטן און ליידן און שוועריקייטן, וואָס מאַטערן אונז איצט. אָבער מיט וואָס זאָלן מיר זיין יידן? וואָס איז דער אינהאַלט פון דער יידישער טראַדיציע, וועגן וועלכער איר רעדט?"

און דעם ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן וויל ער זיינע פרעגער געבן אין "Mid-Channel".

די געבראַכטע ציטאַט באַווייזט, אַז „די שטים פון בלוט" איז פון איין זייט ביאָגראַפיש, אָבער פון דער צווייטער איז דאָס אַן אויסדרוק פון אַ גאַנצן דור, וואָס האָט דעם ראָמאַן אויפגעכאַפּט ווי זיינעם אַן אייגענעם געשריי.

פּאַראַליזירט דאָס נאָרמאַלע פונקציאָנירן פון דער יידישער פּסיכיק.

דאָס, וואָס דער קליינינקער אַרטור האָט באַמערקט אין זיין אייגענער היים, אין זיין צימער, וואו עס איז צו אים געקומען שפּילן זיך אַ קליינינקער קריסט, וועט ער שוין נישט אויפהערן צו באַמערקן אומעטום און תמיד. ער וועט, ווען ער וועט עלטער ווערן, באַמערקן די שרעקלעכע דערשיינונג פון דער יידישער מימיקרי. ער זעט, ווי יידן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי באַמערקן נישט ווי יונגע כוליגאַנעס שפּאָטן אָפּ פון אַן אַלטן יידן, כדי נישט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט צו זייער יידישקייט. יידן ווענדן אָן אַלע סאָרטן פון מימיקרי — פונם שויץ־קאָליר ביזן אָנשטעל, אַז זיי זענען טויט, אַז זיי הערן נישט און זעען נישט.

אַרטור מאַכט אַמאָל פּאָלגנדיקע אַנטדעקונג: זיין פּאָטער זעט אויס „אומגלויבלעך יידיש". און ער פרעגט זיך:

„צי דען וועט אַן אירלענדיש־אַמעריקאַנער יונגער מענטש זיך זאָגן: „ווי אירלענדיש עס זעט אויס מיין פּאָטער!"

און אַרטור באַמערקט דעם הויפּט־אונטערשיד צווישן אים און זיינע חברים־קריסטן. זיין שאָטלענדישער פריינט לייקנט גאָרנישט, אַז זיין היימלאַנד איז שאָטלאַנד. ער שעמט זיך נישט מיט זיין אָפּשטאַם, מיט זיינע אבות, בעת ער, אַרטור, איז ווי שטאַמלאָז, אָן אבות.

איינמאָל זאָגט אַ ייד וועגן קליינינקן אַרטור, וועלכער גייט מיט די ביכער אונטערן אָרעם: „אַקוראַט ווי אַ קליינינקער מלמד..."

אַרטור פרעגט אין דער היים, וואָס עס באַדייט דאָס וואָרט „מלמד", און זיין פּאָטער, דערמאָנענדיק זיך זיין זיידן דעם מלמד, דערקלערט דאָס דאָזיקע וואָרט דורך אַן אומנאַטירלעכן געלעכטער, שפּירנדיק אַ ווייטיק. ער פילט, וואַרשיינלעך, אַ ווייטיק פונם אומריינעם געוויסן, וואָס ער באַהאַלט אויס

פאַר זיינע קינדער — זייערע און זיינע אבות, די ווייטע, ווי די נאָענטע.

ארטור פילט זיין באַדנלאָזיקייט. זיינע עלטערן און דזשאָס עלטערן (די עלטערן פון די פאַרשידענע ארטורס און דזשאָס) האָבן אַן אייגענעם געטאָ, וואו זיי לעבן ווי נישט איז, אָבער דער יונגער אַסימילירטער דור האָט קיין שום סביבה נישט. פון יידנטום האָט מען זיי אָפּגעריסן, און זיי לויפן פון אים, ווייל זיי פילן נישט צו אים קיין שום צוגעבונדנקייט, און פון דער אַרומיקער סביבה טרייבט מען זיי אָפּ.

און דער רעזולטאַט? דער דאָזיקער יונגער דור ליידט פון אַ שרעקלעכן מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס, און ווי עס געשעעט תמיד אין אַזעלכע פאַלן, מוזן זיי זיך פילן העכער פאַר עמיצן און עמיצן פאַראַכטן, כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט פּסיכיש צו אָטעמען, כדי זיך צו קאָמפּענסירן. און זיי פאַר־אַכטן זייער אייגן פאָלק. ערשטנס דערפאַר, ווייל אַלע פאַראַכטן אים, און אויף אַזאַ אופן גנבענען זיי זיך אַריין, כאָטש פון דער דאָזיקער זייט, פון שוואַרצן אַריינגאַנג, צו יענע, וועלכע לאָזן זיי צו זיך נישט צו פון פראָנט אַריינגאַנג. זיי אידענטי־פיצירן זיך מיט זיי, מיט די פאַראַכטער פון זייער פאָלק. און צווייטנס דערפאַר, ווייל דורך דער דאָזיקער פאַראַכטונג זענען זיי זיך נוקם פאַר ליידן, וואָס זיי לעבן איבער צוליב דער עפּעמערער צוגעהעריקייט צום דאָזיקן פאָלק.

„יידן... יידן... יידן...“

דאָס דאָזיקע אייביקע וואָרט מאַכט אים, ארטורן (ווי מיר האָבן אויבן געזען), קראַנק. דאָס דאָזיקע וואָרט פאַרפאָלגט אים.

„ער פאַראַכטעט שוין דאָס דאָזיקע וואָרט גופא. און וואָס שייך די יידן, וועלכע קומען צו פאָרן פון רוסלאַנד“ — צו זיי שפּירט ער אַ שנאה, ער קאָן זיי נישט פאַרטראָגן. (איין געזעץ פאַרן קליינינקן ארטור און פאַרן גרויסן וואַסערמאַן).

אָבער דאָ פאַלט ארטור אַריין אין אַ קעסל־גרוב, וואָס

איז נישט ווייניקער טיפּיש, ווי זיין מינדערווערטיקייטס־קאָמ־פּלעקס. ער פאַלט אריין אינם קעסל־גרוב פון געירשנטן בלוט.

ארטור באַמערקט, אַז ווען ער זאָגט אַרויס דאָס וואָרט „רוסלאַנד", „טראַכט (ער) נישט ווילנדיק נאָר וועגן קישיניע־ווער פּאָגראָם... ער האָט זיך דאָס נישט געקאָנט דערקלערן... פּשוט, אומבאַגרייפלעך..."

אָבער ווי קומט דאָס? ער האָט דאָך פיינט די יידן, באַ־זונדערס די רוסישע? אָבער, ווי עס שיינט, איז „דער פּראָטעסט קעגן קישיניעוו געלעגן ביי ארטורן אין בלוט".

און ווען זיינע פריינט ווארפן אים פאָר, אַז אויף די באַ־ציאונגען צווישן אַמעריקע און רוסלאַנד קוקט ער, ארטור, פון יידישן שטאַנדפּונקט, הויבן זיך אָן דורכצושלאָגן אין אים זעלבשטענדיקע געדאַנקען, — אַ זאַך, וואָס טרעפט זייער זעלטן ביי די, וואָס ליידן פונם מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס.

„ווען עס וואָלט פאַרגעקומען, — טראַכט ארטור, — אַן אָנפאַל אויף שאָטלאַנד, דעם היימלאַנד פון זיין פריינט דאָוסאָן, צי וואָלט אויך ער, דאָוסאָן, אויפן נאַטירלעכסטן אופן נישט געוווען געקוקט אויפן דאָזיקן אָנפאַל נישט פונם אַמעריקאַנער שטאַנדפּונקט, פּונקט ווי ער, ארטור, קוקט אויף דער מיטאַר־בעט מיט רוסלאַנד?..."

אָבער אַן אונטערשיד איז דאָ צווישן אים, ארטורן, און דאָוסאָנען: „דאָוסאָן האָט באַוואוסטזיניק געלעבט אין הסכם מיט זיינע אינסטינקטן. ער האָט אפילו שטאָלצירט מיט זיי, בעת ארטור, דער ייד, האָט זיך געשעמט מיט זיינע אינסטינקטן און זיך באַצויגן צו זיי מיט פאַראַכטונג".

און אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין מאַכט ארטור אַ קאָפּער־ניקאַנישע איבערקערעניש. אַ גאַנץ לעבן האָט ער געוואָלט ענלעך זיין אויף זיין פריינט דאָוסאָן, און ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט נישט קיין אבות אין שאָטלאַנד, אבות, מיט וועלכע מען דאַרף זיך נישט שעמען, וועלכע מען דאַרף נישט פאַרלייקענען. אָבער איצט דערנענטערט ער זיך צו אַ פּשוטן,

נאַרמאַלן געדאַנק: ער קאָן ענלעך זיין אויף זיין פּריינט, אויב ער וועט זיך נאָר אויפהערן צו שעמען מיט זיינע אבות, אויב ער וועט נאָר אויפהערן אַוועקצולויפן פון זיין עבר.

ארטור באַמערקט, אַז דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגישער צושטאַנד פון אַלע זיינע אַסימילירטע פריינט נעמט זיך פון דעם, וואָס „זיי אַלע (זיינע אַסימילירטע פריינט — י. ר.) האַלטן אין איין אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט (ווי אַלע נוּיראָטיקער — י. ר.), וואָס דערדריקט זיי ווי אַן אומדערטרעגלעכע משא".

כדי געזונט צו ווערן, מוז מען עפענען די אויגן אויף דער ווירקלעכקייט, אָננעמען זי, פירן מיט איר אַ קאַמף — מיט איין וואָרט, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם נוּיראָטישן פּחד פאַר דער אייגענער יידישקייט.

אַזאַ געזונט־ווערן ליגט אויפן וועג צו דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון יידישן פאָלק.

* * *

ארטורס וועג צום יידנטום איז אַ לאַנגזאַמער, אַ דווערנ־דיקער. נישט אַזוי לייכט וואַקסן אוים איידעלע זוימען אויף אַ נישט־צעאַקערטן, צעטראָטענעם פעלד. אָבער דער זוימען פון נאַציאָנאַלער צוגעבונדנקייט, פאַרלוירן אינם אָפּגרונט פון בלוט, שפּראָצט דאָך אַרויס און וואַקסט, הגם ביי שרעקלעכע חבלי־לידה.

ווען יאַקאָב לעווים זיידע, מענדל דער מלמד, ווערט „קאַליע", דערנענטערט זיך צו די משכילים און גייט אַוועק אויף אַ שטעלע צו אַ משכיל, דעם הער ברעסלאַווער, — רעאַגירט אויף דעם זיין ווייב, די פרומע ברײַנע, מיט פּאָלגנדיקע ווערטער:

„כ'וואָלט שוין ליבער צעריסן מיין קלייד אַלס צייכן פון אבלות נאָך דיר, איידער דערלעבן צו דעם־אָ!"

זי האָט מורא, אַז דאָס דאָזיקע קליינע אָפּווייכן פון דער טראַדיציע וועט דערפירן, אין לעצטן סך־הכל, צום פולן אַוועקגיין פון יידנטום. און טיילווייז איז זי גערעכט — די

זין גייען אוועק נאָך ווייטער, און די אייניקלעך געפינען זיך שוין אויף דער צווייטער זייט פון דער באַריקאַדע. יעדנ־פאַלס איז דאָס זייער שטרעבן. אָבער דאָס איז נאָר אַ טיילווייזער אמת. ס'איז נישט אַזוי לייכט אוועקצוגיין פון יידנטום, אפילו ווען מען וויל דאָס. ערשטנס, שטויסט אונז די וועלט צוריק צום יידנטום; און צווייטנס, אונזער אין משך פון יאָר־טויזנטער דיסטילירט, מיט יידנטום אָנגעזעטיקט בלוט ציט צוריק צום יידנטום. דאָס פאַרשטייט אפילו דזשאַ גאָלדמאַנס מוטער, — וועלכע איז ווייט פון דער טראַדיציע און פון נאַ־ציאָנאַלע עמאָציעס, — ווען זי הערט די דיסקוסיע, צווישן איר זון דזשאָ און אַרטורן, וועגן יידנטום, וועגן דעם וואונטש פון זייערע שוועסטערס צו אַנטלויפן פון יידנטום.

„יידן, — זאָגט זי, פאַרלאָזנדיק זיך אויף דער לאַנגער היסטאָרישער דערפאַרונג, — זענען תמיד געווען יידן און אַזעלכע וועלן זיי תמיד בלייבן. אין דעם קאָנט איר שוין זיכער זיין״.

און אין דער דאַזיקער זיכערקייט איז דאַ אַ געוויסער אמת, — לכל הפחות אַ פּאַקטישער.

ווען האַזעל, אַרטורס שוועסטער, פאַרליבט זיך אין אַ קריסטלעכן בחור און זי וויל זיך שמדן, זאָגט דער פאָטער, אַז ער וועט זי ליבער זען אין קבר. און די מוטער איז מסכים מיט אים. דער דאָזיקער אויסברוך פון די עלטערן מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אומבאַוואוסטזיניקער רעפלעקטיווער רעאַק־ציע, פון עפּעס אַן אַטאַוויזם. זיי, די דאָזיקע עלטערן, האָבן דאָך מיט גאָרנישט נישט פאַרבונדן די קינדער מיטן יידנטום. אפילו זייער אייגענע פאַרבינדונג מיטן יידנטום איז געווען זייער אַ שוואַכע. אָבער פון די טיפסטע טיפענישן פון אייניקל האָבן זיך אָפּגערופן, ווי אַ ווידערקול, דער באַבעס שרעקלעכע ווערטער. מען האָט אָנגערירט דעם וואָרצל, און ער האָט זיך מיט אַלע כוחות אַ צי געטון צום היימישן באָדן: אויסגעריסן ווערן אינגאַנצן וויל ער נישט.

דאס מיידל איז לאגיש געדעכט, ווען עס זאגט:

„פארוואס נישט? העגרי האט מיך ליב, און איך האב אים ליב. איך פיל, אז מען דארף האבן א רעליגיע, יא. דא האט מען מיר קיין שום רעליגיע נישט געלערנט!" (אן אויס־טערלישע ענלעכקייט מיט יוסטינעס ווערטער פון אשם דראמע „די יורשים").

אויך ארטור איז לאגיש גערעכט, ווען ער פרעגט: „פאר־וואס?", און „הויבט אויף זיין שטימע כמעט ביז שרייען".

„זיינע ווערטער, — קאמענטירט לואיסאן טיף, מעכטיק און סוגערירנדיק, — זענען געפאלן, ווי שטיינער אין דער טיפער שטילקייט. נישט קיין אפקלאנג, נישט קיין ענטפער".

ווער האט אים דען געקאנט געבן אן ענטפער, אויב דער פאטער האט גערעדט נישט מיט דער שטימע פון אייגענעם באוואוסטזיין, נאר מיט דער שטים פון די אבות, מיט דער שטים פון בלוט.

און ארטור פארשטייט נישט צוערשט: „ארטורס בליק איז ארומגעלאפן פון דער מוטער צום פאטער. עפעס פרעמדס, אימהדיקס, אייביקס און ווייט־ווייטס האט ווי אראפגענידערט אויף זיי ביידע". אבער דערנאך פארשטייט ער דאס, ער הויבט דאס אן צו פארשטיין:

„דער אור־היסטארישער אינסטינקט האט אין יענעם אוונט אויפגעבליצט אין זיין פאטער, און ארטור האט פלוצלונג דערשפירט, אז אזא אינסטינקט האט אין זיך עפעס שיינס, עפעס אזוינס, וואס פארדינט יראת הכבוד".

* * *

ארטור הויבט אן צו פארשטיין, אז אים און זיין יונגן אסימילירטן דור פעלט יענץ לעצט שטיקל היימיש באדן, וואס באשטייט אין דער ירושה פון לעבעדיקע אינסטינקטן, וואס ווירקן נאך און שענקען דאס געפיל פון א געוויסער המשכדי־קייט. ער הויבט אן צו באאבאכטן זיין קריסטלעכע פרוי און ער זעט, אז הגם זי איז שוין „נישט געווען קיין מעטאדיסטין,

און אירע לעצטע אבות זענען בשעתו ארויסגעטראָטן פון דער דאָזיקער סעקטע, דאָך האָבן נאָך אירע וואָרצלען געזויגן לעבנס־זאַפטן פון דאָזיקן גלויבן, הגם עפּעס וואָס אין איר האָט זיך געבונטעוועט קעגן דאָזיקן גלויבן..."

„אין איר דאָזיקער עמפּערונג איז געווען עפּעס הערױאי־שעס, ווייל דאָס, מיט וואָס זי האָט זיך געראַנגלט, איז געווען דער גלויבן פון איר פאָטער און די ירושה פון איר בלוט... די יידן אָבער פון זיין דור האָבן מער נישט געהאַט קעגן וואָס זיי וואָלטן געוועזן געקאָנט רעוואָלטירן..."

ארטור הויבט אָן צו שפּירן אַן אבסאָלוטע גייסטיקע היימלאָזיקייט, אַ גייסטיקע עקרדיקייט, ווייל יעדער שעפערישער אויסדרוק דאַרף דורכגיין דורך דעם מעדיום פון דער נאַציאָ־נאַלער קולטור, אויב אפילו בלויז אין דער פאָרם פון קאַמף קעגן איר.

ארטור טרעט צו צו ליקווידירן אַלע זיינע שוואַכע פּונקטן. ער קעמפט קעגן זיין מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס, ער קעמפט קעגן זיין היימלאָזיקייט אפילו אין געביט פון די אינ־סטינקטן און ער קעמפט פאַר אַ מעדיום פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור, כדי נישט צו בלייבן גייסטיק פּרוכטלאָז...

ווען ער זעט די ספּעציפישע יידישע ליידן פון די יידישע משוגעים אין משוגעים־הויז (זיי ליידן אפילו פון די קריסט־לעכע קראַנקע, — אויף צו פייניקן יידן זענען אפילו די משוגעים געגנוג נאָרמאַל, פּונקט ווי די נאָרמאַלע זענען דערויף גענוג משוגע), וואוהין ער קומט אָן אַלס דאָקטאָר, — ווייל ער נישט ענלעך זיין אויף יענעם יידן, וועלכער האָט זיך נישט אָנגענומען פאַרן אַלטן, געשלאָגענעם יידן, כדי נישט צו־צוציען די אויפמערקזאַמקייט צו זיין אייגענער יידישקייט. אויב די לאַגע פון די יידישע קראַנקע איז ערגער פאַר דער לאַגע פון די איבעריקע, דאַרף ער זיי נעמען אונטער זיין שוץ, הגם ער וועט דערמיט צוציען צו זיין קראַנקן אָרט פיינטלעכע בליקן.

און ווען ער זעט, אַז זיין קאַמף איז פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל, בלייבט ער נישט שטיין אויף אַ האַלבן וועג: ער גייט אַוועק אין אַ יידישן שפּיטאָל.

דאָרט פילט ער זיך פרייער, נאַטירלעכער, באַפרייט פון דער פסיכישער שפּאַנונג צוליב די יידיש־קריסטלעכע קעגנזייטיקע באַציאונגען. און ביי דער אַרבעט אין דאָזיקן שפּיטאָל הויבט ער ערשט אָן צו פאַרשטיין ווי געהעריק, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען מען קאָן באַפרייען די יידן פון דער דאָזיקער מויטנדיקער (מאָראַליש און פסיכיש) שפּאַנונג נישט נאָר אויפן אינזל־געביט פונם שפּיטאָל.

פאַראַן אין לואיסאָנס ראָמאַן אַ קליינינקער פּרט, וואָס גיט אַ מעגלעכקייט צו וואַרפן אַ טיפן בליק אין די טיפענישן פון מענטשנס פסיכישן לעבן.

ביי דער צערעמאָניע פון מל זיין זיין זון, פילט ער זיך באַפרידיקט. ער פילט אין זיך מיט פרייד די ווידערגעבורט פון יידישן אַטאַוויזם. ווען אַרטור וואָלט געווען זיין אַ פסיכיש פולגעוויכטיקער ייד, וואָלט ער אָדער געקאָנט דורכפירן איבער זיין זון די מצווה פון מילה אָדער קעמפן קעגן איר, אָבער איצט, אין זיין אָפּגעפרעמדטן צוריקקער, איז די דערפילונג פון דער דאָזיקער מצווה פאַר אים גלייכבאַדייטנדיק מיטן באַקומען יידישע ערן־בירגערשאַפט. זיין פרוי קאָן קעמפן קעגן איר מעטאָדיסטישער ירושה; ער, אַרטור, מוז נאָך דערווערבן דאָס, קעגן וואָס מען קאָן קעמפן, — דאָס, וואָס מען קאָן מאָדעלירן, וויל מען באַזיצט עס אינערלעך.

און אַרטור דעראָבערט די דאָזיקע אינערלעכע ירושה. פון איין זייט שטויסט אים דערצו דער לאָגישער געדאַנק, אַז אויב מען מוז שוין סיי־ווי זיין אַ ייד (צוליבן ווילן פון דער אַרומיקער סביבה, וואָס אָנערקענט נישט אונזער אַוועקגיין פון יידנטום), טאָ פאַרוואָס נישט אַלס ייד, וואָס איז גייסטיק רייך? פאַרוואָס נישט נעמען פון יידנטום און פון זיין טראַדיציע דאָס בעסטע? פאַרוואָס נישט שעפּן „פון דער דיכטונג

פון דער ראסע און פון דער געשיכטע פון די אבות?״ און פון דער צווייטער זייט דערגרייכט אים די בשורה פון דער געשיכטע פון זיינע אבות, ער הערט אויף צו זיין „אַן ארומשלעפּער, וואָס געדענקט נישט זיין אָפּשטאַם״ (לויטן אויסדרוק פון רוסישן דיכטער־פילאָזאָף איוואַנאָוו). אַרטור שפּירט מיט זיין גאַנצן וועזן, אַז ער וואָרצלט זיך איין אין דער פאָלקס־סובּ־סטאַנץ, אַז ער הערט אויף צו זיין גייסטיק היימלאָז, גייסטיק נאַקעט.

„עס האַנדלט זיך וועגן דעם, — רעזומירט פאַר זיך אַר־טור, — אַז מען דאַרף אָפּהיטן פאַרן זון די ירושה... מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז זיין זון זאָל וועלן נישט איז האָבן דאָס געפיל, אַז עמיצער שליסט אים אוים פון עפּעס...״

ווען יאַקאָב לעווי דערוויסט זיך וועגן דער איבערקערעניש אין זיין זונס אינערלעכן לעבן, זאָגט ער צו אים:

„מיין דור האָט זיך באמת אָראָפּצוטראָגן דאָס הויז פון ישראל. אפשר וועט איר עס ווידער אויפשטעלן״.

* * *

די ראָם פון לואיסאַנס ראָמאַן, וואָס מיר האָבן אים טייל־ווייז אויסגעפּאָרשט פון זיין אידעאָלאָגישער זייט, איז אביסל א מיסטישע. ברײנע, אַרטורס באָבע, וואַרפט אוועק אירע קינדער (שווער צו גלויבן אויף א יידישער מאַמע פון יענער צייט) און פאָרט אוועק קיין פּאַלעסטינע. זי פילט פאָראויס, נאָכן מאַנס און זונס אוועקגיין צום משכיל אַלס אָנגעשטעלטע, אַז די יידישקייט פון איר פאַמיליע גייט באַרג אַראָפּ, און זי פאָרט אוועק אינם הייליקן לאַנד, כדי דאָרט צו לאָזן א רעטנ־דיקן וואָרצל. נישט אומזיסט שווימט אַרוים אין די פאַטעטישע שטעלן פון ראָמאַן ברײנעס געזיכט, — די קינדער און די אייניקלעך ווערן אמאָל ענלעך אויף איר. ווען די טאָכטער פון יאַקאָב לעווי וויל זיך שמדן, וואַכן אין פאָטער אַטאַוויס־טיש אויף צום לעבן די ווערטער פון זיין באָבע ברײנע וועגן

דעם, אַז בעסער זען דעם געליבטן מענטשן אַ טויטן איידער אַן אוועקגעגאַנגענעם אין שמד (פאַר בריינען איז שמד געווען דאָס אָננעמען אַ שטעלע ביי אַן אפּיקורס, פאַר יאַקאָבן — דאָס אָננעמען דעם קאַטוילישן גלויבן). דער העלד פון ראָמאַן, אַרטור, געפינט היסטאָרישע דאָקומענטן פון אַ געהיימנישפולן משפּחה־קעסטעלע, וועגן וועלכן די באָבע בריינע פלעגט דער־ציילן אירע קינדער, ווען זיי זענען נאָך געווען קליין, און די דאָזיקע געשיכטע פונעם קרייץ־צוג שווייסט צונויף דעם פאַר־בלאָנדזשעטן זון מיט זיין פאָלק דורך דעם פלאַם פון עמפּע־רונג און יראת הכבוד.

מען וואָלט זיך גאַנץ גוט געווען געקאָנט באַגיין אָן דער דאָזיקער מיסטישער ראַם, וואָס גיט זייער ווייניק צו דעם בילד. אָבער דער עיקר איז דאָס, וואָס די דאָזיקע איבעריקע ראַם ראַמט אַרום אַ בולט בילד פון דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון אַסימילאַציע און פון נאַציאָנאַלן געזונט ווערן.

די זעלבע סימפּטאָמען פון דער זעלבער קראַנקהייט

(מ. אָ. גערשענזאָן)

די אַקסיאָמע, אַז יידן קאָנען זיך נישט אַסימילירן, זענען אַ סך געניגט אָנצונעמען אַלס נישט-ריכטיקע. ווען עס זענען נישטאָ קיין שטערונגען פון אויסן, פאַרזיכערן די סקעפּטיקער, אַסימילירן זיך די יידן אויסגעצייכנט.

אויף אַ ריי ביישפּילן פון צווישן די דייטש-יידישע און אַמעריקאַניש-יידישע שרייבער — פון בערטאָלד אויערבאַכן און היינען, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון געטאָ, ביז לודוויג לואיסאָנען און ערנסט טאָלערן, וועלכע זענען שוין אויסגע-וואַקסן מחוצן געטאָ, — האָב איך זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז אפילו די פולסטע אַסימילאַציע איז עפּעמער, אַ פאַלשער שיין: זי ווערט קיינמאָל נישט קיין נאַטירלעכער צושטאַנד, וואָס גויטיקט זיך נישט אין אַ היפּער-אָנשטרענגונג און וואָס גויטיקט זיך נישט אין „זיין תמיד אויף דער וואך".

די דאָזיקע באַווייזן קאָן מען געפינען אויך צווישן דער ענגליש-יידישער און צווישן דער פראַנצויזיש-יידישער עליטע און אַזוי ווייטער, — מען דאַרף זיך נאָר נישט לאָזן אָפּנאַרן דורכן אויבערפלעכלעכן איינדרוק, אַז „אויף דער שיפּקע איז אַלץ רואיק" און צוקוקן זיך אויפמערקזאַמער, אַריינקוקן טי-פער. פאַרוואָס, למשל, האָבן אַזויפיל פראַנצויזן, נישט-יידן, אונטערגעשריבן ציוניסטישע אויפרופן און אַנרי בערגסאָן, וועלכער האָט זיך באַטראַכט, פונקט ווי די אויבנדערמאָנטע פראַנצויזן, אַלס פריינט פון ציוניזם, האָט זיך אָפּגעזאָגט אונ-

טערצושרייבן דעם ציוניסטישן אויפרוף, דערקלערנדיק זיין אָפּזאָג מיט דעם, אַז אַזאַ האַנדלונג פון זיין זייט קאָן אַרויסרופן ספקות אין זיין פראַנצויזישקייט? פאַרוואָס האָבן נישט קיין מורא פאַר ספקות פראַנצויזן נישט־יידן? דערפאַר, ווייל זיי דאַרפן נישט שטיין אויף דער וואך פון זייער נאַטירלעכער פראַנצויזישקייט.

אָבער דאָס באַווייזט דאָך, אַז די בערגסאָנס גופא באַטראַכטן זייער עכטע פראַנצויזישקייט פאַר נישט עכט.

און צי דען האָט לאָרד ביקאָנספילד (דיזראַעלי) נישט געטרוימט וועגן אַ יידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע? ער, דער נצחונדיקער בויער פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, האָט נאָך געהאַט, ווייזט זיך אַרויס, אויך אַנדערע עמאָציאָנעלע זאָרגן: שרייבן יידישע ראָמאַנען מיט אַ משיחישער טענדענץ און טרוימען וועגן אַ יידישער מלוכה.

מיט איין וואָרט, וואוהין מען זאָל נישט וואַרפן אַ בליק אביסל טיפער, וועלן מיר אומעטום געפינען אין דער אַסימילירטער פּליסיקייט דעם נישט צעגאַנגענעם יידישן אָפּזאַץ, וואָס מאַכט מוטנע די דאָזיקע, אין פלוג, ריינע פּליסיקייט ביי יעדער אויפשאָקלונג.

לאָמיר נעמען, למשל, אַזאַ אַסימילירטן פאַרשטייער פון רוסישן יידנטום, ווי מ. אָ. גערשענזאָן. מיר וועלן אויך דאָ באַמערקן די אינטערעסאַנט אַרויסטרעטנדיקע סימפּטאָמען פון דער זעלבער קראַנקהייט. געוויס, די דאָזיקע סימפּטאָמען זענען אינדיווידואַליזירט אין הסכם מיט גערשענזאָנס פּערזענלעכקייט און מיט זיין צייט, און וועלכער די דאָזיקע קראַנקהייט איז אויסגעבראָכן אויף דער אויבערפלאַך, — אָבער די קראַנקהייט איז אָן שום ספק איינע און די זעלבע.

* * *

מ. אָ. גערשענזאָן איז אַ שטערן פון דער ערשטער קאַטעגאָריע אויפן הימל פון דער רוסישער קולטור פון אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַלס היסטאָריקער פון דער רוסישער

קולטור און ליטעראַטור, אַלס פּושקין־קענער פאַרנעמט ער אַ חשובן אָרט צווישן די גאָר אָנגעזעענע. זיין בוך „די גריבאָ־יעדאָוושע מאָסקווע", ווי אויך זיינע איבעריקע ביכער, זענען פּרעכטיקע ווערק נישט נאָר פון אַ דאָקטאָר פון פיר פאַקול־טעטן, נאָר אויך פון אַן אויסערגעוויינלעכן שרייבער.

הגם געבוירן אין אַ רעליגיעזער יידישער פאַמיליע, האָט דער דערוואַקסענער גערשענזאָן קיין שום מגע ומשא נישט מיטן יידנטום. ער איז אפילו אַ סלאַוואָפיל. אָבער אָט קומט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די גאַנצע געביידע פון דער רוסישער קולטור פאַלט איין. יענע שעפער אירע, וועלכע זענען קוים לעבעדיק אַרויסגעקראָכן פון אונטער אירע חורבות, האָבן געפונען אַ מקום־מקלט אין אַן „אָפּרו־הויז", — יעדער איינער דערשלאָגן אין זיין אייגענעם ווינקל.

און דאָ, אין יעדן ווינקל, ווערן ווייטער געשאַפן קולטור־ווערטן. וו. אי. איוואַנאָוו זעצט איבער דאַנטעס טערצינען, די אַנדערע אָטעמען אויך גייסטיק מיט די רעשטלעך לונגען. דאָ ליגן שעפער, און כל־זמן זיי אָטעמען, וועלן זיי נישט אויפהערן שאַפן. כמעט אומווילנדיק — ווי די בינען, ווי זייד־ווערים. אָט אַזאַ אומווילנדיק ווערק איז אויך „די קאָרעספּאָנ־דענץ פון צוויי ווינקלען" צווישן מ. אָ. גערשענזאָנען און דעם רוסישן דיכטער און פילאָזאָף וו. אי. איוואַנאָוון.

אוועקגייענדיק אין שטאָט אריין, האָט איוואַנאָוו איבער־געלאָזן פאַרן אָפּוועזנדיקן גערשענזאָן אַ בריוו. גערשענזאָן האָט געענטפערט מיט אַ בריוו, הגם איוואַנאָוו האָט זיך גע־פונען אין צימער, ליגנדיק אין זיין ווינקל. און אָט שרייבן זיך איבערביידע פריינט, ביידע וואָרט־מייסטערס, און שאַפן אַ קליין ביכעלע פון גרויסער וויכטיקייט. אָבער נישט וועגן דער אַלגעמיינער וויכטיקייט פון דאָזיקן ביכעלע וויל איך רעדן, — איך געפין אין דאָזיקן ביכעלע באַווייזן פון גרויסער וויכ־טיקייט און בולטקייט פאַר מיין ליטעראַרישן פּראָצעס קעגן דער באַנקראָטירטער אַסימילאַציע.

* * *

מ. אָ. גערשענזאָן איז מיד, טויט־מיד פון קולטור, וועלכע ער פילט אַלס אינערלעך און אויסערלעך אומדערטרעגלעכע לאַסט, אַלס קופּע שמאַטעס אויפן לעבעדיקן לייב, וואָס שמאַכט נאָך פרייהייט און אור־נאַקעטקייט.

וו. אי. איוואַנאָוו פאַרטיידיקט די קולטור; ער טרעט אַרויס קעגן גערשענזאָנס איינשלעפערנדיקער, סירענישער שטימע, ווייל גערשענזאָן איז באמת אומפאַרגלייכלעך אין אייניקע בריוו — אַזוי הויך איז דער אויפפלי פון זיין געדאַנק, אַזוי שיין איז דער אויסדרוק, וואָס ער גיט זיי.

אָבער פּלוצלונג ווערט אונזער אויפמערקזאַמקייט אָפּגע־צויגן פון דער אַלגעמיינער, גאַנץ־צוציענדיקער טעמע, — מיר הויבן אָן אויפצוכאַפּן געוויסע טענער, וואָס זענען גוט באַקאַנט נאָר אונז, יידן. די אַלגעמיין־פילאָזאָפישע טעמע ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַ יידישער פּראָבלעם.

וו. אי. איוואַנאָוו שרייבט פון זיין רוסישן ווינקל דעם יידן גערשענזאָן:

„...די קולטור, אין איר עכטן זין, איז פאַר מיר לגמרי נישט... קיין טאָל מיט חורבות, אָדער אַ פעלד, וואָס איז באַזייט מיט ביינער. ס'איז דאָ אין איר עפּעס באמת הייליקס: זי איז אַ זכרון נישט נאָר וועגן דעם ערדישן און אויסערלעכן אויסזען פון די אבות, נאָר אויך וועגן די דורך זיי דערגרייכטע הייליקע ווערטן. דער לעבעדיקער אייביקער זכרון, וואָס שטאַרבט נישט אָפּ אין יענע, וועלכע ווערן איינס מיט די דאָזיקע הייליקע ווערטן. און אין אַ צווייטן בריוו ווערט דער דאָזיקער געדאַנק איבער־געחזרט מיט מער אַגרעסיוויקייט און אין אַ קלאָרערער פאָרם: „...די, וועלכע געדענקען נישט זייער אָפּשטאַם זענען אַנט־לאָפענע קנעכט, אָבער נישט קיין פריי־געבוירענע. קולטור—דאָס איז דער קולט פון די אבות, און, פאַרשטייט זיך (זי באַגרייפט דאָס טונקל אפילו איצט)—דער תחית המתים פון די אבות".

י. ראַפּאָפּאָרט

איוואַנאָוו איז נישט אַזוי פֿלינק און גלענצנדיק ביים אויסדריקן זיינע געדאַנקען, ווי גערשענזאָן, — עפּעס אַ מאָדנע שווערקייט ליגט אינם סטיל פֿון דאָזיקן אָנגעזעענעם דיכטער און דענקער, — די שווערקייט פֿון דער ערד, אין וועלכער ער איז טיף פֿאַרוואָקסן. אָבער מיט זיין טיפֿן פּאָעטישן חוש האָט ער דערשפּירט דעם אמתן מאָטיוו פֿון גערשענזאָנס אַלגע־מיין־פֿילאָזאָפֿישער אַרגומענטאַציע, — ער האָט דאָס דערפֿילט אין זיין פּאָלעמישער גערייצטקייט און זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דער דאָזיקער אַכילעס־פּיענטע פֿונם מעכטיקן, אומפֿאַרוואונד־באַרן — אין לאָגישן געפֿעכט — קעגנער. און דער קלאַפּ האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר זייער שפּירבאַר, — ער האָט טרעפֿלעך געטראָפֿן אין שוואַכן און אָנגעווייטיקטן אָרט. און דער פֿאַר־וואונדעטער גערשענזאָן האָט אַ קרעכץ געטון, — אַ קרעכץ גע־טון מעלאָדיש, ווי דאָס פּאַסט פֿאַר אַ פֿאַרוואונדעטער סירענע.

„איך לעב מיט אַ מאָדנעם, צווייאיקן לעבן, — ענטפֿערט גערשענזאָן. — פֿון קינדהייט אָן פֿאַרבונדן מיט דער אייראָ־פּעאישער קולטור, האָב איך טיף אַריינגעזויגן אין זיך איר גייסט און כ'האָב זי נישט נאָר פֿולשטענדיק פֿאַראייגנט, נאָר איך האָב אויפֿריכטיק ליב אַ סך זאַכן אין איר... אַזאַ איז מיין טאָגיק לעבן. אָבער אין דער טיף פֿון מיין באַוואוסטזיין לעב איך אַנדערש. שוין אַ סך יאָרן ווי ס'קלינגט צו מיר פֿון דאָרטן צודרינגלעך און אומאויפֿהערלעך אַ געהיימע שטימע: נישט דאָס, נישט דאָס! עפּעס אַ צווייטער ווילן אין מיר קערט זיך אָפּ מיט טרויער פֿון דער קולטור, פֿון אַלץ, וואָס עס ווערט געטון, און פֿון אַלץ, וואָס עס ווערט גערעדט אַרום. אים איז אומעטיק און דאָס אַלץ איז אים אומנויטיק, ווי דער קאַמף פֿון געשפּענסטער, וואָס טומלען זיך אַרום אין פּוסט־קייט; ער ווייסט וועגן אַן אַנדער וועלט, ער זעט פֿאַראויס אַן אַנדער לעבן, — אַזעלכע, וואָס זענען נאָך אויף דער ערד נישטאָ, אָבער וועלכע וועלן קומען..., און די דאָזיקע שטימע, פֿיל איך, איז די שטימע פֿון מיין עכטן „איך". איך לעב„

ווי א פרעמדער, וועלכער האָט זיך צו־געוואוינט צום פרעמדן לאַנד, וועלכן די איינגעבוירענע האָבן ליב און ער האָט זיי ליב; איך מי מיך מיט פליים פאַר זייער וואויל, איך וויטיק מיט זייער וויטיק און פריי מיך מיט זייער פרייד, אָבער איך וויים, אז איך בין א פרעמדער, איך בענק אין געהיים נאָך די פעלדער פון מיין היימלאַנד, נאָך זיין אַנדערשדיקן פרילינג, נאָך דעם ריח פון זיינע בלומען און נאָכן רעדנס־אופן פון זיינע פרויען. וואו איז מיין היימלאַנד? איך וועל עס נישט זען, כ׳וועל שטאַרבן אין דער פרעמד! מינוטנווייז בענק איך נאָך אים אַזוי לײדנשאַפטלעך!״

מען קאָן דאָס, נאַטירלעך, דערקלערן אַלס מעטאַפאָר: דאָס דאָזיקע היימלאַנד, דאָס עכטע, קאָן זיין א סימבאָל פון א לעבן, וואָס איז אָן קולטור, וואָס איז נאַקעט־פריי פון דער קולטור־לאַסט. און טיילווייז איז דאָס טאַקע אַזוי. דאָס אונטער־באַוואוסטזיין אָבער רעדט מיט סימבאָלן, און סימבאָלן זענען פילזייטיק, פילפּנימדיק: הינטער דער סימבאָלישער מעטאַפאָר ליגט אויך א סימבאָלישער דירעקטער זין: גערשענזאָן האָט זיך דערפילט פרעמד אין דער רוסישער קולטור, ער האָט אָנ־געהויבן צו שפּירן עפּעס פאַרשאָטענעס, אייגנס, היימישס, אַטאַוויסטיש־אומבאַקאַנטעס, און זיין באַוואוסטזיין דערקלערט זיך דאָס מיטן ווילן אַראָפּצוואוואַרפן דעם יאָך פון קולטור בכלל. אָבער אין דער דאָזיקער מעטאַפאָר — פאַרן באַוואוסט־זיין — איז אַנטהאַלטן דער דירעקטער זין פונם אונטערבאַ־וואוסטזיין: די בענקשאַפט נאָך עפּעס היימישס, נאָך דעם תחית המתים פון די אבות.

און ווייטער ווערט דאָס נאָך קלאָרער:

„איר, פריינט מיינער, — שרייבט ווייטער גערשענזאָן, — זענט אין אייער אייגענעם לאַנד; אייער האַרץ געפינט זיך טאַקע דאָרט, וואו אייער הויז, אייער הימל איז איבער דער דאָזיקער ערד. אייער גייסט איז נישט צעזווייט, און די דאָזיקע גאַנצקייט פאַרצויבערט מיך...״

ווידער אַ מעטאַפאָר? אי יאָ, אי ניין, ווי אויבן. (אָבער מיט ווייניקער וואַרשיינלעכקייט, ווייל די מעטאַפאָר אפילו איז שוין צו אַלעגאָריש־דעטאַליזירט פאַר אַזאַ שרייבער, ווי גער־שענזאָן). גערשענזאָן, וועמען איוואַנאָוו דערמאָנט, אַז ער גע־דענקט נישט זיין אָפּשטאַם, איז פול מיט קנאה צו איוואַנאָווס גאַנצקייט אפילו אין שטורעם, ווייל יענער געדענקט זיין אָפּ־שטאַם, ווייל יענער ווערט נישט דערדריקט דורך דער קולטור אפילו אין אירע אומזיניקע מאָמענטן, — זי ליגט דאָך אויף אים נישט פון דרויסן, נאָר ער טראָגט זי אין זיך, ווי עפּעס אייגנס, ווי עפּעס כמעט ביאָלאָגישעס.

אַז דאָס איז אַזוי, באַווייזן נישט נאָר די אויבן ציטירטע שטעלן פון דער „קאָרעספּאָנדענץ פון צוויי ווינקלען". אויב דאָס דאָזיקע אַנדערע לאַנד — דאָס אמתע היימלאַנד — איז בלויז אַ מעטאַפאָר, טאָ פאַרוואָס עפּעס גיט גערשענזאָן פלוצ־לונג אַרויס אַ פילאָזאָפישע פּאָעמע וועגן „גורל פון יידישן פאָלק", וואו ער אָפּעטאָזירט די גלות־געשיכטע פון יידנטום, וואו עס מערקט זיך, נישט געקוקט אויפן פאַלשן צוגאַנג צו דער טעמע, אַזאַ גרויסע ליבע צו דער יידישער געשיכטע, צום יידישן פאָלק? פאַרוואָס גיט ער פלוצלונג אַרויס אַ ביכעלע אונטערן נאָמען „דער קוואַל פון גלויבן" (אָדער „דער שליסל פון גלויבן?") וועגן דער יידישער רעליגיע?

פאַרוואָס? ווייל דאָס דאָזיקע היימלאַנד, נאָך וועלכן ער בענקט, איז נישט עפּעס אַן אַבסטראַקציע, נאָר יענע פאָלקס־נאָענטקייט, פון וועלכער ער איז אין דער קינדהייט אָפּגעריסן געוואָרן, און וועלכע האָט זיך פלוצלונג אָפּגערופן אין אים, ווי אַ פאַרצויגענע אַלטע וואונד, בעת דער רעוואָלוציאָנערער זאַווערוכע.

* * *

מערקווירדיק, ווי ענלעך עס זענען צווישן זיך די סימפּ־טאָמען, וואָס די קראַנקהייט פון אָפּשטאַמלאָזיקייט רופט אַרויס

ביי פאַרשידענע מענטשן, ביי פאַרשידענע באַדינגונגען, אין פאַרשידענע וועלט־טיילן.

אין דער צווייטער טייל פון זיין אויטאָביאָגראַפיע "Mid-Channel", באַשרייבט לודוויג לואיסאָן זיין אינערלעכן צושטאַנד, ווען ער האָט זיך גענומען שפּירן אַלס פרעמדער אין דער אַמעריקאַנער קולטור, צו וועלכער ער איז געוואוינט געוואָרן פון קינדוויז אויף, ווי גערשענזאָן צו דער רוסישער, וועלכע ער האָט ליב געהאַט און אין וועלכער ער האָט געשפּילט נישט קיין ווייניקער אַנגעזעענע ראָל, ווי גערשענזאָן אין דער רוסישער.

ער האָט אָנגעהויבן שפּירן די פּוסטקייט פון דער דאָזיקער קולטור, וואָס האָט אים אויפגעהערט צו באַפרידיקן. און ער פלעגט זיך וואונדערן, ווי אַזוי זיינע קאָלעגן פון ראַדיקאַלן זשורנאַל „ניישן" קאָנען זיך שפּירן גוט.

„איך האָב געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג, — שרייבט לואי־סאָן, — צו פרעגן ביי מיינע פריינט: ווי אַזוי לעבט איר פון אינעווייניק אויף אויסן? (How do you live within outward?) וואָסער העכסטע באַפרידיקונג גיט אייך אייער אינערלעכע גלייכ־געוויכט, אייער קראַפט, אייער מוט פּנים אל פּנים מיטן בולט־פּוסטן קאָסמאָס, פּנים אל פּנים מיטן עלטער, מיטן טויט?..."

„מיינע קאָלעגן פון „ניישן" וואָלטן נישט געוועזן באַ־טראַכט מיין פראַגע פאַר אַן אומזין. זיי וואָלטן מיר געוועזן גע־געבן ענטפערס, וואָס וואָלטן געווען זיין נישט אומזיניק און נישט אויבערפלעכלעך. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז די דאָזיקע ענט־פערס וועלן מיר גאָרנישט אויפקלערן, ווייל מיינע פריינט האָבן געהאַט אי ליבע, אי קינדער, און זיי זענען אידענטיש מיטן אַמעריקאַנער פאָלק און זיין לעבנס־שטייגער נישט נאָר דורך דער לאַנדשאַפט און דער שפּראַך, נאָר אויך מיט זייערע עיקר־דיקע אינסטינקטן, נישט געקוקט אויף זייער ראַדיקאַליזם".

לואיסאָן האָט אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַז דער אונטער־שיד צווישן אים און זיינע קאָלעגן באַשטייט נישט אין דעם, וואָס די קריטיק פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע, וואָס האָט

באַפּרידיקט זיינע פריינט און קאָלעגן, האָט נישט באַפּרידיקט אים, לואיסאָנען. די דאָזיקע פּראָבלעם, שפּירט לואיסאָן, ליגט טיפער, אין זיין „איזאָלירטער פּאָזיציע". די טעטיקייט פון זיינע פריינט באַפּרידיקט זיי דערפאַר, ווייל זיי „האָבן אַן אינערלעכע באַציאונג צו די אָביעקטן פון זייער קריטיק און אָנגריפן. זיי פאַרשטייען די פּוריטאַנער און די בעביטן. זיי געפינען זיך אויף איין פּאָליוס, און די פּוריטאַנער און די בעביטן געפינען זיך אויפן צווייטן. אָבער יעדע פּאָר פּאָליוסן זענען אויף אייביק פאַראייניקט דורך דער סובסטאַנץ פון דער אידענטישער וועלט, וואָס שפּרייט זיך אויס צווישן זיי און וואָס זיי גופא זענען אירע אָרגאַנישע מיילן... מענקען און דער סענאַטאָר פון x, לואיס, און דזשאָרדזש בעביט לעבן אין דער זעלבער עטישער וועלט. צי פאַראייניקט זיי אין לעצטן סך־הכל די ראַסע און די אָפּשטאַמונג אָדער די מער אָדער ווייניקער ענלעכע היסטאָרישע דערפאַרונג פון זייערע אבות?"

„ווי עס זאָל נישט האָבן אויסגעזען די דערקלערונג, — דער צענטראַלער פאַקטאָר פון מיין אַבסאָלוטער איזאָלאַציע (פון אויסן־שטיין — outsideness) פון דער דאָזיקער וועלט איז פאַרבליבן".

איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און געבראַכט די דאָזיקע לאַנגע ציטאַט, וועלכע דעקט אָפּ דעם וואָרצל פון דער קראַנקהייט, אויף וועלכער עס ליידן די פאַרשידענע גער־שענזאָנס. וו. אי. איוואַנאָוו מיט זיין מיסטישער פילאָזאָפיע און מיט זיינע מיסטישע פערזן האָט פונדעסטוועגן געהאַט מיט די באָלשעוויקעס עפּעס געמיינזאַמס, — זאָל זיין אַז אַ ווייטע געמיינזאַמקייט, אָבער דאָך די געמיינזאַמקייט פון זייער פאָלק און פון זייער פאָלקס געשיכטע, די געמיינזאַמקייט פון דער פאָלקס־קולטור און פון דער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, בעת גער־שענזאָן האָט פאַרלוירן די אויסערלעכע פאַרבינדונג מיט דער רוסישער קולטור, וועלכע דער אים, גערשענזאָנען, פרעמדער באָלשעוויזם האָט אויפגעטרייסלט ביזן פונדאַמענט.

אַלץ, וואָס וואַקסט, האָט וואָרצלען; אַלץ, וואָס ווערט געבויט — גרויטיקט זיך אין אַ פונדאַמענט. איוואַנאָוו פאַרמאָגט וואָרצלען. גערשענזאָנס פונדאַמענט איז איינגעפאַלן.

און גערשענזאָן האָט, וואַרשיינלעך, מיט שטויגונג (און קנאה?) געזען, ווי אַזוי איוואַנאָוו זעצט איבער אין זיין ווינקל דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע". ער איז מיט זיין נשמה ווייט פון דעם אַלעם. אים ציט צו זיך עפּעס ווייט־היימיש. אויב גערשענזאָן האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט נישט איבערגעריסן קיין איין פאָדים, וואָס פאַרבינדט אים מיטן יידנטום, איז דאָס נאָר געווען אַ שיין וואָרט: ער האָט נישט איבערגעריסן קיין איין פאָדים, ווייל ער האָט זיך נישט געפילט געבונדן מיט קיין איינעם פון די דאָזיקע פעדים. אָבער מיטאַמאָל האָבן די דאָזיקע פעדים, — די אומזעבאַרע און די נישט־שפּירבאַרע, — געגעבן וועגן זיך אַן אומבאַשטימטע (ווי עס פּאַסט פאַר אומזעבאַרע פעדים) אָנצוהערעניש, אָבער דערפאַר אַ שפּירבאַרע, אַ ווייטיקדיק־שפּירבאַרע. און די גריבאָיעדאָווסקע מאָסקווע, און טשאַאַדאַיעוו, און פּושקין, און דאָס סלאַוואָפילנטום זענען געוואָרן אומנויטיקע, פון דער פרעמד אָנגעטראָגענע זאַמד־שיכטן, — זיי זענען געוואָרן אַן עפּעס, מיט וואָס דער מענטש לעבט נישט אין דער מינוט, ווען עס ווערט אַנטשידן זיין גורל; זיי זענען געוואָרן אַן עפּעס, וואָס טרייסט נישט אין דער מינוט פון גרעסטן נסיון. זייער אָרט האָבן פאַרנומען „דער גורל פון יידישן פאָלק", „דער קוואַל פון גלויבן". און דער דאָזיקער גייסטיקער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט געוואָלט אָראָפּוואַרפן פון זיך די ירושה פון דער קולטור, וועלכער האָט געטרוימט וועגן אויסבאָדן זיך אין דעם טייך לעטאַ און אַלץ, אַלץ פאַרגעסן, און אַרויסגיין אויפן ברעג אַ נאַקעטער, ווי דער אור־מענטש, — דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנער האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט גובר זיין אין זיך די בענקשאַפט נאָך דעם יידישן בית־עולם און ער האָט געבעטן, מען זאָל אים באַגראָבן אויפן יידישן בית־הקברות.

„דעם יידישן עלעמענט — זאָגט ער אינם „גורל פון יידישן פאָלק” — קאָן מען נישט פאַרניכטן... אַ ווינער פעליעטאָניסט — אַ ייד, אַ ייד אַן אַקטיאָר, אַ פּראָפעסאָר, — וואָס האָבן זיי געמיינזאַמעס מיטן יידנטום, בפרט אין דריטן אָדער פערטן געשמדטן דור? עס דאַכט זיך, אַז זיי זענען ביזן מאַרך פון די ביינער דורכגעדרונגען מיטן קאָסמאָפּאָליטישן גייסט אָדער, אין בעסטן פאַל, מיטן גייסט פון דער לאָקאַלער קולטור: זיי גלויבן אין דאָס זעלבע און ליבן דאָס זעלבע, וואָס אַנדערע. אָבער האָט נישט קיין מורא: זיי ליבן דאָס זעלביקע, אָבער — אַנדערש. זיי נעמען אויף פּראָקאַט פרעמדע גלויבנס, אידייען, געשמאַקן, ווייל מען מוז דאָך ווי נישט איז געבן אַ זין דעם לעבן. אפילו דורך אָפּנאַרן זיך אַליין מיט אַ כלומרשטן זין... זיי זענען נישט קיין אַפּעריסטן, אָ ניין. זיי ווערן באמת פאַרברענט פון אַ ליידנשאַפטלעכן פאַרלאַנג צו גלויבן אין די פרעמדע געטער מיט דער זעלבער איבערגעבנהייט, ווי די היימישע... און אַזוי לעבן טאַקע די יידן, וואָס זענען אָפּגעפאַלן פון יידנטום. זיי מאַטערן זיך ליב צו קריגן אַלץ, מיט וואָס עס לעבט די מאָדערנע קולטור־וועלט; זיי מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זיי ליבן עס שוין, ליבן עס אויף אַן אמת... אָבער דאָס זענען בלויז אַדאָפּטירטע קינדער, נישט קיין פליייש פון זייער גייסטיקן פליייש. עס איז פּוסט אין האַרצן און צו קלאָר אין קאָפּ. הינטער זייער טומלדיקער טעטיקייט אין דער פרעמדער סביבה, הינטער זייער זעלבסט־זיכערקייט און אָפּט זעלבסט־צופרידענער אויסערלעכקייט, באַהאַלט זיך אַ פאַרשטיקטע באַאומרואיקייט; זייער ברויזנדיקע ענערגיע קומט נישט פון גייסטיקער פולקייט, נאָר פון גייסטיקן הונגער; זיי ווערן געיאָגט פון דער פוריע — די מורא פאַר פּוסטקייט”.

דער דאָזיקער אַטאַוויזם, דער דאָזיקער דרוק מצד די פריערדיקע דורות האָט אים נישט געשראָקן, — פאַרקערט, ער האָט אים געטרייסט און לייכטער געמאַכט זיין לאַסט. דאָס האָט אים צוריקגעקערט — זאָל זיין, אַז בלויז סימבאָליש — אין דער הייליקער מוטער־טראַכט, — לויט פרוידן דער אויסגעבענקטסטער טרוים פון אַלע מענטשלעכע באַשעפענישן.

היינריך היינעס יידישע טראַגעדיע

אַז היינריך היינע איז געווען אַ ייד, איז אַלגעמיין באַקאַנט; אַז ער איז געווען אַ משומד, איז אויך פאַר קיינעם קיין סוד נישט; אָבער אַז היינריך היינע האָט געליטן פון אַ לעבנס־לענגלעכער יידישער טראַגעדיע, איז באַקאַנט וויייניקע.

עס איז באַקאַנט היינע דער ראָמאַנטיקער, דער זינגער פון ליבע; עס איז באַקאַנט היינע דער סאַטיריקער — די אויפבליצן פון זיין אומפאַרגעסלעכן שאַרפזין, וויץ און סאַרקאַזם באַלויכטן דאָך — ביז פאַרבלענדונג — די האָריזאָנטן פון זיין „האַרץ־רייזע", פון זיין „אַטטאַ טראָל" און פון זיין אומשטערבלעכער „דייטשלאַנד — אַ ווינטער־מעשהלע"; עס איז באַקאַנט היינע דער ליידנדיקער, אין וועמען דער מאַטראַצןקבר (ווי מען האָט גערופן דאָס בעט, וואו דער פאַראַליזירטער היינע איז געלעגן אַכט יאָר) האָט נישט געקאָנט דערשטיקן די קראַפט פון זיין גייסט און נישט געקאָנט פאַרטונקעלן דעם גלאַנץ פון זיין פּאָעטישן זשעני; אָבער וויייניק באַקאַנט איז היינע דער ייד, פאַר וועמען זיין יידישקייט איז געווען אַ קוואַל פון לאַנג־יאָריקע ליידן און אומצאָליקע מאָמענטן פון העכסטער אינספּיראַציע און נשמה־רייניקונג.

און אָט וועגן דאָזיקן, דעם ברייטן עולם אומבאַקאַנטן פּנים פונם פילפּנימדיקן באַזינגער אי פון באַרבאַראָסאַן, אי פון יהודה הלוי לוינט אַ שמועס צו טון.

* * *

שוין ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט היינען, איבעראַשט זיין גייסטיקע צעשפּאָלטנקייט, דער ריס אין זיין נשמה. היינע איז געווען דער לעצטער גרויסער ראָמאַנטיקער

אין קלאסישן לאנד פון ראמאנטיזם (אין דייטשלאנד), און גלייכצייטיק האט ער, ווי קיינער פאר אים, אויסגעלאכט די דאָזיקע ראמאנטישע באוועגונג, אויסגעגראבן פאר איר א קבר און זי געהאלפן באגראבן; היינע איז צייטנווייז נאאיוו־סענטימענטאל (אנדערש קאן מען נישט זיין קיין ראמאנטיקער אין דייטשן סטיל) און אפט ציניש; היינע איז געווען א פאָליטיש־אידייאישער קעמפער מיט דער פעדער און א כאראקטערלאזער מענטש, וואס איז גרייט אויף קאמפראמיסן; היינע האט געהנפעט וואוילטעטיקע גבירים און פלעגט אראפרייסן ביי זיי די מאסקעס מיט איבעררֵאשנדיקער אומברחמנותדיקייט; היינע פלעגט זיך באקלאגן אויף די קאמף־מעטאדן פון זיינע פיינט, אבער אליין איז ער אריבערגעטרעטן אלע גרענעצן פון דערלויבטער קריטיק אין זיינע גיפטיקע פאמפלעטן קעגן לודוויג בערנע און גראף פלאטען. און די זעלבע עיקרדיקע אייגנשאפט פון דאזיקן גרויסן, אבער נישט הארמאנישן טאלאנט געפינען מיר אויך סיי אין זיין פראקטישער, סיי אין זיין אידעאלאגישער באציאונג צום יידנטום: אדער ער פאלט אריין אין עקסטרעמער אידעאליזאציע, אדער אין עקסטרעמען ציניזם; ערשט נעכטן נאך האט ער געשליידערט דונערן און בליצן קעגן משומדים, און היינט געפינט ער זיך שוין אליין צווישן זיי...

און דאך, נישט געקוקט אויף דער דיסהארמאניע, וואס הערשט סיי אין היינעס לעבן, סיי אין זיין שאפן, איז פונדעסטוועגן אויפצוכאפן די עיקרדיקע מעלאדיע פון דאזיקן לעבן, — א מעלאדיע, וואס גיט אים צו ווערט און אומשטערבלעכקייט.

אויך אין היינעס באציאונג צום יידנטום און צו די יידישע פראבלעמען לאזט זיך אויפכאפן אן עיקרדיקע מעלאדיע, וואס גיט צו דער דאזיקער באציאונג פון גרויסן דיכטער צום יידנטום אינטערעס — און נישט נאר א היסטארישן — אויך פאר אונז.

* * *

הײנע איז אױפֿגעװאַקסן אין אַ האַלב־פּאַסיװ און האַלב־אַקטיװ אַסימילירטער משפּחה. זײנע עלטערן האָבן זיך נאָך לױט אינערציע געהאַלטן בײ דער אױסערלעכקײט פֿון דער ײדישער טראַדיציע; זײן מוטער פֿלעגט נאָך שרײבן בריװ אין דײטש מיט ײדישע אותיות; אין דער הײם האָט מען נאָך גערעדט ײדיש; דער קלײנער האַררי (שפּעטער — הײנריך) האָט באַזוכט אַ קורצע צײט עפּעס אַזאַ מין חדר, װאו מען האָט אים געלערנט אַפילו די העברעאישע גראַמאַטיק, — אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געשטערט אַרײנצוגעבן אים אין אַ יעזואיטישער שולע.

צװײ יאָר פֿאַר זײן שמדן זיך, האָט הײנע געשריבן צו זײן פֿרײנט מאָזעס מאָזער (געשריבן האָט ער דעם 27 סעפּטעמבער 1823, און געשמדט האָט ער זיך דעם 28 יוני 1825): „װי דו קענסט זיך פֿאָרשטעלן, רעדט מען דאָ זײער אַ סך װעגן מײן איבערגײן צום קריסטנטום. קײנער פֿון מײן משפּחה האָט גאָרנישט קעגן דעם — אַ חוץ מיר. און איך בין אַ גרױסער עקשן.

„דו, װאָס דו קענסט מײנע אָנשױאונגען, װײסט דאָך און פֿאַרשטײסט, אַז דאָס שמדן זיך איז אין מײנע אױגן אַ זאַך, װאָס נישט זי בריט און נישט זי קילט, און אַז אַפילו אַלס סימבאָל איז עס נישט װיכטיק אין מײנע אױגן... װאָס שײך מײן פּערזאָן, װאָלט דאָס שמדן זיך געקאָנט זײן װיכטיק בלױז מיט דעם, װאָס איך װאָלט געקאָנט אָפּגעבן זיך מער צו קעמפֿן פֿאַר די רעכט פֿון מײן אומגליקלעכן פֿאָלק. און פֿונדעסטװעגן װאָלט איך באַטראַכט פֿאַר זיך אַלס אַ דערנידעריקונג און אַלס אַ פֿלעק אױף מײן כּבֿוד, װען איך װאָלט זיך געלאָזט שמדן, כּדי צו קאָנען באַקומען אַ פּאָסטן אין פּרײסן, — אין געליבטן פּרײסן!!! אמת, איך װײס נישט, װי אַזױ איך װעל אַרױסגײן פֿונעם קלעם, און װעלכן איך געפֿין מיך איצט. איך האָב מורא, אַז פֿון גרױס כּעס װעל איך װערן

אַ קאַטויל און דערנאָך וועל איך מיך אויפהענגען אויף אַ בוים".

ווי מיר זעען, איז זייט ביי זייט מיט דער קאַטעגאָרישער פאַראורטיילונג פון שמד דאָ אין ברייו אַ הינטער־טירעלע, וואָס פירט צו דער פאַראורטיילטער טאַט, — אַן איינגערעדטער אוטיליטאַרער מאָמענט — אַלס געשמדטער וועט ער מער קאָנען אויפטון פאַר זיין אומגליקלעכן פאָלק!

נישט אַלעמאָל איז אָבער היינע — אין זיין פּסיכישן גרייטן זיך צום און אין זיין פּסיכישן קאַמף קעגן שמד — אַזוי ערנסט און נאַאיוו.

אָט איז אַ צווייטער בריוו צום זעלבן מאָזעס מאָזער, וועלכער האָט פאַרן יונגן היינע דערפילט די ראָל פון אַ געוויסן און ער פלעגט זיך פאַר אים — אין בריוו און אין געדאַנק — מתוודה זיין:

„איך פאַרשטיי זייער גוט די ווערטער פונם בעל־התהלים: „גאָט, גיב מיר מיין טעגלעך ברויט, איך זאָל נישט פאַרשוועכן דיין הייליקן נאָמען!" עס איז ממש פאַטאַל, וואָס דער גאַנצער מענטש אין מיר ווערט אָנגעפירט דורכן בודזשעט! דער מאַנגל אין געלט אָדער די שפע אין געלט האָט נישט די מינדסטע ווירקונג אויף מיינע פּרינציפּן, אָבער אויף מיינע מעשים ווירקט עס גאָר שטאַרק. יאָ, גרויסער מאָזער, היינריך היינע איז זייער קליין... דאָס איז נישט קיין שפּאַס, דאָס איז מיין סאַמע ערנסטע איבערצייגונג, וואָס איז פול מיט דער שטאַרקסטער עמפּערונג. איך קאָן דיר דאָס גאָרנישט איבערחזרן גענוג אָפט, דו זאָלסט מיר אויפהערן צו מעסטן מיט דער מאָס פון דיין אייגענער גרויסער נשמה. מיין נשמה איז אַ גומענע, אָפט צעציט זי זיך ביז אומענדלעכקייט, און אָפט ציט זי זיך צונויף אַזוי, אַז עס ווערט אַ פּיצעלע..."

היינע האָט גוט געקענט זיין צעריסנקייט, זיין גייסטיקע צעצווייאונג, און ער האָט זיך געשראָקן פאַר איר. די בריוו זענען אָבער נישט נאָר אַן אויסדרוק פון שרעק פאַר זיך, —

זיי דאַרפן אויך צוגרייטן מאָזערן צו דעם, וואָס עס וועט געשען, ווי היינע פילט פאָראויס.

אָבער דאָס וויכטיקסטע פון די דאָזיקע בריוו איז דאָס, וואָס זיי ווייזן אונז היינעס נשמה אין איר ליכט־ און שאָטן־שפּיל אין איינעם פון די שווערסטע מאָמענטן פון זיין לעבן. און דאָס איבעראַשט אמאָל, ווייל לויט זיין דערציאונג און לויט דער אַלגעמיינער אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין זיין דור, איז היינע אַריינגעוואַקסן אין דער אייראָפּעאישער קולטור מיט אַ נאַטירלעכן קורס אויף פולער אַסימילאַציע, ביזן אויסבייטן דעם רענדל. דאָס, וואָס ער האָט זיך געפילט באַרופן צו זיין איינער פון די כהנים גדולים פון דער דייטשער מוזע, האָט נאָך נאַטירלעכער און אומפאַרמיידלעכער געמאַכט דעם דאָזיקן קורס אויף אַסימילאַציע. און דעריבער רופט אַרויס גרענעצלאָזן שטוינען דער פאַקט, וואָס סיי אין היינעס ווערק, סיי אין זיין קאָרעספּאָנדענץ געפינען זיך צאָלרייכע באַ־ווייזן פאַר דעם, אַז ער האָט זיך אַ גאַנץ לעבן באַשעפטיקט מיט דער יידן־פראַגע אָדער ריכטיקער — מיט יידישע פראַגעס (ווייל באַשעפטיקן זיך מיט דער יידן־פראַגע אין איינצל־פאַל איז געווען אוממעגלעך פאַר אַזאַ נאַטור, ווי היינע, און נאָך אין אַזאַ צייט, ווי דער אָנהויב נײַנצנטער יאָרהונדערט אין דייטש־לאַנד; דאָס איז באַשערט געווען בלויז דעם איינציקן גרויסן משה העס, וועלכער האָט אַריבערגעוואָקסן זיין דור און זיין צייט מיט הונדערט קעפּ. און אויך ביי אים האָט די דאָזיקע טאַט געמוזט רייפן העכער צוואַנציק יאָר). און דערביי מוז מען אונטערשטרייכן: די דאָזיקע כמעט אומפרייוויליקע באַ־שעפטיקונג מיטן יידנטום איז פאַר אים געווען נישט נאָר אַ פיינלעכע פאַרשטעכעניש, נאָר אויך אַ קוואַל פון שטאָלץ, און צייטנווייז — אפילו פון גליק.

עס עמפּפערט זיין קולטורעל־ציונישער מודה זיין זיך (אָדער זיין קולטורעל־ציונישע זעלבסטפאַרטיידיקונג, זעלבסטבאַרעכ־טיקונג), אַז זיין שמדן זיך איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם

פֿאַרלאַנג צו באַקומען אַן אַריינטריט־בילעט אין דער אייראָ־פּעאישער קולטור; נאָך מער עמפּערט זיין ציניִשע אויפריכ־טיקייט אין אַ בריוו צו מאָזערן: „עס וואָלט מיר געווען זייער אומאָנגענעם, ווען מיין שמד־באַשייניקונג וואָלט זיך דיר פֿאָר־געשטעלט אין אַ גינסטיק ליכט. איך פֿאַרזיכער דיר, אַז ווען דאָס געזעץ וואָלט דערלויבט צו גנבענען זילבערנע לעפל, וואָלט איך זיך נישט געווען געשמדט”; אָבער נאָך שטאַרקער פֿאַר דער עמפּערונג איז די פֿאַרוואונדערונג ווען מען זעט, אויף ווי ווייט דער דאָזיקער משומד איז געבליבן טריי זיין גייסטיקער און מאָראַלישער אומאָפּהענגיקייט סיי אין באַציאונג צו ריין־אינערלעכע יידישן פֿראַגן, סיי אין באַציאונג צו זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן יידנטום און קריסטנטום (סיי טעאָרעטיש, סיי פּראַקטיש).

ווער, למשל, האָט נישט געהאַלטן פֿאַר זיין חוב אַ קאָפּע צו טון שײַלאָקן? יעדער ייד, וואָס האָט אַ האָריטשקע דרך־ארץ צו זיך, האָט באַטראַכט פֿאַר זיין ערן־פֿליכט אַרויסצואווייזן זיין „אָביעקטיווקייט” לגבי שײַלאָקן. אדרבא, זעט: הגם שײַ־לאָק איז אַ ייד און אַן אומגליקלעכער דערצו, דאָך פֿאַראור־טיילן מיר אים, — גערעכטיקייט איז אויפֿן ערשטן פּלאַן. וועגן משומדים איז דאָך שוין נישטאָ וואָס צו רעדן: זיי האָבן איינער דעם צווייטן געוואָלט אַריבערשטייגן ביים פֿאַראורטיילן די פֿאַרקערפּערטע יידישע פֿאַרדאָרבנקייט. און דעריבער פֿלעגט מיך תמיד פֿרייען, וואָס היינע איז בייגעשטאַנען דעם דאָזיקן פּסיכאָז.

„בנאמנות, — שרייבט ער וועגן שײַלאָקן, — שעקספּיר וואָלט געווען געשריבן אַ סאַטירע אויפֿן קריסטנטום, ווען זיינע פּאָרשטייער וואָלטן געווען יענע פּערזאָנען, וואָס הגם זיי טרעטן אַרויס מיט שנאה קעגן שײַלאָקן, דאָך זענען זיי נישט ווערט פֿאַנאַנדערצובינדן די שנירלעך פֿון זיינע שיך...”

און מיינט נישט, אַז דאָס איז נאָר אַ ליטעראַרישער אור־טייל, ווייל היינע האָט מיט זיין שטאַרקן פּאָעטישן חוש דער־

פילט, ווער עס איז דער אמתער צענטער פון שעקספּירס טראַ־געדיע, וואָס מוז, ווי יעדע גוטע טראַגעדיע, זיך אָפּשפּילן אין דעם שפּירבאַרסטן, אין דעם מענטשלעכסטן האַרצן, — היינע האָט געפּילט די טראַגעדיע — נישט פון שעקספּירן, נאָר פון שײַלאָקן — אויך אַלס ייִד. ביים לייענען זיין אָפּהאַנדלונג וועגן שײַלאָקן פילט מען, אַז מיט שײַלאָקס קרובהשאַפט שטאָל־צירט ער מער, ווי מיט דער פון די ראָטשילדס...

איך בין אפילו חושד, אַז היינע האָט געפּילט אַזאַ גרויסן דרך־ארץ צו שײַלאָקן דערפאַר, ווייל ער האָט אים דערזען אַלס גאַנצן, אומקאָמפּראָמיסלעכן ייִדן: אַנטאָניאָ קאָן אים פאַר־אַכטן און באַליידיקן, פּאָרציאַ קאָן חוזקן פון אים און אים פאַר־ניכטן, אָבער זיי זענען נישט ביכולת אַרויסצורופן אין אים אַ מינדערווערטיקייטס־געפיל, זיי זענען נישט ביכולת אַרויסצו־רופן אין אים אַ פאַרלאַנג אויסצובאַהאַלטן זיין ייִדישקייט, — די וועלט קאָן אים דערלויבן צו לעבן, די וועלט קאָן אים צווינ־גען צו שטאַרבן, אָבער ער וועט לעבן און שטאַרבן אַזוי ווי ער איז, אַלס אַזאַ, וואָס האָט דרך־ארץ צו זיך אַליין (שײַלאָקס שמד האָט היינע נישט געקאָנט נעמען ערנסט, ווייל אַלס דיכ־טער האָט ער גוט געפילט, אַז כל־זמן שײַלאָק איז אַ לעבעדיקע געשטאַלט אין דער דראַמע, קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין וועגן שמדן אים, — און ווען שײַלאָק הערט אויף צו זיין אַ געשטאַלט, איז ער נישטאָ פאַר אַ דיכטער און קונסט־מבין, ווי היינע).

אַז דאָס איז אַזוי, אַז דאָס איז נישט קיין היפּאָטעזע, באַווייזן עטלעכע אויסטערלישע שטעלן (אויסטערלישע סיי פאַר היינען, סיי פאַר יענעם אַסימילירטן ייִדישן דור פון מערב־אייראָפּע, צווישן וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן און מיט וועלכן ער איז געווען צונויפגעוואַקסן, אָבער נאָר ביזן מאָמענט, ווען עס פלעגט קומען צום וואָרט זיין דערוואַכטע געניאַלקייט און ער פלעגט ווייט, ווייט אַריבעריאָגן זיין דור) אין זיינע פראַגמענטן וועגן זיין רייזע קיין פוילן.

„...נישט געקוקט אויף דעם באַרבאַרישן פּוטערנעם היטל, — שרייבט היינע, — וואָס דעקט צו זיין קאָפּ, און אויף די נאָך מער באַרבאַרישע אידייען, וואָס פּילן אוים דעם זעלבן קאָפּ, שטעל איך דעם פּוילישן יידן אַ סך העכער פאַר נישט איין דייטשן יידן, וועלכער טראָגט זיין האַרטן הוט אויפן קאָפּ און זיין זשאַן פּאָל אין קאָפּ. אין דער האַרטער איזאָלאַציע איז דער כאַראַקטער פון פּוילישן יידן געוואָרן גאַנץ... דער פּוילישער ייד מיט זיין שמוציקן פּוטער, מיט זיין נישט־געקעמטער באָרד, מיטן ריח פון קנאָבל און מיט זיין זשאַרגאָן איז מיר פונדעסטוועגן נענטער צום האַרצן, ווי אַ וועלכער אַנדערער אין זיין גאַנצער פּאַפּירן־מלוכהשער פּראַכט".

דער, וועלכער האָט מיט 125 יאָר צוריק, אין רעכטן מיטן ברען פונם עמאַנסיפּאַציע־צופלוס, געפונען אַזאַ אומצווייידייטיקע פאָרמולירונג פאַר דעם נאָך אויך היינט אַקטועלן וועזנטלעכן אונטערשיד צווישן דער אויסערלעך־קולטורעלער, אָבער עקרדיקער אַסימילאַציע און דער אויסערלעך־אומקולטורעלער אָבער שעפערישער פאַלקסהאַפּטיקייט, האָט געטראָגן אין זיך לעבעדיקע זוימען פון יידישקייט.

און פאַר די יעניקע, פאַר וועמען דאָס איז נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר, קאָן מען ברענגען (ווייל דאָס איז וויכטיק צו באַזינען, כדי צו האָבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן היינעס יידישער טראַגעדיע) נאָך איין ציטאַט פון דיכטערס אַ בריוו צו עמנואל וואָלוויל:

„מיר פאַרמאָגן נישט מער קיין קראַפט צו טראָגן אַ באָרד, צו פאַסטן, צו האַסן און, דערנערנדיק זיך מיט שנאה, צו ליידן: און דאָס איז טאַקע דער מאָטיוו פון אונזער רעפאָרמאַציע. אויך איך פאַרמאָג נישט קיין קראַפט צו לאָזן זיך וואַקסן אַ באָרד און צו דערלויבן נאָכצושרייען מיר (דאָ גייט וועגן פסיכיש דערלויבן, נאַטירלעך — י. ר.): „ייד, זון פון אַ יידן", און צו פאַסטן, און אַזוי ווייטער. איך האָב אפילו קיין כוח נישט צו עסן ווי געהעריק מצה".

דער דאָזיקער מעכטיקער און טרעפלעכער בריוו וואָלט פאַרדינט מען זאָל אים ציטירן אינגאַנצן, אָבער אויך די דאָזיקע שטעלן באַווייזן גענוג קלאָר, אַז היינע האָט געפילט אַכטונג צו שיילאָקן נישט נאָר צוליב דעם, וואָס ער ווערט באַעוולהט, נאָר אויך פאַר זיין קאָנען פיינט האָבן דעם, וועד עס פאַרדינט דאָס. און ער האָט אינסטינקטיוו אָנגעטאַפּט דעם שוואַכסטן פונקט פון דער באַוועגונג, אויף די כוואַליעס פון וועלכער ער אַליין האָט זיך געטראָגן.

איך שטעל זיך פאָר, וואָס היינע וואָלט געוועזן געזאָגט, ווען ער וואָלט געוועזן געקאָנט אַריינקוקן אין דער רעפאָרמירטער פּסהדיקער „הגדה״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַמעריקע מיט צוויי יאָר צוריק*) דורך די רעפאָרמירטע רבנים, וועלכע האָבן אויסגעמעקט, צוזאַמען מיט נאָך זאַכן, אויך די תפילה פון „שפוך חמתך״... ער וואָלט וואַרשיינלעך, געוועזן איבערגעחזרט אויך די דאָזיקע פאַרשפּעטיקטע אייניקלעך פון דער ײדישער רעפאָרמאַציע (מיט איר נייער אויפלאַגע פון אַן אידייאישער מיסיע) דאָס זעלבע, וואָס ער האָט אַמאָל געשריבן צו זייערע אבות: „איר מעגט זיך אַלע פאַרוואַנדלען אין אידייען, מיך אָבער לאָזט צו רו״.

* * *

ווי דאָס זאָל נישט זיין מאָדנע, אָבער עס איז אַ פאַקט: היינע האָט פיינט געהאַט די ײדישע רעפאָרמאַציע אין דייטשלאַנד נישט דערפאַר, ווייל ער האָט פיינט געהאַט די צופעליקע אָנפירער פון דער דאָזיקער רעפאָרמאַציע, זעענדיק אין זיי נאָר זייערע אינדיווידועלע שוואַכקייטן און רעאַגירנדיק אויף זיי מיט זיין גיפטיקן סאַרקאַזם, — ער האָט פיינט געהאַט די אָנפירער פון דער רעפאָרמאַציע דערפאַר, ווייל ער האָט געפילט מיט זיין גאַנצן וועזן, אַז זייער באַוועגונג, אַלס אַזעלכע, פאַר־

*) געשריבן אין שאַנכיי אין 1942.

קריפּלט די לעבעדיקע פאָלקס־נשמה פון יידנטום, טויט דעם ייִדן אַלס גאַנצן קולטור־טיפּ, וואָס אַזאַ איז ער אפילו אין זיין נאַציאָנאַלער אומנאָרמאַלקייט. היינע האָט פּראָסט־פּשוט פיינט געהאַט די אסימילאַציע און בכלל די ריין־גלותדיקע דערשיינונגען פונם „עמאַנסיפּירטן" לעבן.

ווען מרדכי עמנואל נח האָט אין אָנהויב ניינצנטן יאָר־הונדערט ארויסגעלאָזן אַן אויפרוף צו די יידן פון דער גאַנצער וועלט צו שאַפן אַ יידישע מלוכה אויפן אַמעריקאַנער קאָנטי־נענט, האָט היינע אויסגענוצט דעם דאָזיקן אויפרוף אָט־ווי:

„ווען אַ גליקלעכער דור ביים מיסיסיפּי וועט בענטשן לולב און עסן מצה, און עס וועט זיך פאַנאַנדערבליען אַ ניי־יידישע ליטעראַטור... דאַן וועט אַ דיכטער אַן אור־אייניקל זינגען: „זיי זענען געזעסן ביי די וואַסערן פון דער שפּרעע און געציילט די מלוכה־אָבליגאַציעס, זענען געקומען זייערע שונאים און געזאָגט: גיט אונז לאָנדאָנער וועקסלען, זייער קורס איז זייער הויך".

און די דאָזיקע טיפע פאַראַכטונג פילט היינע נישט נאָר צו דער מאַטעריעלער געשטאַלט פון אונזער גלות־לעבן, נאָר אויך צו דער אידייאישער אסימילאַציע: „ווי גאָט איז דיר ליב, — בעט רחמים היינע, אין אויסברוך פון עקל, זיין פריינט, — רעד מיר נישט מער וועגן דעם, אַז איך בין נאָר אַן אידייע!"

היינע וואַרפט אָפּ די אידייע וועגן דער מיסיע פון יידנטום אין גלות, — ער וואַרפט אָפּ דעם דאָזיקן „ערזאַץ" פון אַסי־מילאַציע לטובת דער האַרציקער, פולבלוטיקער פאָלקסהאַפטי־קייט, וואָס ער האָט געפונען אונטער די שמוציקע פוטערס און אונטער די באַרבאַרישע פוטערנע היטלען פון די פּוילישע יידן. אויפן דעק פון זיין נשמה ליגט — געשמידט אין קייטן פון זיין הערשער, דעם בודזשעט! — די באַדערפעניש אין אַ גאַנצן יידנטום, אין אַ גאַנצער יידישקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַ צו שוואַכן כאַראַקטער — ווי ער האָט אַליין געוואוסט און גרויסאַרטיק־ליטעראַריש דעפינירט, — כדי די דאָזיקע באַ־

דערפעניש צו פאַרוואַנדלען אין לעבן, כדי זי זאָל אים קאָנען אָפּהאַלטן פון שמד, — אַן אַקט, וועלכן ער גופא האָט אַזוי שאַרף פאַראורטיילט אין פּערזן און אין בריוו; אָבער ווען היינע פלעגט זיך טרעפן מיט יידישע פראַגן, פלעגט ער, אַ דאַנק דער דאָזיקער טיף אין אים באַגראָבענער באַדערפעניש, בליץ־שנעל אויפכאַפּן דעם קערן פון דער זאַך, דורכדרינגען אינטו־איטיוו ביזן וואָרצל אירן, און ער פלעגט האָבן מוט אויסצו־דריקן דעם דאָזיקן עיקר, נישט געקוקט דערויף, וואָס דערמיט גופא פלעגט ער פאַראורטיילן זיין אייגן לעבן.

און ווען ער איז געלעגן אויפן טויטן־בעט און האָט ענד־גילטיק געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַסקע פון אַ געטשן־דינער, אַ מאַסקע, מיט וועלכער ער האָט זיך באַמיט צוצודעקן זיין יידיש וועזן („...איך בין מער נישט קיין גרויסער געטשן־דינער נומער צוויי... [געטשן־דינער נומער איינס איז געוועזן פאַר אים געטע — י. ר.] איך בין איצט נישט מער, ווי אַן אָרעמער, טויט־קראַנקער ייד...”), פלעגט ער געפינען פאַר זיך שמייכלדיקע ווערטער. ער שרייבט צו זיין ברודער מאַקס: „...מיין געליבטסטער מאַקס... אונזערע אבות זענען געווען בראַווע לייט: זיי זענען געווען הכנעהדיק לגבי גאָט און דעריבער זענען זיי געווען אַזוי עקשנותדיק און טראָציק לגבי מענטשן, לגבי ערדישע כוחות; איך, פאַרקערט, האָב זיך אויפגעפירט אַראָגאַנט לגבי גאָט און בין געווען הכנעהדיק לגבי מענטשן, איך האָב זיך געוואַלגערט אין שטויב פאַר זיי...”

די דאָזיקע ווערטער קאָן מען פאַרשטיין נאָר פון אַ נאַ־ציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, אַנישט פאַרלירן זיי יעדן זין...

און עס וואָלט געווען זיין נישט ריכטיק צו זאָגן, אַז היינע האָט זיך פאַראורטיילט ערשט דאַן, ווען ער האָט זיך געפונען אויפן טויטן־בעט, ווען דער מענטש געפינט זיך אָפּט אין אַזאַ מאָס אין דער מאַכט פון פּאַנישן אַבערגלויבן — דעם צווילינג־ברודער פון שרעק, — אַז אים נעמט זיך אפילו דאַכטן, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו גלויבן. היינע פלעגט זיך אָפּט פאַר־

אכטן פאר זיין טאט אפילו דאן, ווען ער האט זיך געפונען אינם העכסטן פאנאנדערבלי פון זיינע כוחות. אין גיכן נאך זיין שמדן זיך, האט היינע געשריבן מאזערן:

„איך געדענק, אז „דאס ליד אויף די טייכן פון בבל" איז געווען דיין סאמע באליבט ליד, און אז דו פלעגסט עס זינ־גען פאר אונז אזוי שיין, אז אפילו איצט שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן, און נישט נארביים דערמאנען זיך אינם ליד.

„דו פלעגסט דאן האבן אויך גוטע געדאנקען וועגן יידנ־טום... און וועגן דער נידערטרעכטיקייט פון יידן, וואס דורך שמד ווילן זיי נאר באזייטיקן פון זייער וועג שטערונגען... און נאך ענלעכע געדאנקען האסטו געהאט, וועלכע דו דארפסט באשרייבן אין א בוך... און וואס שייך מיר, טא דארפסטו נישט צוליב מיר איינשליסן דיין נביאות אין דיין הארץ...

„אפט שטיי איך אויף אין די נעכט פון בעט, כ'גיי צו צום שפיגל אויף דער וואנט און כ'זידל זיך אויס..."

אבער דעם טראגישסטן אויסדרוק פאר זיין שטימונג נאכן שמדן זיך האט היינע געפונען אין א בריוו צו מאזערן פון אנהויב סעפטעמבער 1825, א צוויי חדשים נאך זיין טאט, צו וועלכער ער האט מאזערן צוגעוואוינט אין זיין אפטער קא־רעספאנדענץ אין משך פון די לעצטע פאר יאר.

אן אימה גיט א ווייע אויף אונז פון דאזיקן בריוו; מען זעט ממש ווי היינעס נשמה קארטשעט זיך פון חרפה, און עס ווערט קלאר היינעס ציניזם, — דאס איז די רעאקציע אויפן עקל צו זיך אליין.

דער דאזיקער בריוו איז פסיכאלאגיש אזוי אינטערע־סאנט, אז מען מוז זיך אפשטעלן אביסל גענויער אויף אים.

היינע רעקאמענדירט אין אים מאזערן א בוך וועגן יאפאן פון איינעם גאלאווינין. פון דאזיקן בוך, שרייבט היינע, איז צו זען, אז די יאפאנער זענען דאס ציוויליזירטסטע פאלק אויף דער וועלט. „יא, איך וואלט אפילו געווען געזאגט, אז דאס

קריסטלעכסטע פאָלק, ווען איך וואָלט נישט געווען געלייענט, צו מיין איבערראַשונג, אַז גראָד דאָס דאַזיקע פאָלק פילט נישט צו קיין שום זאַך אַזאַ האַס און עקל, ווי גראָד צום קריסטנטום. קיין שום זאַך האָבן זיי אַזוי נישט פיינט, ווי דעם קרייץ. איך וויל ווערן אַ יאַפּאַנער".

ביי היינען איז שוין נאָכן שמד, ער האָט שוין אָנגענומען דעם קרייץ, און ער וויל ווערן אַ יאַפּאַנער נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן פיינט דעם קרייץ, — ער וועט זיך, הייסט עס, אַריינפּאַסן אין זייער מיט.

איז דאָס אפשר בלויז אַ ליטעראַרישער אויסדרוק, אַ סטיל-הנדל פון גרויסן סטיליסט?

מען דאַרף בלויז לייענען ווייטער דעם דאָזיקן בריוו, כדי צו זען ווי לעבעדיק עס איז די דאָזיקע השערה.

היינע איז שוין נאָכן שמד. ער האָט אָבער קיין מוט נישט צו דערציילן מאָזערן, וואָס ער האָט אָפּגעטון. ער ווערגט זיך מיטן אמת און האָט אים מורא צו אַנטפּלעקן. און אָט שרייבט ער צו מאָזערן פאַרשטעלט-אָפן:

„איך וועל דיר נאָך אפשר שיקן היינט אַ ליד, גענומען פונם „רבי" (געמיינט היינעס „דער רבי פון באַכאַראַך" — י. ר.), וואָס, צו מיין עגמת-נפש, בין איך ווידער געשטערט צו אַרבעטן אויף אים. איך וואָלט דיך זייער און זייער געבעטן זאָלסט קיינעם נישט דערציילן קיין וואָרט וועגן דאָזיקן ליד און בכלל וועגן אַלץ, וואָס איך וועל דיר דערציילן וועגן מיין פּערזענלעכן לעבן. אַ יונגער שפּאַנישער ייִד נעמט אָן, צוליב אויסגעלאַסנקייט און ליבע צו לוקסוס, די קריסטלעכע רעליגיע, און ער פירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיטן יונגן יהודה אברבנאל און ער שיקט אים דאָס דאָזיקע ליד, וואָס איז איבערגעזעצט פון דער מאָרן-שפּראַך. אפשר געפינט ער נישט ביי זיך קיין מוט צו שרייבן אים אָפן וועגן זיין טאַט, וואָס איז נישט אַזוי שיין, און

ער שיקט אים דאָס יענע ליד. זאָלסט נישט אַרײַנטראַכטן קיין סך אין דעם...״

און דעם 23 אַפּריל 1826, אַ קנאַפּן יאָר נאָכן שמדן זיך, שרייבט ער צום זעלבן מאָזער:

„איך טראַכט אָפט וועגן אייך, ווייל איך וויל נישט טראַכטן וועגן זיך״.

די דאָזיקע בריוו רעדן פאַר זיך אַליין.

* * *

אויב עס איז אמת, אַז היינע האָט טיף געליטן פון זיין פּסיכישער צעריסנקייט אויך אַלס ייד; אַז ער איז אין משך פון זיין גאַנץ לעבן נישט פריי געוואָרן פון יידישן קאָמפּלעקס, — האָט דאָך די דאָזיקע טראַגעדיע באַדאַרפט נישט נאָר אויסבערלאָזן שפּורן אין היינעס פּובליציסטיק און קאָרעספּאָנדענץ, נאָר אויך געפינען אַן אויסדרוק אין זיין פּאָעטישן שאַפן.

און אַזוי איז דאָס טאַקע.

דאָס ערשטע גרעסערע יידישע ווערק, איבער וועלכן היינע האָט אַ סך געאַרבעט און וועלכעס ער האָט זייער הויך געשעצט (משפּטנדיק לויט צאָלרייכע בריוו צו די נאָענטסטע פריינט), באַטראַכטנדיק עס שיעור נישט אַלס זיין עיקרדיקע שעפערישע אויפגאַבע, איז געווען זיין פאַרטראַכטער פּראָזערעמאַן „דער רבי פון באַכאַראַך״. די ערשטע צוויי קאַפּיטלעך זיינע האָט היינע באַאַרבעט פאַר זיין שמדן זיך, ווען אַלע זיינע בריוו זענען פול געווען מיט עמפּערונג קעגן איראָפּעאישן קריסטנטום און קעגן די משומדים; דאָס דריטע קאַפּיטל איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך היינעס פּלוצלונגן (הגם פּסיכיש פון לאַנג צוגעגרייטן) שמד. און ווען מען לייענט די דאָזיקע דריי קאַפּיטלעך צוזאַמען, דערפילט מען (אפילו ווען מען איז נישט באַקאַנט מיט דער מיינונג פון אַ טייל קריטיקער) אין דריטן קאַפּיטל עפּעס אַן אָפּנויג פון דער אור־ליניע פונם ווערק — אַ ליניע, וועלכע היינע האָט גוט אָנגעצייכנט אין דער ערשטער

סטראָפע פונם געדיכט, וואָס איז געווידמעט זיין פריינט מאָזער און איז גלייכצייטיק אַ ווידמונג צום „רבי פון באַכאַראַך":

„ברעך אויס אין מעכטיקן קלאָגן
מיין פינסטער מאַרטירער־ליד,
וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געטראָגן
אין פלאַמיק־שטילן געמיט".

דער גאַנצער מאַנוסקריפּט פון דאָזיקן ווערק איז נישט דערגאַנגען צו אונז, — ער איז, לויט היינעס גבית עדות, פאַר־ברענט געוואָרן בעת דער גרויסער שׂרפה אין האַמבורג, ביי וועלכער ס'איז אָפּגעברענט געוואָרן אויך דאָס הויז פון היי־נעס מוטער, וועלכע זאָל האָבן געהאַט ליגן ביי זיך דעם מאַנו־סקריפּט פונם „רבי". משפּטנדיק לויט דעם דריטן קאַפּיטל פונם ווערק קאָן מען זיך משער זיין, אַז היינעס פּאַטאַלער שריט האָט געווירקט אויף זיין זיכערקייט אין דעם, אַז מיטן דאָזיקן ווערק פירט ער אויס אַ געטלעכע מיסיע — געבן אַן אויסדרוק דער מאַרטיראָלאָגיע פון יידישן פאָלק, און ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס דאָזיקע ווערק איז געבליבן נישט פאַרענדיקט. די ווערסיע, אַז דער מאַנוסקריפּט איז אומ־געקומען בעת דער שׂרפה, קאָן זיין אַ פּשוטע מיסטיפיקאַציע פונם דיכטער, וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צו אַזעלכע שטיקלעך. מען דאַרף אויפכאַפּן מיטן אויער און מיטן האַרצן דעם טאָן פון זיינע בריוו וועגן „רבי פון באַכאַראַך", כדי צו דערפילן, — ניין, כדי צו וויסן אויף זיכער, — אַז נאָך זיין שמד'ן זיך האָט היינע נישט געקאָנט ממשיך זיין דאָס דאָזיקע ווערק זיינס אין זעלבן גייסט, אין וועלכן ער האָט עס אָנגעהויבן צו שרייבן.

די דאָזיקע זיכערקייט ווערט נאָך שטאַרקער, ווען מען זעט פון זיינע בריוו, אַז ער רעדט מער וועגן דאָזיקן ווערק, ווי ער שרייבט עס. ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש צו שרייבן עס (אַ באַדערפעניש אַן עמאָציאָנעלע און אַן אינטעלעקטועלע), אָבער ער האָט ביים שרייבן נישט געהאַט די זיכערקייט, מיט

וועלכער דאָס שרייבן לידער איז באַגלייט געווען ביי אים. היינע שרייבט, למשל, צו מאָזערן דעם 25 יוני 1824:

„ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט (פון שרייבן דעם „רבי פון באַכאַראַך" — י. ר.) האָט איך אויך באַמערקט, אַז עס פעלט מיר לחלוטין דער טאַלאַנט פון אַ דערציילער; און אפשר טו איך זיך אַן עוולה, און דאָ ווירקט בלויז דער ווידערשפּעני־קער שטאָף".

אין היינעס גאַנצן שאַפן געפינט זיך נישט קיין איין דערציילונג, — די עטלעכע דערציילערישע פראַגמענטן ווייזן נישט אַרויס קיין סימנים פון דערציילערישע מעלות (און דע־ריבער זענען זיי געבליבן פראַגמענטן). און ווען צו דער אומ־זיכערקייט מיט דער פאָרם איז נאָך צוגעקומען די אומזיכער־קייט צוליבן שמדן זיך, האָט שוין אוודאי נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן ענדיקן דאָס דאָזיקע בוך, וואָס ער האָט אַזוי געוואָלט אָנשרייבן, און פאַר וועלכן ער האָט געפירט אַ לאַנגן קאַמף נישט אַלס דיכטער, נאָר אַלס ייד.

און פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט זענען אינטערעסאַנט די שטעלן אין זיינע בריוו, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן „רבי פון באַכאַראַך".

דעם 25 אָקטאָבער 1823 שרייבט ער צו מאָזערן: „איך האָב פונעם „רבי" אָנגעשריבן זייער ווייניק, און עס איז נאָך קיין העלפט נישטאָ. אָבער ווי עס שיינט, צעוואַקסט זיך דאָס דאָזיקע בוך און איך טראָג עס אין מיין האַרצן מיט גרויס ליבע, ווייל דאָס דאָזיקע בוך איז דאָך אַ קינד פון אומבאַ־דינגטער ליבע, און נישט פון תאווה צו כבוד. פאַרקערט, ווען איך וואָלט זיך געוואָלט צוהערן צו דער שטים פון קאַלטן פאַרשטאַנד, וואָלט איך בכלל נישט געווען געשריבן דאָס דאָ־זיקע בוך. איך זע פאָראויס, ווי שטאַרק איך צעשטער מיט די אייגענע הענט מיין בנין, און ביז צו וואָסער גראַד איך וועק אויף די שנאה; אָבער היות דאָס דאָזיקע בוך איז אַ קינד פון ליבע, וועט עס זיין אַן אייביק בוך און עס וועט זיין אַן

אייביקער נר־תמיד אין גאָטס טעמפּל, און נישט קיין טעאַטראַ־לער לאַמטערן, וואָס וועט אויסגעלאָשן ווערן".

און אין אַ צווייטן בריוו פּראָקלאַמירט ער מיט שטאָלץ: „נאָר איך קאָן אָנשרייבן דאָס דאָזיקע בוך..."

דעם 25 אָקטאָבער 1824 שרייבט ער צו מאָזערן: „...מיט נישט אויסצודריקנדיקער ליבע טראָג איך דאָס גאַנצע ווערק אין דער ברוסט..."

דעם 1 אַפּריל 1825 שרייבט ער מאָזערן: „דאָס דאָזיקע אומאייגננוציקסטע בוך וועט אויך ווערן דאָס אדעליקסטע...

אין די דאָזיקע, ווי אויך אין אַנדערע בריוו, פילט זיך אַן עכטער עקסטאַז לגבי דער טעמע; היינע טרייבט איבער דעם ווערט פון זיין ווערק, אָבער דאָס געפיל, וואָס שטייט הינטער די בריוו, הינטער דעם געפּלאַנטן ווערק — איז עכט, ווי עס זאָגט עדות דאָס אויבן ציטירטע ליד וועגן „רבי פון באַכאַ־ראַך".

אָבער דאָס דאָזיקע פייער איז אָפּגעקילט געוואָרן דורכן שמד־וואַסער, און אין שפּעטערדיקע בריוו צום פאַרלעגער איז שוין קיין שפּור נישטאָ פון דער הייליקער באַציאונג צום ווערק, — עס איז שוין בלויז אַ מאַטעריאַל אויף אויסצופילן אַ באַנד: אַ שאָד עס זאָל ליגן בלייבן אַ שטיקל פאַרלעגענע סחורה, פון וועלכער מען קאָן שוין סיי ווי נישט מאַכן עפּעס רעכטס.

און דעריבער אפשר שרייבט היינע צו זיין פאַרלעגער וועגן דעם, אַז דער מאַנוסקריפּט פונם „רבי פון באַכאַראַך" איז פאַרברענט געוואָרן, כדי צו באַרעכטיקן דאָס דרוקן דעם דאָזיקן גאַנץ שוואַכן פראַגמענט.

דעם 24 אויגוסט 1832 שרייבט היינע צו פרידריך מערקעל:

„אַ ראָמאַן איז מיר נישט געראָטן; דאָך וועל איך אַריינגעבן עטלעכע ראָמאַן־פראַגמענטן אין אַ זאַמלונג, וועלכע איך וועל אַרויסגעבן דעם דאָזיקן ווינטער, און וואו איך

י. ראַפּאָפּאָרט

וואָרף אַריין אויך דעם „רבי" (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.).

ווי וואָכעדיק דער „רבי" איז פאַר אים געוואָרן, — ער וואַרפט אים אַריין צוזאַמען מיטן איבעריקן ליטעראַרישן אָפּפאַל. ווי דער טאָן האָט זיך געענדערט!

אין פּראָפּאָרץ, וואַרשיינלעך, צום געפיל...

און דאָס געפיל האָט זיך געמוזט נעמען אָפּקילן נאָכן שמד.

איז דען אַ וואונדער, וואָס דאָס בוך איז פאַרבליבן נישט געענדיקט? און די דאָזיקע וואונד, וואָס האָט אויך פאַרענדיקט מיטן „רבי פון באַכאַראַך", איז קיינמאָל אויף אַן אמת נישט פאַרהיילט געוואָרן, — זי האָט כסדר געבלוטיקט.

דער דיכטער פלעגט אָפט באַגרייפן, וואָס פאַר אַ בלוט דאָס איז, אָבער עס פלעגט אויך טרעפן, אַז ער פלעגט עס נישט באַגרייפן. אָבער מיר זעען תמיד די פלעקן פון דאָזיקן בלוט אין זיינע פאַרשידענע ווערק.

* * *

די ערשטע אויפטרייסלונג פון טיף־פאַרוואונדעטן געוויסן איז מיט די יאָרן איינגעשטילט און שוואַכער געוואָרן, און די אינטימע פאַרבינדונג מיט זיין פאָלק, וועלכע היינע האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו פילן אין זיך, האָט געפונען אַ געהעריקן אויסדרוק אין זיינע „יידישע מעלאָדיעס", אין די פערזן וועגן דער „פּרינצעסין שבת" און וועגן יהודה הלוי.

ווען היינע האָט אין דער יוגנט מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט דערפילט זיין אומצערייסבאַרע, איינגעבוירענע פאַרבינדונג מיטן יידישן פאָלק, האָט ער געוואָלט געבן אַן אויסדרוק דעם אין משך פון יאָרהונדערטער אָנגעזאַמלטן ווייטיק־געשריי פון אַ פאָלק אַ מאַרטירער, — אָבער ערשט אין אָנהויב פון זיין לעבנס־סוף איז ער — אין אַ מעכטיקן שוואונג פון גייסט — אַריבערגעפלויגן דעם תהום, וועלכן ער גופא האָט אויסגעגראָבן צווישן זיין יידישער נשמה און זיין פאָלק (און זיין „רבי" האָט

פֿאַרפֿעלט קראַפֿט אַריבערצושפּרינגען איבערן תהום אָדער ריכטיקער: ער איז אַרונטערגעפֿאַלן אין אים פֿון פֿלוצלונגן שרעק פֿאַרן פֿאַנאַנדערגעריסענעם תהום) און ער האָט זיך צעטרוימט וועגן פֿאַרלוירענעם.

היינע איז געווען דער ערשטער יידישער דיכטער אין דער נייער צייט, וועלכער האָט דערפֿילט די פֿאַרוואַנדלענדיקע קראַפֿט פֿון איינער פֿון די גרעסטע דיכטערישע שאַפֿונגען — פֿונם יידישן שבת. דאָס איז אַ שאַפֿונג נישט אין פֿערזן און נישט אין פּראָזע, — זי איז אויסגעקנאָטן פֿון לעבעדיקן לעבן, אַ לעבעדיקע שאַפֿונג אין דירעקטן זין פֿון דאָזיקן וואָרט.

היינע האָט גוט געקענט די דאָזיקע קינסטלערישע אייגנשאַפֿט פֿון זיין פֿאָלק. ווער האָט דאָס געזאָגט, פֿרעגט היינע, אַז די יידן זענען נישט פֿעאיק צו זיין קינסטלער? זיי אַרבעטן בלויז מיט אַנדערע מאַטעריאַלן, ווי אַלע. און ער אילוסטרירט מיטן ביישפּיל פֿון משה רבינו („ווי קליין עס זעט אויס דער סיני — זאָגט היינע, און אַ פֿאַרבלענדיקער בליץ שניידט דורך אונזער באַוואוסטזיין און אונזער פֿאָרשטעלונגסקראַפֿט, — ווען משה שטייט אויף זיין שפּיץ"):

„...ער (משה רבינו) האָט גענומען אַן אָרעמען פּאַסטוךשבט און געשאַפֿן פֿון אים אַ פֿאָלק, וועלכער וועט נישט פֿאַרניכטעט ווערן דורך יאָרהונדערטער, — אַ גרויס, אייביק, הייליק פֿאָלק, אַ געטלעך פֿאָלק, וועלכער קאָן דינען אַלס מוסטער אַלע אַנדערע פֿעלקער און דער גאַנצער מענטשהייט — אַלס פּראָטאָטיפּ: ער האָט געשאַפֿן דאָס פֿאָלק ישראל!"

און דאָס יידישע פֿאָלק האָט גערישנט משה רבינוס דאָזיקע אייגנשאַפֿט — צו שאַפֿן זיינע לאַנג־דויערנדיקע קינסטלערישע שאַפֿונגען פֿונם לעבעדיקן מאַטעריאַל פֿון לעבן, פֿאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין דער העכסטער, מיט הייליקן ציטער אויסגעפֿילטער קונסט. היינע, וועלכער האָט אָפּגעשאַצט, לויט איר ווערט, משה רבינוס שאַפֿונג, האָט אָפּגעשאַצט, לויט איר ווערט, אויך די קאָלעקטיווע שאַפֿונג פֿון יידישן פֿאָלק — דעם

שבת, ווי אויך די לעגענדעס וועגן יהודה הלוי, דעם דאָזיקן טרייען טרובאדור־ריטער פונם ידישן טרוים צוריקצוקערן קיין ציון.

ס'אַרא צאַרטע טענער עס פאַרמאָגט היינעס „פּרינצעסין שבת"!

„יעקבם צעלטן! ציט'ריק קוש איך
אייערע אַלטע הייליקע טירן.
דורך גאָטס הויז שוועבט דורך אַ ציטער,
שטיל באַוועגן זיך די ליפּן.
שאַ! די קעניגין די שכינה,
בענטשט, פאַרמאַכט די אויגן, ליכט —
גאָלדענע ליכט פון טרייסט און קדושה!"
(איבערגעזעצט דורך ח. נ. ביאַליק).

נישט ווייניקער דורכגעזאַפּט מיט וואונדערלעכער וואַרעמקייט איז דאָס ליד וועגן יהודה הלוי, באַזונדערס דאָס צווייטע קאַפּיטל וועגן אַלטן ליד „על נהרות בבל" („ביי די טייכן פון בבל"). די דאָזיקע וואַרעמקייט רופט אַרויס די השערה, אַז היינע אידענטיפיצירט זיך מיט יהודה הלוי, ער זעט אַמאָל אין יענעמס גורל — זיין אייגענעם. (צי לאָזט זיך נישט דערקלערן מיט דער דאָזיקער אידענטיפיקאַציע דאָס, וואָס היינע פלעכט אַריין אין דאָזיקן ליד זיין פרוי מאַטילדע, וועלכע קען נישט דעם גרויסן הלוי, פּונקט ווי זי האָט נישט געקענט, ווי מיר ווייסן, אויך היינעס שאַפן?).

דעם 9 יאַנואַר 1824 האָט היינע געשריבן זיין נאָענטסטן יוגנט־פריינט, מאָזערן:

„נישט שוין־זשע מיינסטו, אַז איך נעם שוין נישט נאָענט צום האַרצן דעם גורל פון אונזערע ברידער, ווי איך פלעג דאָס טון אַמאָל? אויב דו מיינסט אַזוי, האָסטו אַ טעות. „זאָל אָפּגעטרוקנט ווערן מיין רעכטער אָרעם, אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים!" (היינע האָט די דאָזיקע ווערטער אויפגעשריבן אין בריוו אויף העבּרעאיש — י. ר.), — אַזוי האָט

געזאָגט דער דיכטער, און דאָס וועלן זיין אויך מיינע אייגענע ווערטער".

און היינע האָט געהאַלטן וואָרט, הגם מיט אַ גרויסן איבער־רייס. אַט ווי ער הויבט אָן דאָס צווייטע קאַפּיטל פון זיין ליד וועגן יהודה הלוי:

„ביי בבלס טייכן זענען מיר געזעסן
און געוויינט, און אָנגעלענט די האַרפן
ביי די ווייַנענדיקע ווערבעס —
קענסטו נאָך דאָס אַלטע ליד?
קענסטו נאָך דעם אַלטן ניגון,
וואָס צו ערשט איז ער עלעגיש,
וויינט און זשומעט ווי אַ קעסל,
ווי אַ קעסל אויפן פייער?
לאַנג שוין, לאַנג, יאָר־טויזנט לאַנג,
קאָכט עס אין מיר. אָ, טונקל שמערץ!
און די צייט לעקט מיינע וואונדן,
ווי דער הונט איובס געשווירן.
אָ, הונט, אַ דאַנק דיר פאַר דיין גאַוער —
אָבער ס'קאָן נאָר קילן, לינדערן,
היילן קאָן מיך נאָר דער טויט,
אָבער, ווי מיר! כ'בין אומשטערבלעך!
יאָרן קומען און פאַרגייען —
מענטשן־טרערן טריפן, רינען
אויף דער ערד, און זי, די ערד,
זויגט זיי איין שטיל און גיריק".

נישט תמיד קאָן מען גלויבן היינען, אפילו דעם דיכטער, ווען ער באַהאַלט זיין פנים הינטער אַ ציניש־ער מאַסקע, אָבער היינען דעם ליריקער, היינען, דעם דיכטער פון טרויעריקע טע־נער, קאָן מען תמיד גלויבן. נישטאָ עפּעס אויפריכטיקערס אויף דער וועלט, ווי טרויעריקע ליריק.

אין די גייסטיק־גלייכגעוויכטיקסטע יידישע מעלאָדיעס, גע־

פינט היינעס צעריסענע נשמה אַ צייטווייליקע היילונג. און ווען מען לייענט די באַפליגלטע סטראָפן וועגן דער פּרינצעסין שבת און וועגן יהודה הלוי, באַט זיך נישט איינמאָל אָן פון זיך אַליין די היפּאָטעזע:

צי ליגט נישט דער קוואַל פון היינעס ציניזם און צע־ריסנקייט אין זיין יידישער טראַגעדיע? צי איז אַמאָל זיין נישט־גלייכגעוויכטיקטער זשעני אַ רעזולטאַט פונם יידישן קאָמפּלעקס, וואָס האָט אַרויסגערופן אין דער דאָזיקער צעריסענער נשמה די אַלע נעוראָטישע סימפּטאָמען, וואָס זענען אַזוי כאַראַקטע־ריסטיש פאַר היינעס לעבן און שאַפן?

אַזוי פיל שרייבער האָבן שוין געפונען זייערע פּסיכאָאַנאַ־ליטישע אויספאָרשער, — אָבער היינריך היינע, וועלכער איז אַ קלאַסישער מאַטעריאַל פאַר אַזאַ אויספאָרשונג, וואַרט נאָך אויף זיין פּסיכאָאַנאַליטישן קריטיקער.

* * *

היינע איז באַקאַנט אַלס געטשן־דינער נומער צוויי, ווי ער גופא פלעגט זיך רופן, אָפּטרעטנדיק דאָס ערשטע אָרט דעם געטשן־דינער נומער איינס — געטען; היינע איז באַקאַנט אַלס העלענער.

און לויט דער דאָזיקער סכעמע האָט זיך היינע ערשט ביים אונטערגאַנג פון זיין געטשן־דינערישן גליק אומגעקערט צום יידישן גאָט, צו דער יידישער וועלט־אַנשויאונג, צום יידישן קוק אויף דער עטישער נאַטור און אויף דער עטישער באַ־שטימונג פונם מענטשן. און היינעס ביאָגראַפיע פאַרמאָגט אַ סימבאָלישן פאַקט, וואָס זעט אויס צו באַשטעטיקן די דאָזיקע סכעמע אויף אַן אומאָפּפרעגבאַרן אופן.

היינע אַליין באַשרייבט דעם דאָזיקן פאַקט:

„דאָס איז געווען אין מאַי 1848, אין יענעם טאָג, ווען איך בין צום לעצטן מאָל אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און כ'האָב זיך געזעגנט מיט די ליבע געטשן, צו וועלכע איך האָב געקניט אין די צייטן פון מיין גליק. מיט מי האָב איך זיך דערשלעפּט

צום לוואור, און כ׳בין שיעור נישט געפאַלן פון די פיס, ווען איך בין אַריין אין דעם דערהויבענעם זאַל, וואו עס שטייט אויף איר פיעדעסטאַל די געבענטשטע געטין פון שיינקייט, אונזער ליבע פרוי פון מילאָס. איך בין לאַנג געלעגן צו אירע פיס און אַזוי געכליפּעט, אַז אַ שטיין אפילו וואָלט געוועזן באַדאַרפט דערהיצט ווערן מיט רחמנות. און די געטין האָט געקוקט אויף מיר פון דער הויך מיט מיטלייד, אָבער גלייכצייטיק טרייסטלאָז, ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט זאָגן: צי זעסטו דען נישט, אַז איך האָב קיין הענט נישט און איך קאָן, דעריבער, נישט העלפן?״

און דאָך איז דאָס נאָר אַ סכעמע.

ווען היינע האָט אָפּגעדרוקט אינם פראַנצויזישן זשורנאַל „רעוויו דע מאָנד״ זיינע „ווידויים״ און פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט שטימעס, אַז דער דיכטער האָט זיך אומגעקערט צום גלויבן פון זיינע אבות, האָט היינע דערויף געענטפערט: „איך האָב זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון מיין יידישקייט. איך האָב זיך צום יידנטום נישט צוריקגעקערט, ווייל איך האָב אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזן״.

און ער איז גערעכט. דעם 25 יוני 1824, אַקוראַט אַ יאָר פאַר זיין שמדן זיך, האָט היינע געשריבן צו מאָזערן: „איך באַשעפטיק זיך אַ סך מיט לייענען מעמוארן, באַזונדערס אין געביט פון דער יידישער געשיכטע. די דאָזיקע געשיכטע באַשעפטיקט מיך איצט צוליבן „רבי״, און אפשר אויך צוליב דעם, ווייל דאָס איז פאַר מיר איצט אַ גייסטיקע נויטווענדיקייט. וואונדערבאַרע געפילן נעמען מיך אַרום, ווען איך בלעטער די דאָזיקע פינסטערע דעראינערונגען; איך געפין דאָרט אַ גרויסע טרייסט און אַ גרויסן ווייטיק. דער גייסט פון דער יידישער געשיכטע ווערט מיר אַלץ קלאָרער מיט יעדן טאָג, און ס׳איז נישטאָ קיין מינדסטער ספק, אַז דאָס דאָזיקע גייסטיקע געווער וועט מיר ברענגען נוצן אין די שפּעטערדיקע צייטן״.

צי שרייבט דען אַזוי אַ העלענער? און צי פילט מען

נישט א נביאישן פּאָרגעפיל אין די דאָזיקע ווערטער? און צי פירט נישט פון זיי א גלייכע ליניע צו זיינע ווידויים אויפן טויטן־בעט?

היינע איז קיינמאָל נישט געווען קיין ריינבלוטיקער העלע־נער, אפילו אין די צייטן פון זיין גליק, און ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין ריינבלוטיקער ייד, אפילו אין די אימהדיקע יאָרן, ווען ער איז צוגעשמידט געווען צום מאַטראַצן־קבר. ער איז אַ גאַנץ לעבן געווען א גייסטיק צעריסענער זשעני, מיט א שטאַרקער נייגונג צו דער יידישער וועלט־אנשויאונג, מיט א גרויסער — צייטנווייז אומבאַוואוסטזיניקער — צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק, צו זיין געשיכטע און צו זיין טראַגעדיע, וועלכע איז גלייכצייטיק די גייסטיקע טראַגעדיע פון איינעם פון זיינע געניאַלסטע גלותדיקע קינדער — פון היינריך היינע. און עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס ווען היינע האָט אָפּגע־שפּיגלט זיין פּערזענלעכע ליבע־טראַגעדיע אין זיין יוגנט־דראַמע „אלמאנזאר", האָט ער גלייכצייטיק אָפּגעשפּיגלט די יידישע נאַציאָנאַלע טראַגעדיע. ער שמעלצט זיי צונויף צוזאַמען באַ־וואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק, אָדער ריכטיקער: ווי דער באַוואוסטזיין און דער אונטער־באַוואוסטזיין זענען פאַרשמאָלצן צוזאַמען און באַווירקן זיך קעגנזייטיק.

און די דאָזיקע פּערזענלעך־נאַציאָנאַלע טראַגעדיע האָט באַקומען אַן אומצווייַדייטיקן אויסדרוק אין באַרימטן, האַרץ־ברעכנדיקן ליד, וואָס הויבט זיך אָן מיט א נשמה־יללה און פאַרענדיקט זיך מיט א סאַרקאַזם, מיט וועלכן היינע פלעגט תמיד צודעקן יעדן טיפן אויסגעשריי זיינעם, וואָס פלעגט אָפּ־דעקן מער, ווי דעם פּאָעט פלעגט זיך וועלן אויפדעקן.

„נישט קיין מעסע וועט מען זינגען,
נישט קיין קדיש וועט מען זאָגן, —
קיינער וועט מיין טויט באַזינגען,
קיינער וועט מיין טויט באַקלאָגן".

די דאָזיקע יללה האָט זיך אַרויסגעריסן ביים דיכטער ביי זיין פּריצייטיקן לעבנס־אונטערגאַנג, די דאָזיקע יללה האָט זיך אַראָפּגעריסן פונם מאַטראַצן־קבר, נישט געקוקט אויף דער אַלוועלטלעכער באַקאַנטשאַפט פון זיין נאָמען, נישט געקוקט אויף דער אומגעוויינלעכער פּאָפּולערקייט פון זיין „לידער־בוך", ווייל ער האָט דערפילט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין פּאָעטישן געפיל זיין אומהדיקע באַדנלאָזיקייט, זיין אָפּגע־ריסנקייט פון דער נשמה־דערוואַרעמענדיקער ווירקלעכער נאָענט־קייט צום אייגענעם פאָלק.

ווי ווייט עס איז די דאָזיקע יללה פון זיין זעלבסטזיכער־קייט אין דער יוגנט, ווען ער האָט געוואָלט באַזינגן אַ יפה־פיה דורך אַ וואונק אויף זיין זשעני:

„מיין קינד, כ'בין אַ דייטשער דיכטער,
אין דייטשן לאַנד באַקאַנט;
דערמאָנט מען די בעסטע נעמען,
ווערט דאָרט אויך מיין נאָמען דערמאָנט".

צווישן די דאָזיקע אַנטיפּאָדישע אויסדרוקן פון היינעס נאַאיווער האָפנונג און היינעס זעעוודיק ווערן — ליגט דאָס גאַנצע לעבן פון דיכטער, וואָס איינער פון זיינע עיקרדיקע טענער איז די יידישע טראַגעדיע.

און ווער ווייס בעסער פאַר אונז, אַז די דאָזיקע טראַגעדיע האָט באַזירט אויף אַ סאָלידן פונדאַמענט? ווען מיר דרינגען אַריין אין איר מיט דער הילף פון פּאָעטס קאָרעספּאָנדענץ און ווערק, לייענען מיר זי נישט ווי אַ קלאַסישע, נאָר ווי אַ היינט־צייטיקע טראַגעדיע.

יאַקאָב וואַסערמאַנס דאָן־קיכאָטישער קאַמף

ווי אַ סך אַנדערע אָנגעזעענע פאָרשטייער פון דער היינט־צייטיקער דייטשער ליטעראַטור און פון היינט־צייטיקן דייטשן געדאַנק, איז אויך יאַקאָב וואַסערמאַן געווען אַ ייד. די באַציאונג פון דער דאָזיקער גאַנץ גרויסער און וואָגיקער גרופּע צו זייער יידישקייט שטעלט פאָר מיט זיך אַ גאַנץ גרויסע שקאַלע ניואַנסן, — פון אָטטאָ וויינינגערס לײדנשאַפטלעכן האַס ביז מאַרטין בובערס לײדנשאַפטלעכן יראת־הכבוד; פון דער אויסערלעכער אינדיפערענץ פון דער מערהייט ביז ריכאַרד בער האָפמאַנס באַגייסטערטן באַזינגען די יידישע אויסדערוויילטקייט. אָבער קיינער אפשר פון די היינטצייטיקע דייטש־יידישע שרייבער האָט נישט געליטן אַזוי שטאַרק אינערלעך פון זיין יידישקייט, ווי יאַקאָב וואַסערמאַן.

פון איין זייט האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ יידן, אָבער גלייכצייטיק האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט דעם, וואָס אויך אַנדערע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ יידן. דער דאָזיקער גרויסער קינסטלער און טיף־דענקנדיקער מענטש פלעגט אַריינפאַלן אין קינדישע סתירות, ווען ער פלעגט זיך צורירן צו זיין אָנגעווייטיקטן יידישן אָרט. דאָ פלעגט אים פאַרלאָזן אי זיין לאָגיק, אי זיין זיכערער אינסטינקט פון אַ דיכטער אַ פסיכאָלאָג. עס פלעגט אים אַ כאַפּ טון דער קעסל־גרוב פון זיין דייטש־יידישער פסיכישער צעריסנקייט און אים נעמען אַרומדרייען אינם אויסוועגלאָזן קרייז פונם אומהיילבאַרן קאָמפּלעקס.

אָנגעהויבן האָט ער זיין ליטעראַרישע קאַריערע מיטן יידישסטן ראָמאַן אין דער מאָדערנער דייטשער ליטעראַטור —

„די יידן פון צירנדאָרף", אָבער געגרויסט האָט ער זיך דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעשריבן די דייטשישסטע ראָמאַנען פון דער מאָדערנער דייטשער ליטעראַטור — „קאַספּאַר האַוזער" און „קריסטיאַן וואַנשאַפע". און טאַקע דאָס, וואָס נישט אַלע האָבן געטיילט זיין מיינונג וועגן דער אַרכי־דייטשישקייט פון זיינע שעדעווערען, איז געווען די הויפּט־טראַגעדיע פון דער דאָזיקער שעפעריש־ערלעבער נאַטור.

איך ווייס נישט, צי וואַסערמאַן האָט טאַקע פאַרקער־פערט אין זיין „וואַנשאַפע" שיעור נישט דעם טיפּסטן, כמעט מעטאַפיזישן מהות פון דער דייטשער נשמה, פון דייטשן כאַ־ראַקטער און פון דער דייטשער לאַנדשאַפט, ווי דאָס האָט זיך אים, וואַסערמאַנען, געדאַכט, — אָבער אַז „די יידן פון צירנדאָרף" האָט געקאָנט שרייבן נאָר אַ ייד — דערין איז נישטאָ קיין שום ספק. איך גלויב נישט, אַז כ'וועל אַ טעות האָבן, ווען איך וועל זאָגן, אַז נאָך היינעס אומגעלונגענעם פּרואוו אויסצודריקן די יידישע מאַרטירשאַלאָגיע אין זיין „רבי פון באַכאַראַך", האָט קיינער, ביז וואַסערמאַנען, נישט געגעבן אין דער דייטשער ליטעראַטור אַזאַ ריין־יידיש ווערק סיי לויטן אינהאַלט, סיי לויטן גייסט, ווי די „יידן פון צירנדאָרף", שוין אָפּגערעדט וועגן דעם זעלבשטענדיקן אַריינפיר צו „די יידן פון צירנדאָרף", וואָס טראָגט דעם נאָמען „שבתי צבי" און וואָס גיט איינע פון די פאַרביקסטע שילדערונגען פון דער דאָזיקער פינסטער־דער־הויבענער באַוועגונג.

קיין שום וואַסערמאַנס ווערק האָט מיך אַזוי שטאַרק נישט פאַרכשופט, ווי דאָס דאָזיקע כמעט יוגנטלעך ווערק זיינס. אין דאָזיקן ליידנשאַפטלעכן, מיט דעמאָנישער שיין באַלויכטענעם ווערק פילט זיך דער אויסברוך פון עפּעס טיפס, נאַציאָנאַל־קאָלעקטיווס, כמעט אונטער־באַוווסטזיניקס.

דאָס דאָזיקע בוך (באַזונדערס זיין זעלבשטענדיקן אַריינ־פיר, וואָס שטעלט אָן דעם טאָן פונם ווערק, גיט אים זיין פינסטער־פייערלעכע שטימונג), האָט געקאָנט שרייבן נאָר אַ ייד.

און ווען איינער פון די העלדן פון „די יידן פון צירנדאָרף",
דער מיסטיקער אַגאַטאָן, באַווייזט זיך אויף דער סצענע אויך
אין וואַסערמאַנס צווייטן בוך, אין „רענאַטאַ פוקס", ווערט
שוין אינגאַנצן קלאָר, אַז וואַסערמאַנס יידישקייט טראָגט נישט
קיין פּאַסיוון כאַראַקטער. כדי צו פאַרטראַכטן און אַזוי גוט
צו סקיצירן אַזאַ י י ד י ש ן מיסטיקער, אַ היינט־צייטיקן יידישן
נביא, ווי אַגאַטאָן, דאַרף מען זיין אַ ייד נישט נאָר לויט דער
געבורט, נאָר אויך לויטן גייסט, אפילו לויטן באַוואוסטזיין.
(און מען דאַרף בלויז פאַרקוקן אין וואַסערמאַנס גרויסע, אומע־
טיקע אויגן אונטער זיין ריזיקן שטערן פון אַ עילוי, כדי צו זען
פאַר זיך אַ טיפּישן יידן, וועלכער טראָגט אין זיך די גאַנצע
לאַסט פון יידישקייט).

„די יידן פון צירנדאָרף" זענען אַ יידיש בוך פון גרויסער
דיכטערישער און וויזיאָנערער קראַפט. צוליב דעם אַליין וואָלט
זיך געלוינט צו ברענגען עטלעכע ציטאַטן פון אים (סיי פונם
פּראָלאָג, סיי פונם בוך גופא), בפרט אַז דאָס בוך גיט אַן אריינ־
בליק אין די קוואַלן פון וואַסערמאַנס יידישקייט־טראַגעדיע און
עס שילדערט אַזוי בולט דעם היטלעריזם, — סיי זיינע טיפּן,
סיי זיינע אַרגומענטן, סיי אונזער היינטיקע שטימונג...

אָט איז אַ ציטאַט פונם פּראָלאָג „שבתי צבי":

„...עס האָט זיך זיי געוואָלט גלויבן און עס האָט זיי גע־
צויגן צו דאָס קומענדע מיט אומגעצווימטער באַגייסטערונג.
מיט שמחה האָבן זיי געוואָלט פאַרלאָזן אַ לאַנד, וואָס האָט זיי
געגעבן נאָר פאַראַכטונג און אוממענטשלעכע גרויזאַמקייט.
עס האָט אויסגעזען גאַנץ לייכט אַלצדינג צו וואַרפן הינטער זיך,
ווען פון מזרח האָט גערופן צו זיך די גוטע פּאַשע פון נחלת
אבות, ווען אַ קעניגלעכער נביא האָט זיי גערופן צו אַ בונד,
וואָס וועט נישט צעשטערט ווערן. דאָס היגע לאַנד איז פאַר
זיי קיין פאָטערלאַנד נישט געווען און וועט עס קיינמאָל נישט
ווערן, מעגן זיך אפילו די צייטן בייטן".

„שבתי צבי איז געוואָרן אַ מוסולמענער, און אַנדערע

זאָגן, אַז לפּנים. איז דער ייד געוואָרן אַ קולטור־מענטש, און אַנדערע זאָגן, — אויך לפּנים".

צי דען ווילט זיך נישט צוגעבן פון זיך אַליין: „און וואַ־סערמאַן איז געוואָרן אַ דייטש, און אַנדערע זאָגן, אַז לפּנים..."

דער דאָזיקער חשד וועט נאָך גרעסער ווערן, ווען מיר וועלן ברענגען עטלעכע ציטאַטן פונם בוך, וואָס דער פּראָלאָג גיט אים נאָר דעם טאָן, די שטימונג, די וויזיאָנערע אויסטיי־טשונג.

אַגאַטאָן, דער יידישער מיסטיקער פון „רענאַטאַ פוקס, פרעגט, אַלס קינד, זיין פאָטער אין „די יידן פון צירנ־דאָרף":

„אַגאַטאָן: איז דאָס אמת, אַז מיר פאַרגיסן דאָס בלוט פון אַלע פעלקער?

— וואָס פאַר אַ דבורים זענען דאָס?

— מיר האָבן יעזוסן געקרייציקט און...

— מיר? נישט מיר, אַגאַ!

— אָבער אָן דעם וואָלט ער דאָך יעזוס נישט געוואָרן. זיי האָבן אַלזאָ אונז צו פאַרדאַנקען פאַר יעזוסן!

— נאַטירלעך!

— אָבער... — האָט אַגאַטאָן ווייטער גערעדט, מאַכנדיק אַ מאָדנעם געדאַנקען־שפּרונג. — מיר האָבן נישט קיין פאָטער־לאַנד.

— פאַרוואָס נישט? דאָ איז אונזער פאָטערלאַנד! דייטש־לאַנד! אונז באַשיצט דער קייזער און דאָס געזעץ.

— טאַטע, אָבער קייזער און געזעץ זענען נישט דייטש־לאַנד, און וואו מען מוז באַשיצט ווערן, איז מען אויך נישט אין דער היים!"

און אַגאַטאָן מאַכט דעם אויספיר, וואָס קיין שום העלד אין דער יידישער ליטעראַטור האָט אים נישט געמאַכט מיט אַזאַ אָפנקייט און קראַפט:

„מער וועט שוין די מילדקייט נישט רעגירן, נאָר די קראַפט. מיר וועלן האַסן אונזערע פיינט, האַסן, האַסן!"

דאָס, וואָס וואַסערמאַנס קינד האָט געוואוסט אַזוי לאַנג פאַרן היטלעריזם, האָט אונזער דור נאָכן היטלעריזם נאָך נישט באַגריפן.

בכלל איז דאָס בוך נביאיש אין אַ סך הינזיכטן. איר האָט דאָרט דעם דייטש דיטריך שפּערלינג, וועלכן וואַסערמאַן שילדערט אַלס „אור־בילד פון די גערמאַנער" (היטלעריסטישער זשאַרגאָן!) און וועלכער האָט פיינט די יידן דערפאַר, ווייל זיי האָבן — דורך דעם קריסטנטום — געמאַכט די גערמאַנער פאַר מאַנאַכן, ווייל (ווי באַיעזען, אַ לערער, ווי אַרויסגענומען פון אַ היינט־צייטיקן ראָמאַן וועגן היטלעריזם, דריקט דאָס אויס): „דאָס קריסטנטום וואָלט שוין לאַנג די נשמה אַרויסגעלאָזן, ווען דאָס יידנטום וואָלט נישט געווען, אָפּגעזען דערפון, וואָס דאָס וואָלט אָן זיי גאַרנישט געקומען, און די גערמאַנישע פעלקער וואָלטן זיך געשאַפן אַ גאָט נאָך זייער גייסט..."

מיט איין וואָרט, איר קאָנט אין „די יידן פון צירנדאָרף" זען אַ נביאישע שילדערונג פון גאַנצן היטלעריזם, סיי פון זיין תורה, סיי פון זיינע טיפּן, ביז אַ לעבנס־טרייען געבעלס. אָבער מערער נאָך ווי וואַסערמאַנס יידישע שפּירבאַרקייט, וואָס ער ווייזט אַרויס אין דאָזיקן יידישסטן ראָמאַן, אינטערעסירן אונז דאָ די שטעלן, וואָס ווייזן אונז ווי וואַסערמאַנס יידישער זעלבסטהאַס איז געבוירן געוואָרן.

„ער (אַגאַטאָן) האָט דערפילט אַן אייזערנע שייכות צווישן זיך און זיין פאָלק (ביים זען דעם אומגליק פון דער רוסיש־יידישער משפחה — י. ר.), און דאָך האָט ער געהאַסט אָט דאָס פאָלק—איצטער נאָך מער ווי אַלעמאָל. און ער האָט געהאַסט אָט די אַלע, וועלכע האָבן פון זיך אויסגעטון דאָס רעליגיעזע קלייד און זענען ווי חורבות פון אַ גרויסן בנין פאַרלוירן אַרומגע־שוואומען איבערן אָקעאַן פון לעבן, פאַראַכטעט אָדער מעכטיק, דאָך אויף יעדן פאַל טעלערלעקער ביי אַ פרעמדן שבט. אין מיטן

פונם דייטשן לעבט אַ פרעמד פאָלק, פול מיט געצוואונגענער פריילעכקייט, און אַן אומזיכטבאַרן געטאָ. דער אַלטער הערלעכקייטס־געדאַנק איז ווי מיטן ווינט אַוועק, און מיט די שפּורן פון צוויי־טויזנט־יאָריקן עלנט אויפן לייב שפּילן זיי די ראָליע פון הארן, וויצלענדיקע הארן, שאַרפזיניקע הארן, הינטיש־הכנעהדיקע הארן, אָדער פול מיט עקלהאַפטער חוצפה, דאָך שטענדיק מיט אומגעצוימטער ערגייציקייט..."

דער טיפּישער קוואַל פון יידישן זעלבסט־האַס: היות ווי מען קאָן נישט ענטפערן דער וועלט מיט דעם, וואָס זי פאַר־דינט (האַס! האַס! האַס! — ווי דער קליינער אַגאַטאָן פּילט דיכטיק מיט וואַסערמאַנען), אַנטלויפט מען פון פּסיכישער נישט אַנטשפּאַנטער שפּאַנונג צו זעלבסט־פאַראַכטונג, צו זעלבסט־האַס פּראָאיצירט אויף דרויסן, אויף די ברידער־יידן, — דער זעלבסט־האַס האַסט אין זיי זיך. „קיין זאַך פּלעגט אים אַזוי נישט הנאה טון, — זאָגט וואַסערמאַן וועגן אַגאַטאָנען, — ווי ווען מען פּלעגט אים נישט אָננעמען פאַר קיין יידן", — אויב אַזוי — פּלעגט זיין פּסיכאָלאָגיע טריאומפירן — דאַרף ער זיך נישט פאַראַכטן, ער איז נישט ענלעך אויף די, וועלכע פאַרדינען פאַראַכטונג.

און איצט קומען מיר צום קלימאַקס פון אַגאַטאָן־וואַסער־מאַנס זעלבסט־האַס:

„באַלד ווי ער (אַגאַטאָן) האָט אַ קוק געטון אין אָט דעם ליגנערישן פּנים (פונם דיכטער גודשטיקער־געבעלס — י. ר.), איז ער ווי אַנטוואָפנט געוואָרן. עס איז געווען דער שקר אַליין, וועלכער איז פאַר אים אַרויסגעטראָטן אין זיין גאַנצער ברו־טאַלער אומבאַקימערטקייט. גלאַטקייט און שפּיציקייט, צבועקי־שע ערנסטקייט, — אַגאַטאָן האָט פאַר דעם נישט געפונען קיין אַנדער וואָרט, ווי דאָס וואָרט „יידיש" אין זיין העסלעכסטן זין. גודשטיקער האָט פאַר אים געשיינט צו זיין די יידישסטע נאַ־טור, וועלכע ער האָט ווען געטראָפן".

ווי איינער זאָגט: איר זאָגט, אַז „יידיש" איז אַלדאָס בייז?

אָבער אָט איז גאָר די יידישסטע נאַטור דער דייטשער שריפט־שטעלער גודשטיקער. און אָט איך, יאַקאָב וואַסערמאַן, דער ייד, בין דער עכטער דייטש.

און דער דיכטער פון שבתי צבי און פון „די יידן פון צירנדאָרף" האָט נישט געפילט, ווי ער פאַרענדיקט מיט בייגן די קני פאַר די שונאים, וועלכע ער דאַרף האַסן; ער האָט איבערגענומען זייער שנאה צו זיך אַליין.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז וואַסערמאַן גופא האָט זיך מודה געווען, אַז ער פילט זיך אומגליקלעך אין דער אָנוועזנהייט פון מזרח־יידן, בנוגע וועלכע מען קאָן נישט האָבן קיין טעות. אַגאַטאָן־וואַסערמאַן האָט אָנגעהויבן פיינט האָבן די יידן פאַר „אויסטון דאָס רעליגיעזע קלייד", אָבער געענדיקט האָבן זיי מיט פיינט האָבן גראָד די יידן, וואָס מען דערקענט נאָך אויף זיי דאָס רעליגיעזע קלייד.

„איך האָב נישט געקאָנט פילן קיין שום ברודערשאַפט אָדער אפילו קרובהשאַפט. ער איז מיר געווען אינגאַנצן פרעמד, פרעמד אין אַלץ, אין יעדן אויסדרוק, אין יעדן אָטעם, און ווען ער האָט נישט געקאָנט אַרויסרופן מיין סימפּאַטיע צו זיך, אַלס פּערזאָן, איז ער מיר אפילו געווען דערווידער".

דאָס זעלבע זאָגט אויך לודוויג לואיסאָן: יידן האָבן פיינט יידן אין דער אייגענער נאַענט, ווייל זיי דערמאָנען צופיל אין — זיך, אין דער שנאה צו זיך, און דערפאַר האָט דער יידישער זעלבסט־האָס פיינט יידן, די יידישלעכסטע יידן, די מזרח־יידן.

און אָט דער וואַסערמאַן, דער שעפער פונם יידישלעכסטן ראָמאַן אין דער דייטשער ליטעראַטור, סיי אין פּאָזיטיוון זין, סיי אין נעגאַטיוון, איז זיכער געווען (יעדנפאַלס האָט ער זיך פאַרזיכערט), אַז ער איז דער דייטשישסטער שרייבער פון דער מאָדערנער דייטשער ליטעראַטור, אַז קיינער האָט אַזוי טיף נישט פאַרקערפּערט אין געשטאַלטן די דייטשע נשמה, ווי ער. וואָלט ער געמיינט מיט דעם די דייטשע געשטאַלטן פון

„די יידן פון צירנדאָרף", וואָלט ער געווען גערעכט, — אָבער גראָד די ריכטיקסטע דייטשע געשטאַלטן זיינע האָט ער גע־קרוינט מיטן נאָמען „יידישע"...

איז דען נאָך דעם אַלעם אַ וואונדער, וואָס דער דאָזיקער מענטש האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געפּייניקט מיט זיין צעריסנקייט און מיט דער אומגערעכטיקייט פון דער אַרומיקער דייטשער סביבה?

ער האָט מיט געוואָלט דערשטיקט אין זיך די שעפּערישע אינטואיציע, וואָס האָט אים געפירט צו דער עפּאָכע פון „שבתי צבי", כדי פון איר צו שעפּן דעם געהעריקן טאָן פאַר דער שילדערונג פונעם היינט, און האָט זיך געמאַטערט צו געבן אַן אויסדרוק דער „אידעאַלער" דייטשער נשמה.

וואַסערמאַן זאָגט וועגן אַגאַטאָנען:

„אַגאַטאָן האָט אַלצדינג געזען... קיינמאָל איז אין זיין נשמה נישט געווען אַזוי שטאַרק דער הייסער פאַרלאַנג צו ברענגען פרייד דער דאָזיקער טונקעלער וועלט (דער יידישער וועלט — י. ר.) וואָס אַרום זיך. פרייד!"

אָבער וואַסערמאַן האָט דערשטיקט דעם דאָזיקן פאַר־לאַנג, וואָס האָט אים גופא געקאָנט פאַרשאַפן פרייד פון שאַפן אוממיטלבאַר, פון מאַכן גאַנץ זיין נשמה, פון זיין אַ גרויסער דיכטער ביי אַן אייגן פאָלק.

* * *

אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, האָט וואַסערמאַן אַרויסגעגעבן אַ קליין ביכל אונטערן נאָמען: „מיין וועג אַלס דייטש און ייד". אין דאָזיקן ביכל האָט ער אַרויסגעשטעלט אדם־נאַקעט זיין לעבנס־לאַנגע טראַגעדיע. דאָס דאָזיקע ביכל איז אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער דייטשער געזעלשאַפט, וואָס וויל בשום אופן נישט אָנערקענען אַלס גייסטיק־דיינעם דייטש דעם שעפער פון אַרכי־דייטשן ראָמאַן „קאַספּאַר האַוזער".

דאָס דאָזיקע קליינינקע ביכל איז אַן אוצר פאַר וואַסער־

מאַנס ביאָגראַף, באַזונדערס פאַר אַזאַ, וואָס אינטערעסירט זיך מיטן יידישן קאָמפּלעקס פון דאָזיקן גרויסן שרייבער.

אָבער דאָס דאָזיקע ביכל איז נישט דער איינציקער מענטש־לעכער דאָקומענט, וואָס וואַרפט אַ שיין אויף אָט־אָ־דער קרענק־לעכער דערשיינונג אין וואַסערמאַנס לעבן. אין זיין גרויסן באַנד „לעבנסדינסט", אין וועלכן עס זענען צונויפגעזאַמלט וואַסערמאַנס אַלע אַרטיקלען, עסייען, אָפענע בריוו און רעפע־ראַטן, קאָן מען געפינען נאָך מער מאַטעריאַל וועגן דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונז דאָ.

וואַסערמאַן האָט זיך אַ סך באַשעפטיקט מיט דער פראַגע וועגן אונטערשיד צווישן אַ „ליטעראַט" און אַ „שרייבער אַ שעפער". אין פּרעכטיקן און טיפן עסיי אונטערן טיטל „דער ליטעראַטאָר אָדער מיטאָסשאַפונג און אינדי־ווידואַליטעט", אָנגעשריבן נאָך אין 1909, פּאַרזי־כערט וואַסערמאַן, אַז דער ליטעראַטאָר איז אָפּגעריסן פונם מיטאָלאָגיש־פאַרבינדנדיקן, פון מיטאָלאָגיש־טיפן. אַ ליטעראַ־טאָר איז אַ מענטש, וואָס איז אָפּגעריסן פון קאָלעקטיוו, אַן אינדיווידואַליסט אין שלעכטן זין פון דאָזיקן וואָרט. און צווישן יידן זענען דאָ אַזוי פיל ליטעראַטאָרן צוליב דעם, וואָס זיי זענען אָפּגעריסן פון די טיפע כוחות פון קאָלעקטיוון פאָלקס־לעבן, וואָס עקזיסטירט גאָרנישט פאַר זיי, ווייל אַזאַ יידיש לעבן איז גאָר נישטאָ. אָט ווי ער רופט זיך אָפּ וועגן יידן אין זיינע צוויי אָפענע בריוו צום אַנאָנימען דייטשן פילאָזאָף:

„איך מיין, אַז אייער הויפּט־טעות באַשטייט אין דעם, וואָס איר האַלט די יידן פאַר אַ פאָלק. אָבער זיי זענען דאָס נישט און זיי וועלן שוין קיינמאָל דאָס נישט זיין. די יידן זענען אַ סומע יחידים".

און וואַסערמאַן, וועלכער האָט פיינט דעם ליטעראַטאָר צוליב זיין אָפּגעריסנקייט פונם קאָלעקטיוו, — דעם איינציקן טרעגער פון די טיפע שעפערישע כוחות, — לייקנט פאַרן זעלבן

אַנאָנימען דייטשן פילאָזאָף זיין אינטימע באַציאונג צום יידנ־טום.

אין זיין עפנטלעכן ענטפער דעם דאָזיקן פילאָזאָף, וועל־כער האָט אין אַ פּריוואַטן בריוו אים פאָרגעלייגט צו פאַראינ־טערעסירן זיך מיטן ציוניזם, ווי מיט דער איינציקער לייזונג פון דער יידישער (און פון דער וואַסערמאַנישער) פּראָבלעם, האָט וואַסערמאַן געשריבן:

„פּונקט ווי איך, האָט אויך ער (וואַלטער ראַטענוי, וועגן וועלכן דער דייטשער פילאָזאָף דערמאָנט אין זיין בריוו — י. ר.) זיך געפילט אַלס דייטש. פּונקט גענוי ווי איך, האָט ער זיך געפילט פאַרשטויסן פון די דייטשן, נישט פאַרשטאַנען און נישט באַלוינט פאַר זיין גאַנצער ליבע און דער גרייטקייט אויף קרבנות".

אָט אין דעם ענטפער דעם דייטשן פילאָזאָף, ווי אויך אין זיין באַציאונג צום יידן אַלס צו אַ פאַרהאַסטן ליטעראַטאָר, טרעט בולט אַרויס דער וואָרצל פון וואַסערמאַנס קאָמפּלעקס. ער, וועלכער האָט אין משך פון זיין גאַנצן לעבן נישט געקאָנט אויסוואָרצלען אין זיך דעם יידן, וועלכן מען האָט אַזוי דייטלעך געזען נישט נאָר אין זיינע אויגן, נאָר אויך אין זיינע „יידן פון צירנדאָרף", אין זיין „שבתי צבי" (דעם זעלבשטענדיקן פאָרוואָרט צו „די יידן פון צירנדאָרף"), אין זיין אַגאַסאַנען, — ער האָט פאַר יעדן פּרייז געוואָלט ווערן אַ דייטש און ער האָט עקשנותדיק זיך באַטראַכט פאַר אַ דייטש. און ווען די דייטשע סביבה האָט געזען אין דעם יידן, פלעגט ער נעמען פאַרצווייפלט שרייען („מיין וועג אַלס דייטש און ייד" און אַנד.) און זיך פאַרפלאָנטערן אין סכאָלאַסטישע נעצן ביי זיינע אומצאָליקע פּרואוון אויסצוגלייכן זיין אייגענע צעצווייטע לאַגע.

לאָמיר־זשע, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך, פּרואוון אויפ־צופלאָנטערן דעם דאָזיקן פאַרפלאָנטערטן קנויל, ווייל עס איז זייער באַלערנדיק צו וויסן, צו וואָס עס קאָן דערגיין אפילו אַזאַ

פּאַרשטאַנד, ווי יאַקאָב וואַסערמאַנס, ווען ער זאָגט זיך אָפּ צו זען, אונטער דער ווירקונג פון אַ קאָמפּלעקס, קלאָרע זאַכן מיט קלאָרע אויגן און פאַרעקשנט זיך נישט אַנדערש ווי נאָר צו פאַראייניקן דאָס אומפאַראייניבאַרע.

*　*　*

אינם „דאָן־קיכאָטישן" קאַמף פאַר זיין „דייטשישקייט", דערגייט וואַסערמאַן אַזוי ווייט, אַז ער שטעלט די דייטשע אַרכי־נאַציאָנאַליסטן (די דייטש־פעלקישע) אַ בולט נאַרישע פראַגע: ווער פון זיי, פון די דאָזיקע פעלקישע, איז נאָך מיט אַ פופציק אָדער הונדערט יאָר צוריק געווען אַ סלאַוו, אַ רומענער, אַ סקאַנדינאַוועך? אָבער זיינע, וואַסערמאַנס, אבות האָבן שוין זייט אַזוי פיל יאָרהונדערטער געלאָזן וואָרצלען אין דער דייטשער ערד. ער פאַרגעסט, אַז עס גייט נישט אין דעם, וואָס אַ מענטש איז געווען, נאָר אין דעם, וואָס אַ מענטש איז געוואָרן. און די דאָזיקע אַרכי־נאַציאָנאַליסטן, וועלכע זענען נאָך מיט פופציק יאָר צוריק געווען רומענער, פילן זיך היינט בלויז אַלס דייטשן אָדער, ריכטיקער: זיי פילן זיך לגמרי נישט אַלס רומע־נער. זייער פריערדיקע נאַציאָנאַליטעט איז אין זיי אויסגע־לאָשן געוואָרן, בעת ער, וואַסערמאַן, איז אַליין מודה, אַז „אַ גאַנץ לעבן האָב איך זיך געפּייניקט מיט דער דאָזיקער פּראָבלעם (פון זיין יידישקייט — י. ר.), באַטראַכטנדיק זי פון אַלע זייטן... איך האָב דורכגעליטן אירע פּיינען און סתירות ביז די לעצטע גרענעצן פון אויסהאַלטעוודיקייט".

איז טאַקע קיין וואונדער נישט, וואָס מיד פון דאָזיקן עקרדיקן קאַמף, פון דער דאָזיקער סיזיף־אַרבעט, פאַרמאַכט וואַסערמאַן די אויגן און פאַרזיכערט, ווי אַ קינד, אַלע אַרומיקע: „איך בין נישטאָ, — נישטאָ וואַסערמאַן דער ייד". אָבער־פונקט אַזוי איז קיין וואונדער נישט, וואָס אַלע אַרומיקע זעען אים, פאַר זיי עקזיסטירט ער, הגם מיט צוגעמאַכטע אויגן. ער עקזיסטירט מיט יענע זינלאָזיקייטן און מיספאַרשטייענישן, וואָס רעזולטירן פונם צושטאַנד פון פרייוויליקער בלינדקייט.

* * *

מיר האבן שוין אויבן אנגעוויזן אויף דעם, אז דער שעפער וואסערמאן האט פיינט דעם אוינוך דעם ליטעראטאר, וועלכער איז אן אינדיווידועל שטויבעלע, אפגעריסן פונם פאלקס־מיטאס. און ער פארזיכערט, אז „דער ייד, אלס איירא־פעער, אלס קאסמאפאליט, איז נישט עפעס אנדערש, ווי א ליטעראטאר...״

טא ווי אזוי־זשע האלט זיך וואסערמאן פאר א שעפערישן מענטשן, הגם ער איז אפגעריסן פון יידנטום, פון זיין פאלקס־באזע, הגם ער, אלס ייד, איז אומפארמיידלעך אן אינדיווידואליסט? און אלס ייד (הגם אלס צוגאב צום „דייטש״ אין זיך) באטראכט ער זיך דאך, ווייל יענער ייד (אפילו לויט וואסערמאנס אייגענע ווערטער), וועלכער האלט זיך נישט פאר קיין יידן, פארמאגט נישט קיין שום ווארצלען און ווערט א קאסמאפאליט, ד. ה. א ליטעראטאר — דער נידעריקסטער טיפ, לויט וואסערמאנען!

ווי אזוי־זשע ראטעוועט מען זיך פון דער דאזיקער פארפלאנטערטער נעץ, וואס וואסערמאן גופא האט אויסגעפלאכטן פאר זיך?

דאס פשוטסטע וואלט געווען אדער אינגאנצן נישט אנצונעמען די דאזיקע טעאריע פון די דייטש־פעלקישע (ווייל ביי זיי האט ער זי גענומען), וואס זאגט, אז א דיכטער א שעפער קאן זיין נאר א דייטש, בעת א ייד קאן זיין בלויז א ליטעראט, אדער אננעמען זי מיט געהעריקע מאדיפיקאציעס: 1) נישט נאר א דייטש קאן זיין א דיכטער, — א דיכטער קאן זיין יעדע שעפערישע פערזענלעכקייט, וואס איז פארווארצלט אין א פאלק, אין א געמיינשאפט, אין א קולטור; און 2) נישט נאר א ייד, יעדער מענטש פון א וואסער נישט איז פאלק, וואס איז נאציאנאל־ווארצללאז, קולטור־ווארצללאז, קאן דערגרייכן בלויז די מדרגה פון א ליטעראט. און מאכן פון דער דאזיקער ריכטיק מאדיפיצירטער טעאריע די געהעריקע אויספירן.

אָבער וואַסערמאַן האָט אָנגענומען די טעאָריע, ווי זי שטייט און גייט, פּונקט ווי זיין קינדערשער העלד פון „די יידן פון צירנדאָרף", אַגאַטאַן, נעמט אָן דעם דיכטער גודשטיקער־געבעלסעס לערע וועגן דעם, אַז „איין סאָרט יידן שיינען צו זיין אויסדערווײלט פאַר אַלץ וואָס גוט איז, גרויס און פּראָפעטיש. די אַנדערע אָבער, די מערסטע, זענען ווערים, שלאַנגען, מיסט. איך האַלט, און דאָס לאָזט זיך אויך גאָרנישט אָפּפרעגן, אַז אונזער גאַנצע קולטור־קראַנקהייט הייסט — יידנטום".

וואַסערמאַן האָט אָנגענומען די דאָזיקע לערע, פּונקט ווי זיין קינדער־העלד אַגאַטאָן (וועלכער האָט, דערזעענדיק גודשטיקערס גאַנצן שקר, אים באַצייכנט אַלס „יידיש"), און ער האָט אַלע יידן־קאָסמאָפּאָליטן פּאַראורטיילט אַלס ליטעראַטן, אַליין זיך ראַטעווענדיק צו דער קליינער מינדערהייט, וועלכע גודשטיקער באַצייכנט אַלס פּעאיק „פאַר אַלץ וואָס גוט איז, גרויס און פּראָפעטיש".

אָבער פאַרן דאָזיקן ציל (זיך אַרויסצוראַטעווען פונם המון, וואָס איז פאַראורטיילט צום ליטעראַטנטום) מוז ער בויען אַ גאַנצע קאַזואיסטישע טעאָריע וועגן צוויי סאָרטן יידן (הגם די דאָזיקע טעאָריע איז אַזוי אומקלאָר, אַז וואַסערמאַן מוז דאָס אַליין מודה זיין).

דער ערשטער סאָרט יידן זענען — יידן־אייראָפּעער, וועלכע זענען בלויז (ווען זיי ווילן ווערן שרייבער) ליטעראַטאָרן־קאָסמאָפּאָליטן; און דער צווייטער סאָרט יידן זענען — יידן, אַלס טיפּ פון מזרח־מענטשן, אָבער, נאַטירלעך, — ווי וואַסערמאַן גיט זיך שנעל אַ כאַפּ און באַוואָרנט זיך, — נישט אין עטנאָגראַפישן זין, נאָר „אין מיסטישן". דער דאָזיקער טיפּ פון מיסטישן מזרח־יידן קאָן זיין אַ שעפער.

נישט אומזיסט שרייבט וואַסערמאַן אין זיין „מיין וועג אַלס דייטש און ייד", אַז די אור־אבות פון זיין מאַמעס צד זענען קיין דייטשלאַנד געקומען פון שפּאַניע...

און דערווייזנדיק מיט זיין טעאָריע, אַז דער יידישער

פּלפּול איז נאָך לעבעדיק אינם דייטש־מזרחדיק־מיסטישן וואַ־סערמאַן, נעמט ער מאָלן מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טאַלאַנט די דאָזיקע אַנטיפּאָדישע יידן.

„דאָס איז דער קעגנזאַץ צווישן פאַרוועלקונג און פרוכט־באַרקייט, צווישן אָפּגעזונדערטקייט און צוגעהעריקייט צו אַ קאָלעקטיוו, צווישן אַנאַרכיע און טראַדיציע; זיך אָפּרייסן פון דער פאַרגאַנגענהייט — אָט אין וואָס עס באַשטייט דער ליידנ־שאַפטלעכער פאַרלאַנג פונם יידן, וואָס שטייט אָפּגעזונדערט. עס פעלט אים פאַנטאַזיע, כדי האַרמאָניש צו פאַראייניקן אין זיין גייסט צוויי פאָרמען פון עקזיסטענץ, וואָס זענען פאַרשידן בלויז אויסערלעך (ד. ה. די פאָרמען פון אַ ייד און פון אַ דייטש — י. ר.), און דעריבער זאָגט ער זיך אָפּ פון איין פאָרם, וואָס פאַרמאָגט וואָרצלען. אַן אילוזיע, וואָס פאַרטיי־דיקט אים נישט פון שטענדיקן געפיל פון טיפער אומזיכער־קייט אין זיין פּאָזיציע; ...היות ווי ער לעבט אין אַ לעבעדיקער קעגנזייטיקער באַווירקונג און אָן אַ טיפער אַנגעהעריקייט צום קאָלעקטיוו, ...שטעלט ער פאָר מיט זיך אַ טרויעריק בילד פון תמידער געשפּאַנטקייט, פון כסדרדיקער גיריקייט, פון איי־ביקער אומרואיקייט. מיר קענען זיי דאָך — די דאָזיקע טויזנ־טער, אַזוי גערופענע היינט־צייטיקע יידן, וועלכע גראָבן אונטער אַלע פונדאַמענטן, ווייל זיי גופא האָבן נישט קיין פונדאַמענט... אין דער טיפעניש פון זייערע הערצער גלויבן זיי בלויז אין פרעמדס, אין פרעמדאַרטיקס...״

וואַסערמאַן שילדערט דעם יידישן טיפּ פון אַן אייראָפּע־אישן קאָסמאָפּאָליט זייער בולט, פאַרבנרייך, אָבער נישט ווילנ־דיק שטעלט זיך פאַר אונז די פראַגע — צי האָט ער נישט דערקענט דעם דאָזיקן טיפּ פון דער ערשטער האַנט? צי זעט נישט אויס דער דאָזיקער גוטער פּאָרטרעט, ווי וואַסערמאַנס אַ זעלבסט־פּאָרטרעט?

לאָמיר זיך אָבער דערווייל אָפּהאַלטן פון שטעלן פראַגעס

און לאָמיר אַ קוק טון, ווי אַזוי וואַסערמאַן שילדערט דעם טיפּ פון אַ מזרח־ייד.

„דער דאָזיקער קאָן נישט פאַרלירן זיין וועג, ווייל זיין באַוואוסטזיין, דאָס באַוואוסטזיין פון אייגן בלוט, שמידט אים צו צו דער פאַרגאַנגענהייט און לייגט אויף אים אַרויף אַ גרויסע אחריות פאַר דער צוקונפט... ער איז — פריי, און יענע זענען — קנעכט".

די דאָזיקע, אין תוך ריכטיקע, קעגנאיבערשטעלונג נעמט ווימלען מיט סתירות, אויב מען פאַריאָגט נישט דעם געשפּענסט פונם מיסטיש־מזרחדיקן יידן און מען פאַרבייט אים נישט מיטן רעאַלן נאַציאָנאַלן יידן פון פלייש און בלוט. אָבער וואַסערמאַן טוט דאָס נישט און די סתירות וואַקסן אַן חמרימוויז אין זיינע עסייען וועגן דער יידן־פראַגע.

אויבן האָבן מיר געזען, אַז ער פרעגט בכלל אָפּ די מעגלעכקייט, יידן זאָלן זיין פאַרבונדן מיט אַ קאָלעקטיוו, ווייל זיי זענען אומהיילבאַרע אינדיווידואַליסטן. און מיטאַמאָל וואַרפט ער פאַר די יידן־קאָסמאָפּאָליטן, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון זייער יידישער פאַרוואָרצלטקייט. צי קאָן מען זיך דען אָפּ־זאָגן פון אַ זאַך, וואָס מען באַזיצט נישט? און ווי אַזוי קאָן דער מיסטישער טיפּ פונם מזרח־ייד זיין פאַרבונדן מיט זיין יידישקייט, אויב זיין גורל איז צו זיין אַן אינדיווידואַליסט? די יידן, שרייבט דאָך וואַסערמאַן, זענען נישט קיין נאַציע און זיי וועלן דאָס שוין קיינמאָל נישט זיין?

ווייזט אויס, אַז דאָ רעדט אין וואַסערמאַנען די קראַפט פון אַטאַוויזם: די ירושלים של מעלה פון זיינע אור־אבות, האָט זיך ביי אים פאַרוואַנדלט אין ישראל של מעלה — אַ מיס־טישער טיפּ ייד, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ מיסטישן יידישן פאָלק.

נישט אומזיסט האָט וואַסערמאַן נישט געקאָנט ליידן נעבן זיך קיין קאָנקרעטע מזרח־יידן, — ער האָט דעם דאָזיקן טיפּ

ליב געהאַט בלויז אַלס מיסטישן שאָטן, וואָס נאָר ער זעט אים, אָבער נישט די אָרומיקע אַנטיסעמיטן...

וואַסערמאַן איז געווען אַ צו טיפער מענטש און טיף אין זיך האָט ער זיך צו פיל געשפּירט אַלס ייד, כדי צו זיין איינער פון יענע טויזנטער היינט־צייטיקע יידן, וועלכע ער האָט אַזוי גוט כאַראַקטעריזירט. און דאָך איז ער געווען איי־נער פון זיי, הגם אַזאַ, וואָס שטייט אויף אַ העכערן שטאַפּל פון גייסט. אויך ער האָט זיך אָפּגעוואָרפן פון זיין קאָנקרעטער יידישקייט, פון זיין פאָלקס־קאָלעקטיוו, וועלכן ער האָט אַזוי טיף געשפּירט אין „די יידן פון צירנדאָרף", אָבער ער האָט געזוכט דערפאַר אַן אידעאָלאָגישע פּלאַטפאָרם. און ער האָט געפונען די פאָרמולע פון דעם מיסטיש־מזרחדיקן ייד.

היות ווי דאָס איז אָבער געווען נישט גענוג, האָט ער זיך אויסגעשמידט אַ ניי געווער פון דער אַלטער פאַרזשאַווער־טער מיסיע. ער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן זיין יידישקייט (סיי צוליב אינערלעכע, סיי צוליב דרויסנדיקע סיבות) און ער איז נישט געווען בכוח אָפּצוזאָגן זיך פון זיין אילוזיע (פון דער אילוזיע פון אַ ייד — אַ קאָסמאָפּאָליט), אַז ער איז אַ הונדערט־פּראָצענטיקער דייטש, און דעריבער האָט ער געלייגט אויף זיין דאָזיקער פּסיכישער וואונד איין אידעאָלאָגישן פּלאַסטער אויפן צווייטן: די יידן, וועלכע זענען נישט קיין נאַציע, נאָר צעוואָרפענע שטויבעלעך יחידים, פאַרמאָגן דאָך און דערפילן עפּעס אַ (ווידער אומקלאָרע) מיסיע. און די דאָזיקע מיסיע־יידן זענען דאָס די מיסטיש־מזרחדיקע, און הגם זיי זענען פאַר־בונדן דורכן באַוואוסטזיין פון בלוט־געמיינזאַמקייט, ...דאָך קענען זיי זיין מער דייטש, ווי אַ סך דייטשן.

און דאָס איז נאָך נישט אַלץ, — וואָס ווייטער ווערט אַלץ ערגער.

מען וואָלט געמעגט מיינען, אַז וואַסערמאַן, וועלכער באַגרייפט די גרויסע באַדייטונג פון פאַרבונדן זיין מיט אַ פאָלקס־קאָלעקטיוו דורך בלוט און באַוואוסטזיין, וועט באַ־

טראַכטן פאַר אַ קללה, וואָס די יידן (ווי ער גלויבט) זענען נאָר צעשאָטענע אינדיווידועןֿ. צום סוף שטעלט זיך אַרויס, אַז ניין; פאַרקערט, דאָס ליגט נאָר אויף דער ליניע פון זייער מיסיע־אַספּיראַציעס.

„דערין (וואָס די יידן זענען בלויז אַ סומע אינדיווידועןֿ — י. ר.) איז זייער אומגליק, דערין איז זייער אייראָפּעאישע פאַר־גאַנגענהייט, דערין איז זייער אַלמענטשלעכע צוקונפט, — זייער גליק אָדער אומגליק. ווען די יידן וואָלט היינט געלונגען צו גרינדן אַ מלוכה„ וועלן זיי אפשר ווערן אַ נאַציע, זיי וועלן זיך אפשר דערשלאָגן צו אַנערקענונג אַלס „פאָלק"; זיי וועלן אָבער דאַן אויפהערן צו זיין יידן, ...דאָס וועט מאַכן אַ סוף צו זייער היסטאָרישער וועלט־מיסיע..."

און וואַסערמאַן זוכט אפילו רענאַנס הילף, וועלכער האָט, לויט וואַסערמאַנס ווערטער, געוואָלט באַווייזן, אַז די הויכע מעלות פון יידישן פאָלק, אַלס געזעצגעבער־מאָראַליסט, האָבן גענומען אָפּשטאַרבן, ווען די יידן זענען געוואָרן אויס נאָמאַדן און האָבן אָנגעהויבן מלוכהש און גייסטיק רוען אויף זייערע לאָרבער־קרענץ אין כנען. און אויב דאָס איז געווען שעדלעך אין כנען, איז אַ פשיטא שווין איצט. און וואַסערמאַן דערגייט לאָגיש ביזן סוף. ער האַלט, אַז די פיזישע אויסמאָרדונג פון די יידן, די רדיפות קעגן זיי, דאָס פאַרפאָלגן זיי מיט פאַראַכטונג, — דאָס אַלץ איז פאַר דער קולטור־מענטש־הייט (און פאַר די יידן גופא? — י. ר.) ווייניקער פאַטאַל, ווי ווען זיי וואָלטן זיך פרייוויליק אָפּגעזאָגט „פון דער ראָל, וואָס זיי האָבן ביז איצט געשפּילט אין דער וועלט לויט זייער באַרופונג און אַ דאַנק דעם גורל".

און וואַסערמאַן שטעלט אויס פינסטערע האָראָסקאָפּן דעם יידנטום, ווען ער זעט סיי וואָס עס קומט פאָר אין מערב־יידנטום, און סיי וואָס עס טוט זיך אָפּ אין מזרח־יידנטום (נישט אינעם מיסטישן מזרח־יידנטום, צו וועלכן וואַסערמאַן געהערט, נאָר אינעם קאָנקרעטן, רעאַלן מזרח־יידנטום, וועלכן

וואַסערמאַן האָט פיינט געהאַט מיט זיין גרויסן זעלבסט־האַס, וואָס ער האָט פּראָאיצירט אויף דרויסן, אויף זיין גייסטיק שפּיגל־בילד):

„די מערב־יידן... וועלן אומקומען פון זייער אינערלעכער פּוסטקייט..., און די מזרח־יידן וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן אַלס יידן צוליבן פּראָצעס פון נאַציאָנאַליזאַציע".

אכטונג! דווקא דערפאַר, ווייל די מזרח־יידן האָבן אָן צו באַזינען זייער נאַציאָנאַליטעט און דערמיט גופא זענען זיי ביכולת אויסצומיידן דעם גורל פון די מערב־יידן, וואָס קומען אום צוליב זייער פּוסטקייט, — דווקא דערפאַר וועלן די מזרח־יידן פאַרשווינדן פון דער וועלט, אַלס יידן. נישטאָ וואָס צו רעדן — איבערגעשפּיצט!

וואַסערמאַן גופא פילט, אַז ער איז פאַרקראָכן צו ווייט, אַז ער רעדט פון היץ, אַז ער דרייט די קשיות אויף אַלע זייטן און עס ווערט אים נישט לייכטער צוליב זיין אַסימילאַטאָרישער חולאת, — אָבער צוריקציען זיך פון קראַנקן־בעט וויל ער נישט און קאָן נישט, דער קאָמפּלעקס לאָזט אים נישט. און דעריבער זוכט ער הילף ביי זיין געליבטער פאַניציי: דעם מיסטישן געפיל.

„איך בין מסכים, אַז דאָס פירט צו ווייט, און מעגלעך, אַז מען מוז פאַרמאָגן דאָס נביאיש־וויזיאָנערע וויסן וועגן גאַנג פון דער געשיכטע פון די פעלקער און וועגן זייער גורל, כדי אָנצונעמען די דאָזיקע מיינונג (אַז סיי די מערב־יידן, סיי די מזרח־יידן וועלן אומקומען צוליב קעגנזעצלעכע סיבות — י. ר.). איך פאַרמאָג אָבער אַזעלכע מאָמענטן פון וויזיאָנערישן זען. איך קאָן דאָס זאָגן מיט אַ רואיקן געוויסן".

אויף אַזאַ אופן באַרואיקט וואַסערמאַן זיין געוויסן, אָבער גלייכצייטיק נעמט ער ביי אונז אַוועק די מעגלעכקייט צו קעמפן מיטן געווער פון דער לאָגיק קעגן דעם לעגיאָן פון זיינע סתירות: ער פאַרדעקט זיי מיטן אומדורכדרינגלעכן פאַנצער פון מיסטישער וויזיאָנערישקייט...

י. ראַפּאָפּאָרט

* * *

אין זיין עסיי וועגן יאַקאָב וואַסערמאַנען, ווייזט ערווין פּעשעל טרעפלעך אָן אויף דעם, צו וואָס דער דאָזיקער קאַמף קעגן זיין יידנטום און פאַר זיין דייטשנטום האָט דערפירט דעם דאָזיקן שפּירבאַרן קינסטלער. וואַסערמאַן, וועלכער האָט טיף פאַראַכטעט די אַריינמישונג פון באַוואוסטזיין אינם פּראָצעס פון שאַפן, פלעגט קאָנטראָלירן זיינע ווערק נאָכן פאַרענדיקן זיי, צי זיי זענען גענוג „דייטשיש" אין אַלע הינזיכטן.

דאָס באַווייזט, אַז ער האָט נאָר געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער האַלט זיך פאַר אַ הונדערט־פּראָצענטיקן דייטש: אַנישט, צו וואָס וואָלט ער געוועזן באַדאַרפט קאָנטראָלירן זיין דייטשישקייט?

די ספקות פון די אַנדערע אין זיין דייטשישקייט האָבן ביי אים געפונען אַ דאַנקבאַרן באָדן, זיי האָבן געפונען אַ ווידערקול אין זיין אייגענער נשמה. און דערפון נעמען זיך די דאָזיקע אָפּטע פאַרזיכערונגען, אַז קיינער טאָר די העזה נישט האָבן צו ספקן אין זיין ריינער דייטשישקייט, אַז ער איז מער עכטער „דייטש", ווי די דייטשן (אפשר אויך אין מיסטישן זין?).

„זיין פראַגע (וועגן דעם צי זיינע שאַפונגען זענען עכט דייטש — י. ר.) איז אַזוי לײדנשאַפטלעך אינטענסיוו, — שרייבט ערווין פּעשעל, — אַז נישט ווילנדיק קומט אויף די השערה, אַז שוין בעתן פּראָצעס פון שאַפן האָט געקאָנט האָבן אַ דעה דער ווילנס־מאָמענט, וואָס האָט געהאַט אויף וואַסערמאַנס שאַפן אַ געוויסע ווירקונג — מחוץ די ראַמען פון פּאָעטישער וויזיע — אויף דער בילדלעכקייט און אויף די געשטאַלטן".

ערווין פּעשעל וואַרפט וואַסערמאַנען פאָר אומצווייגדייטיק, אַז ער איז אויף אַזוי ווייט געווען געפאַנגען ביי זיין דייטש־ייד־קאָמפּלעקס, אַז ער האָט פאַרלוירן די העכסטע פרייהייט פאַר אַ דיכטער, — די פרייהייט פון שאַפן. ווען דאָס ווערק ליגט שוין פאַר וואַסערמאַנען פאַרטיק, באַקוקט ער עס מיט חשד, צי איז עס גענוג „אור־דייטשיש" פאַר אַזאַ פולן דייטש,

ווי ער, און צי האָט ער עס געגוג באַשיצט בעת דער אַרבעט פון אומגעוואונטשענע יידישע אָפּנייגונגען.

וואסערמאַן האָט אַזוי אַרום פּריוווּליק אַריינגעזעצט ביי זיך אין האַרצן און אין מוח אַ צענזאָר, — דעם זעלבן פאַר־קנעכטנדיקן צענזאָר, וועלכן די שרייבער פון די טאָטאַליטאַרע רעזשימען זענען געצוואונגען געוואָרן אַריינצונעמען אין זייערע נשמות אַלס סובלאָקאַטאָרן.

נאָך קלאָרער און שטאַרקער פאַר פעשעלן, דריקט דאָס אויס אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע, "Mid-Channel", לודוויג לואיסאָן, וועלכער האָט אַליין דורכגעמאַכט דעם זעלבן קאַמף, וואָס וואַסערמאַן, אָבער ער האָט אים געלייזט פאַר זיך און דורך זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע וויל ער אויך אַנדערע העלפן אים צו לייזן.

און אָט אין דאָזיקן בוך געפין איך אַן אויסערסט אינטע־רעסאַנטע שטעלע וועגן וואַסערמאַנס שאַפן און וועגן זיין קאָמפּלעקס:

„...די פעלקישע (ד. ה. די דייטש־פעלקישע, די טאַטעס פון די נאַציס — י. ר.) האָבן תמיד געשריגן: נאָר אַ דייטש קאָן זיין אַ דיכטער; דער ייד בלייבט, אין בעסטן פאַל, אַ ליטעראַט. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דערהויבן צום פשוטן אמת, אַז עס זענען דאָ פאַרשידענע מינים דיכטערס. און דעריבער האָט וואַסערמאַן באַשלאָסן — אין זעלבסטפאַרטיידיקונג — צו זיין נישט קיין ייד אין ליטעראַטור, נאָר אַ דייטש; נישט קיין ליטע־ראַט, נאָר אַ דיכטער. און דעם דאָזיקן טאָפּלטן באַשלוס האָט ער אויסגעפירט פאַר יעדן פרייז אויף יעדן זייטל פון זיינע ווערק, פאַרוואונדענדיק זיין (שעפערישע — י. ר.) אוממיטל־באַרקייט פון אָנהויב אָן...

„ער האָט אַזוי מורא, טאָמער וועט ער נישט אויסזען גענוג גרויס און שעפעריש אין יעדן מאָמענט, אַז ער פאַרלירט — אומצייליקע מאָל — די גרויסקייט, וואָס איז אים אייגן. גענוג איז קיינמאָל נישט גענוג פאַר אים...

„ער האָט אַזוי שטאַרק מורא פאַר דאָס געמיינע, אַז ער ווערט פּרעטענציעז. אַן אַנדער מאַן וואָלט געוועזן מער פּשוט גרוים מיט אַ העלפט פון זיין זשעני".

— אין וואָס־זשע באַשטייט דער סוד פון זיין קראַנקהייט? — פרעגט לואיסאָן. און ער גיט פאָלגנדיקן ענטפער:

„ער האָט קיינמאָל נישט געזאָגט: „איך, אַ ייד, פאַרבונדן מיט דער דייטשער ציוויליזאַציע דורך שפּראַך, ליבע און לעבן, אָבער דאָך אַ ייד, גיב אייך די דאָזיקע ווערק. נעמט זיי אָן אָדער וואַרפט זיי אָפּ. מיין אויפגאַבע ענדיקט זיך מיט מיין ווערק..." ער האָט דאָס נישט געזאָגט. ער האָט אַלץ געזאָגט, אָבער נישט דאָס...

„אָנשטאָט דעם האָט ער געשריבן זיין עסיי „דער ליטע־ראַט" און האָט זיך אידענטיפיצירט מיטן פעלקישן אונטערשיד צווישן דיכטער אַלס שעפערישן מיסיאָנער, און ליטעראַט אַלס פּשוטן שרייבער".

לודוויג לואיסאָן שטעלט זיך נאָך אָפּ אויף דעם, אַז וואַ־סערמאַן איז געווען נאָענט צו אַ טיפן אמת, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם אָריענטאַלישן יידן, וואָס נאָר ער קאָן זיין שעפעריש אין העכסטן, מיטאָס־שאַפנדיקן זין, ווען ער דערפילט אין זיך, ווי געהעריק, די שטים פון בלוט, און ער שליסט זיך צוריק איין אין שטראָם פון זיין געשיכטע און פון זיין טראַ־דיציע.

„אָבער וואַסערמאַן, — פאַרענדיקט לואיסאָן, — האָט נישט אויסגעוויילט דעם דאָזיקן וועג און ער האָט נישט צו דערוואַרטן זיין שכר. ער האָט אויסגעוויילט צו זיין אַ דייטש..."

מיט דעם אָריענטאַלישן יידן אין זיך האָט ער זיך אידענ־טיפיצירט נאָר מיסטיש־אַבסטראַקט, כדי צו קאָנען פּרעטענ־דירן אויפן רעאַלסטן טיטל פון אַ דייטשן דיכטער...

אָרעמער וואַסערמאַן!

* * *

טאָ וואָס־זשע איז דער וואונדער, אַז ער האָט איינער פון

די ערשטע נישט אויסגעהאַלטן דעם שטורעם פון דער צייט, און זיין וועג אַלס דייטש און ייד האָט זיך איבערגעריסן פּלוצלונג, ביי פולער פאַרלוירנקייט. אויב די קלאַנגען וועגן דעם, אַז וואַסערמאַן איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, זענען אפילו נישט אמת, איז זיין פריצייטיקער טויט געקומען דערפון, וואָס זיין גייסטיק־אָנגעשפּאַנטע נאַטור האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון דער צייט. וואַסערמאַן האָט אויף אַזוי ווייט אונטערגעגראָבן זיין לעבנס־פעאיקייט דורך זיין דאָן־קיכאָטישן קאַמף, אַז פאַר אַן אמתן גייסטיקן קאַמף, אין דער שעה פון גרעסטן נסיון, איז שוין קיין כוח נישט געווען.

מיטאַמאָל איז וואַסערמאַנען קלאָר געוואָרן (נאָך מער ווי אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, בעת ער האָט געשריבן „מיין וועג אַלס דייטש און ייד"), אַז ער קעמפט מיט אַ ווינט־מיל.

אין 1933 האָט ער זיך, ווי עס שיינט, אָפּגעזאָגט פון זיין אילוזיע, אַז ער איז אַ ריינער דייטש (מיט אַ צומיש פון מיסטישער יידישקייט). ער הויבט אָן צו אַרבעטן איבער זיין לעצטן, טראַגישסטן (משפטנדיק לויטן טיטל) ראָמאַן — „דער אייביקער ייד". אָבער דער טויט האָט אים אָנגעיאָגט אויפן אַנטשיידענעם ווענדפּונקט פון זיין לעבנס־וועג, פון זיין שעפערישן וועג. דער קרייז, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט „די יידן פון צירנדאָרף" און האָט זיך באַדאַרפט צו שליסן מיטן „אייביקן ייד", איז פאַרבליבן נישט געשלאָסן. ער איז נאָר אָנגעמערקט געוואָרן.

און אויב דער קלאַנג וועגן וואַסערמאַנס לעצטן ראָמאַן וועט זיך אפילו אַרויסווייזן אַלס בלויזער קלאַנג — איז דער דאָזיקער קלאַנג פּסיכאָלאָגיש גוט און טיף באַגרינדעט. דער, וועלכער האָט אָנגעהויבן מיט „די יידן פון צירנדאָרף", און וועמענס וועג ס'איז געווען דער פּיינפולער צעצווייטער וועג פון אַ דייטש און אַ ייד, האָט אומבאַדינגט געמוזט אָנהויבן אין די

י. ראַפּאָפּאָרט

פּערציקער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט א ראָמאַן אונ־טערן טיטל: „דער אייביקער ייד".

קיינער וואָלט אים נישט געווען געקאָנט געבן מיט מער קלאָרקייט און ליידנשאַפטלעכקייט, ווי יאַקאָב וואַסערמאַן.

ער וואָלט זיך דאָך שוין מער נישט געווען באַדאַרפט היטן, טאָמער וועט ער פאַרראַטן זיין דייטשישקייט; ער וואָלט שוין מער נישט געווען באַדאַרפט קאָנטראָלירן אין זיך דעם יידן; ער וואָלט געווען געשריבן אָן אָן אינערלעכער צענזור.

ער וואָלט געווען געשריבן אוממיטלבאַר, ווייל מיטן פאַר־לוסט פון דעם דייטש אין זיך, האָט ער געפונען דעם וועג צום אייביקן יידן אין זיך.

געאָרג בראַנדעס באַציאונג צום יידנטום

געאָרג בראַנדעס, וואָס מיט זיין רום איז פול געוועז די גאַנצע וועלט, האָט נישט געקאָנט באַזיגן זיין קליין דעניש פאָטערלאַנד: עס האָט אים נישט אָנערקענט אַלס דענער, הגם בראַנדעס האָט אַלוועלטלעך באַרימט געמאַכט די קליינינקע דענישע ליטעראַטור.

אין משך פון זיין לאַנג, 85־יאָריק לעבן, האָט בראַנדעס געפירט אַ סך זיגרייכע מלחמות, אָבער קיין איינער פון די דאָזיקע זיגן איז נישט בכוח געווען צו באַזייטיקן פון זיין נשמה די ביטערניש פון דער מפּלה אינם קאַמף פאַר אָנערקענען זיין דענישע „אָפּשטאַמונג".

בראַנדעס איז געבוירן געוואָרן אין 1842. ער האָט קינדווייז געאָטעמט מיט דער לופט פון 1848, — מיט דער לופט פונם „פעלקער־פרילינג", ווען דער קאָסמאָפּאָליטיזם — בראַנדעסעס אָפּיציעלע רעליגיע — האָט דערגרייכט דעם קול־מינאַציע־פּונקט פון זיין אַנטוויקלונג און פון זיינע האָפנונגען אויף אַ זיג.

בראַנדעס האָט מיט שטאָלץ געשריבן אין אַ בריוו צו אַ פריינט: „איך בין געבוירן געוואָרן... אין 1842, איך בין אויפגעוואָקסן אין די טראַדיציעס פון 1848, אינם איינציקן העלן אויגנבליק פון אַ דרעקיקן יאָרהונדערט".

און ווען בראַנדעס האָט דערלעבט די לעצטע יאָרצענדלי־קער פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, ווען דער אַנטיסעמיטיזם אין מערב־אייראָפּע איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער אויפן רוקן פון די כוואַליעס בעתן צופלוס פונם אייראָפּעאישן נאַ־ציאָנאַליזם, דערגרייכנדיק דעם (דעמאָלטיקן) קולמינאַציע־

פּונקט אין דער דרייפוס־אַפערע, איז ער, אַן אַנטוישטער אין דרעקיקן יאָרהונדערט, דאָך פאַרבליבן ביי זיין רעליגיע, איבער־צייגט, אַז יעדער נאַציאָנאַליזם איז פאַלש, — נישט מען מיס־ברויכט אים, נאָר אין זיין עצם וועזן ליגט דער סם פון רעאַקציע. ער האָט געשריבן אין זעלבן, אויבן שוין ציטירטן בריוו: „גיב אַ קראַץ דעם אידיאָט און דו וועסט געפינען דעם פּאַטריאָט. צי ווילט איר איצט ווערן אויך אַ יידישער פּאַטריאָט? דאָס איז פאַר מיר אַ גרויל, ווייל איך בין אייער פריינט".

אָט דאָס איז געווען בראַנדעסעס ערשטע רעאַקציע, ווען ער האָט דערלעבט די ערשטע יאָרצענדליקער פון דער יידי־שער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, וואָס איר קולמינאַציע־פּונקט איז געווען — ביז בראַנדעסעס טויט אין 1927 — דער פּאָלי־טישער דערפאָלג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

זיבעציק יאָר פון באַוואוסטזיניקן לעבן פון אַזאַ אינטע־לעקט ווי בראַנדעסעס, זענען צונויפגעפאַלן מיט איינער פון די גלענצנדיקסטע און אינטערעסאַנטסטע זייטלעך פון דער בייער יידישער געשיכטע, — איז ווי־זשע האָט עס זיך אָפּ־געשפּיגלט אין דער נשמה פון דאָזיקן אויסטייטשער פון אַזוי פיל ליטעראַטורן און קולטור־באַוועגונגען?

* * *

פאַראַן מענטשן, וועמען עס איז אייגן פאַראויסצואייל־זייער עפּאָכע. נישט תמיד זענען זיי פּלאַנעטן פון דער ערשטער גרויס, — לאָמיר זיך דערמאָנען אין משה העסן, וועלכער האָט אין די זעכציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט, אין דער עפּאָכע פון העכסטן קולט פאַרן קאָסמאָפּאָליטיזם, פאָר־אויסגעפילט די ענדערונג פון שטראָם אין דער ריכטונג פון אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע קולטורן און ער האָט אפילו פאָר־אויסגעזאָגט דאָס אומגלויבלעכסטע: די נאַציאָנאַלע אויפלע־בונג פון יידישן פאָלק; אַמאָל זענען אַזעלכע נביאים קוים באַמערקבאַרע שטערנדלעך, ווי שמואל יעקב ביק, אַ משכיל,

וועלכער האָט, אין סאַמע ברען פון קאַמף קעגן חסידישן פאַ־נאַטיזם, באַמערקט די פּאָזיטיווע גייסטיקע קערנדלעך פון דאָ־זיקן דורך אַלעמען דאַן פאַראַכטעטן חסידיזם, און וועלכער איז אַרויסגעטראָטן אין שוץ פון דער יידישער שפּראַך (פון זשאַר־גאָן!) מיט די היינט־צייטיקסטע אַרגומענטן, — היינט־צייטיק נישט פאַר זיין צייט, נאָר פאַר אונזערער!

געאָרג בראַנדעס האָט נישט געהערט צו די דאָזיקע נביאים. ביי זיין גאַנצן ראַדיקאַליזם, איז ער אַריינגעפאַלן אין קאָנסערוואַטיזם, וואָס מער דאָס יאָר 1848 האָט זיך אָפּגע־רוקט אין דער אייביקייט אַריין. ער האָט געהערט צו די טיפּן פון קאָנסערוואַטיווע ראַדיקאַלן. און פּונקט אַזאַ קאָנסערוואַ־טיווער ראַדיקאַל איז ער געווען וואָס שייך דער יידן־פראַגע, ווי מיר האָבן שוין געזען פון זיין אויבן ציטירטן בריוו.

* * *

געאָרג בראַנדעסעס פריינט, דער דענישער דראַמאַטורג הענרי נאַטאַנסען, אַ פלאַמיקער יידישער נאַציאָנאַליסט, האָט נאָך בראַנדעסעס טויט אַרויסגעגעבן אַן אינטערעסאַנט בוך וועגן זיין פריינט, אונטערן נאָמען: „אַ ייד אָדער אַן אייראָ־פּעער? אַ פּאָרטרעט פון געאָרג בראַנדעסן".

דאָס דאָזיקע בוך, אימפּרעסיאָניסטיש געשריבן, באַמיט זיך — און מיט גרויס דערפאָלג — אָפּצוגראָבן די יידישע וואָרצלען אין לעבן און אין שאַפן פון געאָרג בראַנדעס. נאַ־טאַנסענס ברייטע און טיפע פאַראַלגעמיינערונגען אויפן דאָ־זיקן געביט זענען נישט תמיד איבערצייגנדיק, ווי דאָס טרעפט זייער אָפט מיט אַזעלכע פאַראַלגעמיינערונגען; אויף וויפיל זיי זענען טאַלאַנטירט אָנגעשריבן, באַלויכטן זיי ברייטע האָרי־זאָנטן פון געדאַנק און געפיל, אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט, אויף אַזוי לאַנג, ביז עס פאַרגנבעט זיך נישט קיין ספק אין זייער אבסאָלוטער ריכטיקייט; אָבער די סיבות פון בראַנ־דעסעס גייסטיקן אומרו, זיין יידישער קאָמפּלעקס ווערן דורך

נאַטאַנסענען אויסגעשיילט מיט דער לעצטער קלאָרקייט און איבערציינגנדיקייט.

* * *

דעם 18־טן דעצעמבער 1856, ווען בראַנדעס איז אַלט געווען 14 יאָר, האָט דער באַרימטער דייטשער דראַמאַטורג, פרידריך העבעל, אַ גרויסער פאַרערער פון תנ"ך און פון יידן, געשריבן דעם געשמדטן יידישן דיכטער עמיל קו (וועלכער איז פול געווען מיט שנאה צו יידן, ווי דאָס טרעפט אָפט ביי רענעגאַטן — דער באַרימטער יידישער זעלבסטהאַס!) ווערטער, וועלכע נאַטאַנסען וואָלט געווען געקאָנט באַנוצן אַלס מאָטטאָ צו זיין בוך וועגן געאָרג בראַנדעס:

„...פאָדערט נישט ביי מיר, איך זאָל זיך אונטערשרייבן אונטער אייערע מיינונגען וועגן די יידן... בעט זיך איבער מיט אייער פאָלק; עס איז נישט גוט צו זיין אָפּגעריסן פון באָדן, צו וועלכן מיר געהערן, און איך זע אייך נישט גערן אויפן דאָזיקן וועג".

אין די דאָזיקע עטלעכע שורות פונם פיינפיליקן און טיף־דענקנדיקן העבעל ליגט דער גאַנצער זין פון נאַטאַנסענס בוך וועגן בראַנדעסן: „עס איז נישט גוט צו זיין אָפּגעריסן פון באָדן, צו וועלכן מיר געהערן". און בראַנדעס איז געווען אָפּגעריסן פון זיין באָדן. אמת, ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען צו באַווייזן, אַז ער געהער גאָר נישט צום דאָזיקן באָדן. געאָרג בראַנדעס האָט פאַרזיכערט, אַז זיין מוטער האָט קיין איין מאָל אין איר לעבן נישט באַזוכט קיין שול, אַז זיין פאָטער האָט נישט באַזוכט קיין שול זייט זיין דרייצן־יאָריקן עלטער. „און דעריבער, — שרייבט געאָרג בראַנדעס, — מאַכן נישט אַזעלכע ווי איך קיין אָנשטעל, ווען זיי זאָגן, אַז דאָס יידנטום איז זיי פרעמד".

וואָס ווידער שייך די אומבאַוואוסטזיניקע כוחות פון בלוט און טעמפּעראַמענט, אָנערקענט זיי נישט בראַנדעס (נישט אַזוי שאַרף, ווי שפּעטער וואַלטער ראַטענוי, אָבער גענוג אָנט־

שלאָסן). ער שרייבט נאַטאַנסענען, וועלכער באַטראַכט זיך אַלס ייד:

„אייער געפיל פון באַדנלאַזיקייט האָבן אייך אַנדערע געגעבן; ווען די אַנדערע וואָלטן אייך נישט געווען געגעבן קיין געלעגנהייט צו באַמערקן אַ וועלכן נישט איז אונטערשייד, ספק איך, צי איר וואָלט געווען געפילט די דאָזיקע באַדנלאָזיקייט אויפן סמך פון אַ געוויסער אַנדערשדיקייט פונם טעמפּעראַמענט".

פאַרוואָס אָבער באַמערקן אַנדערע די דאָזיקע אַנדערשדיקייט, דאָס פרעגט זיך נישט בראַנדעס.

אין וואָס באַשטייט דער עיקר פון די לאַנג־יאָריקע וויכוחים צווישן בראַנדעסן און נאַטאַנסענען, צווישן דער אַסימילאַציע און דעם יידישן נאַציאָנאַליזם?

בראַנדעס האַלט, אַז זיין טראַגעדיע איז געקומען צו אים פון דרויסן: זי באַשטייט אין דעם, וואָס לגבי אים האָבן די שונאים תמיד געהאַט אין זייער אַרסענאַל „מיט איין זידל־וואָרט מער, ווי לגבי אַנדערע". און דאָס דאָזיקע זידל־וואָרט איז געווען: „ייד!"

און נאַטאַנסען האַלט, אַז בראַנדעסעס טראַגעדיע קומט פון אינעווייניק, פון זיין פּסיכישער באַדנלאָזיקייט און צעצווייאונג, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין ייד, ווי ער איז דאָס געווען, און קיין דענער, ווי ער האָט דאָס געוואָלט זיין, איז ער נישט געווען.

אינם אויפדעקן און באַשרייבן די דאָזיקע טראַגעדיע ליגט דער גאַנצער מהות פון נאַטאַנסענס בוך. עס מאַכט בולט, — מיט דער לעצטער קלאָרקייט, וואָס איז נאָר מעגלעך אין אַזעלכע פאַלן, אַז בראַנדעס, דער דאָזיקער „גוטער אייראָפּעער", איז געווען אַ ייד, הגם אַ שלעכטער: אַ ייד בעל כרחו.

* * *

„דאָס וואָרט „ייד" — זאָגט נאַטאַנסען, — האָט קיינמאָל נישט געקלונגען אין זיינע אויערן אַדעליק". דאָס

דאָזיקע וואָרט, שוין פאַר זיך גופא, איז געווען, אָ נ ג ע־וו ע נ ד ט ל ג ב י א י ם, א זידל־וואָרט. ער זעט עפּעס באַ־ליידיקנדיקס אין דעם, וואָס מען האַלט אים פאַר א ייד, בעת ער גופא באַטראַכט זיך פאַר אַ נישט־ייד. די דאָזיקע מאַניע מאַכט געאָרג בראַנדעסן — דעם פּקח — נישט נאָר לעכערלעך און קליינלעך, נאָר כמעט פּאַטאָלאָגיש (ווי וואַסערמאַנען און אַנדערע).

אָט איז דער קאָמישער בראַנדעס: צו זיין זיבעציקסטן געבורטס־טאָג האָט אים די דענישע רעגירונג צוגעשיקט א מעדאַל, וואָס איז ספּעציעל אָפּגעקלאַפּט געוואָרן פאַר דער דאָזיקער פייערלעכער געשעעניש. אָבער בראַנדעס ווייזט דעם גאָט־די־נשמה־שולדיקן, דעם ממש געפּלעפטן נאַטאַנסען די צווייטע זייט פון דעם מעדאַל און רופט אויס מיט אַ טראַגי־קאָמישן פּאַטאָס: „דאָ איז אָנגעשריבן: געאָרג מאָריס קאָהען בראַנדעס! מיין נאָמען איז אָבער — געאָרג בראַנדעס!"

און אָט איז דער פּאַטאָלאָגישער בראַנדעס:

„איך... ווי באַקאַנט, בין אַ ייד לויטן געבורט. איך פיל אַן אַנטיפּאַטיע צו יידן; איך בין געווען אין מיין לעבן — ווי אַלע מענטשן — פּופציק מאָל פאַרליבט..., אָבער קיין איין מאָל נישט אין אַ יידישקע. און אפילו אין מיין אָפּשטאַמונג בין איך זיכער נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל מען קאָן זיין זיכער אין דעם, ווייסנדיק, ערשטנס, אַז זייער ווייניקע פּרויען זענען געטריי זייערע מענער, און צווייטנס, אַז אַלע רוסישע יידן שטאַמען אָפּ פון די כאַזאַרן, און כמעט אַלע מערבדיקע — פון פּראָווינצן, וועלכע זענען אין דער תקופה פון גרעגאָר פון טור אַריבער צום יידנטום!"

די לעצטע יאָרן זענען מיר **געוואוינט געוואָרן צו דעם**, אַז עס געפינען זיך צוויי־פּיסיקע, וועלכע ווילן ראַטעווען זייער „ערע" דורך פאַרזיכערן, אַז זייערע מוטערס זענען נישט געווען קיין געטרייע פרויען. אָבער דאָס, וואָס אַזאַ מענטש, ווי בראַנ־דעס, — וועלכער האָט נאָך דערצו אַזוי אָפנעהיט די מצווה

פון כבוד אָם! — גיט אַנצוהערענישן אויף אַזאַ מעגלעכקייט, געהער שוין זיכער צום געביט פון פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערציילט געאָרג בראַנדעס אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פון זיין קינדהייט.

„איינמאָל, — שרייבט בראַנדעס, — ווען איך האָב ווידער געהערט דעם דאָזיקן צונאָמען (ייד — י. ר.), האָט זיך מיר פאַרוואָלט וויסן, וואָס דאָס באַדייט, און קומענדיק אַהיים האָב איך געפרעגט מיין מוטער, וואָס עס באַדייט דאָס וואָרט — ייד. די מוטער האָט געענטפערט:

— יידן זענען מענטשן.

— עקלהאַפטע מענטשן?

— יאָ, — האָט געענטפערט די מוטער, שמייכלענדיק, — אַמאָל זייער עקלהאַפטע מענטשן, אָבער נישט תמיד.

— צי קאָן איך זען אַ ייד?

— דאָס איז זייער לייכט, — האָט געזאָגט די מוטער און האָט מיך ראַפּטום אַ הויב געטון צום גרויסן אָוואַלן שפּיגל, וואָס איז געהאָנגען איבער דער סאָפע.

„איך האָב אַזאַ געשריי געטון, אַז די מוטער מיינע האָט מיך שנעל אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל. און איך בין אויף אַזוי ווייט געוועזן דערשיטערט, אַז מיין מוטער האָט באַדויערט, וואָס זי האָט מיך דערצו נישט צוגעגרייט".

ווי פּלאַסטיש עס איז דער דאָזיקער עפּיזאָד און ווי סימבאָליש פאַר בראַנדעסעס אויפפירונג אין זיין גאַנצן צוקונפטיקן לעבן! ווי נאָר מען פלעגט אים ווייזן אין שפּיגל זיין יידיש פּנים, פלעגט ער אַ געשריי טון פון שרעק און פאַרלירן די קאָנטראָל איבער זיך.

דער דאָזיקער עפּיזאָד איז אָבער סימבאָליש נישט נאָר אין זיין אינדיווידועלער איינמאָליקייט, נאָר פאַר דער גאַנצער אַסימילאַציע, וואָס פאַלט תמיד אריין אין אַ פּאַנישער שרעק, ווען מען גיט זי אומגעריכט אַ שטעל אַוועק פאַרן שפּיגל, וואָס ווייזט איר איר יידיש פּנים.

זי איז גרייט אַלע אַזעלכע שפּיגלען צו צעברעכן: אפילו דאַן, ווען דער דאָזיקער שפּיגל איז זייער פּאָלק גופא.
און אויך בראַנדעס איז דאָס גרייט געווען צו טון.

* * *

נאַטאַנסען פאָרמולירט אויסערגעוויינלעך טיף און סטילים־טיש־גליקלעך די גוט־באַקאַנטע דערשיינונג פון יידישן זעלבסט־האַס: ביי יידן, זאָגט נאַטאַנסען, האָט זיך אויסגעאַרבעט כמעט אַ צווייטע נאַטור — „אַן אַנטי־יידישער אינסטינקט אין דער יידישער נאַטור". צוליב זיין ספּעציפישער לאַגע באַמיט זיך דער ייד (נאַטירלעך, דער אסימילירטער אָדער אַזאַ, וועלכער געפינט זיך אויף דער שוועל פון אסימילאַציע) אָפּצוגרענעצן זיך פון יידן; ער האָט מורא צו ווייזן דער אויסערלעכער וועלט, אַז ער האָט עפּעס געמיינזאַמס מיט אַנדערע יידן, אַז ער סאָלידאַריזירט זיך מיט זיי, ער האָט מורא אונטערצו־שטרייכן דערמיט זיין אָפּגעפרעמדקייט פון די פרעמדע.

צום דאָזיקן טיפּ מערב־איירָאָפּעאישע יידן (צום יאַקאָב וואַסערמאַן־טיפּ) האָט אויך געהערט בראַנדעס. און נאַטאַנ־סען, וועלכער האָט בראַנדעסן געקענט פּערזענלעך בעסער ווי ווער נישט איז, דערקלערט טאַקע מיט דעם די אינערלעכע און אויסערלעכע אומרואיקייט פון דאָזיקן מענטשן, וועלכער האָט זיך געוואָרפן פון לאַנד צו לאַנד, פון איין ליטעראַטור צו דער צווייטער, פון איין גרויסער פּערזענלעכקייט צו דער צווייטער און וועלכער האָט דאָך נישט געקאָנט שטילן זיין אומרו און נישט געקאָנט געבן עפּעס גאַנצעס און שלימותדיקס, — גראָד דאָס, וואָס עס געלינגט מענטשן מיט אָרעמערע גייסטי־קע מעגלעכקייטן, ווי בראַנדעס. „...ווייל אין זיין נשמה, — זאָגט נאַטאַנסען, — האָט געהערשט אַן אייביקע מלחמה צווישן זיין נאַטור, וואָס איז באַשטאַנען אין זיין בלוט, און דעם דענישן גייסט, וואָס איז געווען זיין טעגלעך ברויט. געבוירן אין אַ פּעריאָד פון אסימילאַציע, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די איינציקע לייזונג פון דער פראַגע באַשטייט אין דעם — זי

צו פאַרטויבן, דערשטיקן, האָט ער געפּרואווט... אויפצובינדן דעם קנופּ מיט דעם, וואָס ער האָט אים איבערגעשניטן... ער, וועלכער האָט אַזוי קלאָר געזען און אַזוי שאַרף געדענקט, האָט נישט פאַרשטאַנען און נישט געקענט — צוליב זיין שטאַנדפּונקט — פאַרשטיין, אַז מען קאָן זיך באַפרייען גייסטיק פון דאָגמעס און רעאַקציאָנערע טראַדיציעס, אָבער קיינער קאָן זיך נישט באַפרייען פון זיין אייגענער נאַטור... פּאָנטאָפּידאַן האָט אַמאָל געזאָגט, אַז גליק באַשטייט אין דעם, צו זיין פעסט פאַרוואָרצלט אין אייגענעם באָדן. אָט דעם דאָזיקן וואָרצל אין אייגענעם באָדן, אין דער אייגענער נאַטור, וואָס שענקט רו צווישן די שטורעמס פון לעבן און גייסט, — אָט־אָ־דעם וואָרצל האָט געאָרג בראַנדעס נישט פאַרמאָגט. די דאָזיקע וואָרצללאָזיקייט, די דאָזיקע באָדנלאָזיקייט, די דאָזיקע אומרואיקייט אין זיין נשמה האָט געפורעמט זיין פּרצוף און דעם „אומרו” אין זיין גאַנצן וועזן און אין זיין שאַפן. אַ ייד, וואָס ער איז דאָס געווען, האָט ער נישט געוואָלט זיין, און אַ דענער, וואָס ער וויל דאָס זיין, איז ער נישט געווען”.

אָט אין דער דאָזיקער צעצווייאונג — אויב נישט פון דער פּערזענלעכקייט, איז, לכל הפּחות, פון דער פּסיכיק — זעט נאַטאַנסען די טראַגעדיע פון געאָרג בראַנדעסעס לעבן, און אָפּהענגיק טיף־טיף די דאָזיקע טראַגעדיע, דעקט ער גלייכצייטיק אָפּ די טיפסטע וואָרצלען פון דער טראַגעדיע פון אַסימילאַציע בכלל.

אַזוי אַרום, אַנאַליזירנדיק די דאָזיקע טראַגעדיע אין אירע דינסטע, אָבער אויך אין אירע אָנגעווייטיקסטע דערשיינונגען (וויל גרויסע נאַטורן), ווערט נאַטאַנסען איינער פון די טיפסטע פּסיכאָלאָגן פון דער פּראָבלעם פון יידישער אַסימילאַציע. „דאָס שווערסטע, — זאָגט נאַטאַנסען, — באַשטייט נישט אין דער קאַלטער פיינטשאַפט פונם המון, וואָס יעדן יידן קומט אויס צו ליידן פון איר מער אָדער ווייניקער אכזריותדיק, אָפּהענגיק

פון זיין אויסערלעכן אויסזען און פון זיין פּילבאַרקייט, און וואָס איז מסוגל — באַזונדערס אין די יונגע יאָרן — אי צו באַאומרואיקן דעם יידס עקזיסטענץ, אי צו מאַכן זי פינסטער; דאָס שווערסטע איז — דאָס געפיל פון חרפּה צו געהערן צו אַ געשענדעטן שטאַם, און דאָס דאָזיקע געפיל פון חרפּה פאַר־וואַנדלט זיך אין די רייפע יאָרן אין אַ חרפּה פון אַ אויסטער־ליש־קעגנגעזעצטן כאַראַקטער: אין אַ חרפּה דערפאַר, וואָס דו שעמסט זיך מיט דיין אייגענעם שטאַם".

אויב איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַביסל גענויער אויפן דאָזיקן טעאָרעטישן אַנאַליז פון אַסימילאַטאָרס נשמה בכלל, איז דאָס געשען דער עיקר נישט צוליב דעם, כדי צו ווייזן נאַטאַנסענס פּסיכאָלאָגישע דורכדרינגלעכקייט, נאָר כדי צו ווייזן, אַז געאָרג בראַנדעס גופא האָט דאָס געוואוסט זייער גוט, אָבער ווי דאָס טרעפט כמעט תמיד מיט ווייסן פון אומבאַקוועמע אמתן, האָט ער דאָס געוואוסט בלויז אין שייכות צו אַנדערע, אָבער נישט אין שייכות צו זיך גופא. (און ס'איז קיין וואונדער נישט: זיך האָט ער דאָך נישט באַטראַכט פאַר אַ יידן, און צו אים האָט דאָס קיין שייכות נישט געהאַט...).

אין זיין יוגנט, ווען דער טעמפּעראַמענטפולער בראַנדעס פלעגט זיין באַזונדערס אוממיטלבאַר, האָט ער געשריבן:

„איך האַלט דאָס פאַר נישט שיין, ווען שרייבער פון יידישער אָפּשטאַמונג טוען אַלץ אין זייער שרייבערישן לעבן, כדי צו צווינגען פאַרגעסן זייער אָפּשטאַמונג, אויסבאַהאַלטנדיק זי, ווי אַן ערווה, נישט אויסווײַלנדיק קיינמאָל קיין יידישע טעמאַטיק".

דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט אויסצולאַכן נאַ־טאַנסענען פאַר זיין „יודאַאיזירן", ווען יענער האָט באַטיטלט זיין אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן: „פון הוגאָ דאַווידס לעבן". נאָך נישט האָבנדיק געלייענט דעם ראָמאַן, איז בראַנדעס געווען אויסער זיך, וואָס שוין גלייך אינם טיטל האָט זיך אַרויסגע־רוקט דער ייד. פאַרגעסנדיק זיינע אייגענע אויבן געבראַכטע

ווערטער, איז אים גלייך געוואָרן נישט אָנגענעם, — ווי תמיד אין דער קעגנוואַרט פון יידן.

אָבער בראַנדעס האָט נישט נאָר געפילט טעאָרעטיש, אַז עס איז אַ חרפּה אויסצובאַהאַלטן די אייגענע יידישקייט, — ער האָט אויך געוואוסט טעאָרעטיש די טראַגעדיע פון אויסבאַהאַלטן די אייגענע אָפּשטאַמונג.

„...דער מאָדערנער ייד, — שרייבט בראַנדעס אין איינעם פון זיינע יוגנט־אַרטיקלען, — וועלכער פילט זיך אַלס שוואַרצע שעפּס אין דער טשערעדע, ווי נאָר זיין נאַטור קומט צום וואָרט, — פילט זיך גייסטיק באַדנלאָזער פאַר יעדן אַנדערן: ער האָט נישט די זעלבע רעליגיע, ווי אַלע; ער פאַרמאָגט נישט דעם טעמפּעראַמענט פון יענעם פאָלק, צווישן וועלכן ער וואוינט; ער האָט נישט קיין געמיינזאַמקייט אין די פאָרשטעלונגען, וואָס פליסן אַרויס פון טעמפּעראַמענט; ער פילט נישט אין זיך די שטים פון גייסט פון די זעלבע אבות. אין דעם איז באמת דאָ עפּעס טראַגישעס".

צי דען דאַרף מען וויסן מער און פילן שאַרפער, כדי זיך צו שטעלן אויף נאַטאַנסענס שטאַנדפּונקט? און דאָך האָט בראַנדעס אין משך פון העבער צוויי יאָרצענדליקער געפירט אַ קאַמף מיט נאַטאַנסענען טאַקע צוליב דעם, וואָס דער לעצטער האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק בראַנדעסעס אויבן געבראַכטע ווערטער.

נאַטאַנסען ברענגט אין זיין בוך אַ כאַראַקטעריסטישן און אַ זייער דראַמאַטישן עפּיזאָד.

איינמאָל, אין אַ געזעלשאַפט, האָט בראַנדעס טעאַטראַליש געפרעגט, צי וואָלט דען עמיצער אים געוועז געהאַלטן פאַר אַ יידן, ווען ער זאָל דאָס נישט וויסן פון זיין ביאָגראַפיע.

ער האָט דאָס געזאָגט אויף צעפּוקעניש נאַטאַנסענען, וועמען ער האָט געוואָלט ערגערן פאַר זיין אָפענער יידישקייט. דערויף האָט נאַטאַנסען בייסיק — אָבער ריכטיק —

געענטפערט, אַז עס איז געגוג די דאָזיקע פראַגע, כדי אַלע זאָלן אין בראַנדעסן דערקענען דעם יידן...

קיין שום זון פון אַן אַנדער פאָלק וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק צו גרויסן זיך מיט דעם, וואָס מען קאָן ביי אים נישט דערקענען זיין אָפּשטאַם.

* * *

און דאָך איז געקומען אַ צייט, ווען דער דאָזיקער איינגעשפּאַרטער בראַנדעס האָט געענדערט זיין באַציאונג צום יידנטום. נישט פון אינדיווידועל־פּראַקטישן (ווי מיר וועלן זען), נאָר פון טעאָרעטיש־אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט.

די דאָזיקע ענדערונג איז נישט פאָרגעקומען פּלוצלונג אין 1918, ווען בראַנדעס האָט אָנגעשריבן — אויפן 76־טן יאָר פון זיין לעבן — דעם אַרטיקל „דאָס נייע יידנטום"; די דאָזיקע ענדערונג האָט געדויערט לאַנגזאַם, — אומבאַמערקט פאַר בראַנדעסן גופא, — אונטערן דרוק פון לעבן.

די דאָזיקע ענדערונג נעמט אַן גאַנץ קלאָרע פאָרמען אין דער פּאָלעמיק (קאָרעספּאָנדענץ) צווישן בראַנדעסן און נאַטאַנסענען.

דער אַסימילאַטאָר בראַנדעס איז אין זיין פּאָלעמיק מיטן יידישן נאַציאָנאַליסט נאַטאַנסען כמעט תמיד איבערפּלעפּלעך און אומגערעכט — אָבער נישט תמיד. אַזוי, למשל, איז ער גערעכט, ווען ער שטעלט אַנטקעגן דעם פּלאַטאָנישן, אַזוי צו זאָגן, נאַציאָנאַליסט נאַטאַנסענען, דעם לעבעדיקן נאַציאָנאַליזם פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן.

„...די דאָזיקע פרעמדע (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.) יונגע יידן גייען ווייטער פאַר אייך: זיי שרייבן בלויז אויף העברעאיש, רעדן צווישן זיך נאָר אויף העברעאיש און זיי זענען אַנטשלאָסן צו שאַפן אַ נייע העברעאישע ליטעראַטור, אין וועלכער זיי האָבן שוין אָנגעהויבן איינצושליסן דעם גייסטיקן פאַרמעגן פון אייראָפּע און אַמעריקע. אין אַ

וועלכע פּופּציק יאָר וועט מען זיך מוזן רעכענען מיט דער דאָ־זיקער ליטעראַטור, און דער ריס צווישן דער מענטשהייט וועט ווערן נאָך גרעסער (באַמערקט נאָך דעם דאָזיקן הייזעריקלעכן קאָסמאָפּאָליטישן זיפץ, וואָס זעט דעם פּאַנאַנדעריס פון דער מענטשהייט אין איר פרייער אַנטוויקלונג; דעם געדאַנק, אַז די דענער זאָלן פּאַרלאַטען אַביסל דעם ריס דורך צונויפגיסן זיך גייסטיק מיט אַן אַנדער שפּראַך, וואָלט בראַנדעס געוועזן באַ־טראַכט פּאַר אַ לעסטערונג — י. ר.). איך פּערזענלעך וואָלט געוואָלט, אַז איר, וואָס איר קלייבט זיך דאָך נישט עמיגרירן קיין ירושלים אָדער שרייבן אויף העברעאיש, זאָלט גובר זיין אין זיך דאָס געפּיל פון אַנדערשדיקייט צווישן אייך און אייער סביבה..." „איר רעדט דאָך נישט אויף העברעאיש, איר לעבט דאָך נישט אין יידישן לאַנד, איר האָט עס אפילו נישט געזען. איר האָט קיין אַנדערע יידישע ליטעראַטור נישט געלייענט אַ חוץ דער ביבל, — אַן עקלדיקע, אַלטע זאַמלונג, וואָס איז צוליב באַוואוסטזיניקע טויזנטיאָריקע פעלשונגען געוואָרן אומ־פאַרדייבאַר פּאַר אונז. איר רעדט אויף דעניש. אייערע אבות האָבן גערעדט אויף דעניש..."

בראַנדעס זאָגט זיך נישט אָפּ פון זיין אָפּגאָט פון פּנימ־לאָזיקייט (נאָר פּאַר יידן, נאַטירלעך), און די אַנטיפּאַטיע צו יידן איז נאָך ביי אים אַזוי גרויס, אַז אפילו זיין ליטעראַרישער געשמאַק ווערט דעגענערירט, ווען ער טראַכט וועגן דער איינ־ציקער יידישער ליטעראַטור, וואָס ער קען — וועגן דער ביבל; דערפּאַר אָבער זעט ער אָט די שוואַכע זייט פון די נאַטאַנסענס, זייער טעאָרעטישע צוגעהעריקייט צום יידישן פּאָלק און צו זיין נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. פון דער דאָזיקער שוואַכער זייט מאַכט ער נישט אונזערע — נאָר זיינע, אַסימילאַטאָרישע — אויספירן, אָבער אין תוך גענומען איז ער גערעכט: אָדער־אָדער. דערווייל אָבער האַלט ער, אַז די יידישע שפּראַך איז אַ „זשאַר־גאָן", און די יידן דאַרפן זיך אויסלערנען רעדן דייטש. ער באַטראַכט דעם יידישן נאַציאָנאַליזם אַלס רעאַקציאָנערע ראָ־

מאַנטיק. אָבער די מעכטיקע ווירקונג פון דער צייט טראָגט אים דאָך אוועק ווייט (אומבאַמערקט פאַר אים גופא) פון 1848. און אין יאָר 1918 שרייבט ער אַן אַרטיקל „דאָס נייע יידנטום", וואָס מען קאָן אים באַצייכענען אַלס סענסאַציאָנעל, ווען מען ווייס גוט געאָרג בראַנדעסעס „יידיש" לעבן ביז 1918.

דער דאָזיקער אַרטיקל קלינגט ווי אַ ווידוי. און אויב ער דערשיטערט נישט, איז דאָס דערפאַר, ווייל אין אים איז דאָ בלויז באַוואוסטזיין, אָבער נישט קיין געפיל, נישט קיין איבער־לעבונג, נישט קיין ענטוזיאַזם; אין אים איז נישטאָ דאָס, וואָס נאַטאַנסען געפינט בכלל נישט ביי בראַנדעסן — נשמה.

בראַנדעס גיט אַ קורצן איבערבליק וועגן זיין באַציאונג צום יידנטום: ער האָט געהאַלטן דאָס יידנטום בלויז פאַר אַ רעליגיע, — די דאָזיקע רעליגיע איז אָבער נישט געווען זיין, בראַנדעסעס, רעליגיע; אַלס ייד פלעגט ער זיך פילן נאָר דאַן, ווען מען פלעגט אים זידלען מיטן וואָרט „ייד"; דאָס וואָרט „אַסימילאַטאָר" איז אים ביז צו זיין 50־טן לעבנס־יאָר געווען אומבאַקאַנט, און ער גופא האָט זיך נישט אַסימילירט, ווייל ער איז אויסגעוואַקסן אַלס דענער (דאָך האָט ער, לויט נאַטאַנ־סענען, ליב געהאַט יידישע ווערטלעך, וואָס זענען געווען אומ־באַקאַנט אפילו אַזא ליבהאָבער פון אַלץ, וואָס יידיש, ווי נאַטאַנסען); אַלס ראַסע האָט ער די יידן אויך נישט גע־האַלטן, ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען העכער (די יידן שטאַמען אָפּ פון די כאַזאַרן און פראַנצויזן), — אָבער וואָס־זשע פאַרט? „אין די לעצטע יאָרן האָט זיך מיין מיינונג וועגן דער יידן־פראַגע שטאַרק געענדערט. צו די יידן פון מערב־אייראָפּע האָט דאָס, לויט מיר, קיין שום שייכות נישט. נאָר אין מזרח־איי־ראָפּע לעבן יידישע מאַסן, אין וועלכע עס דרימלען גרויסע שע־פערישע כוחות און זיי האָבן דאָס רעכט (נישט געקוקט אויפן יאָר 1848? נישט געקוקט אויף דער רעאַקציאָנערער ראָמאַנטיק? אַ, די וואונדער פונם כישופמאַכער; וואָס זיין נאָמען איז —

די צ י י ט ! — י. ר.) צו פּרואוון קאָנסטרואירן זיך אַלס נאַציע אויף אַן אייגענעם באָדן. מיט 23 יאָר צוריק האָב איך דאָס נישט פאַרשטאַנען און נישט געוואוסט... זייט דאַן איז אַ סך וואַסער אָפּגעפלאָסן. די שנאה צו די יידן איז אומעטום שטאַרק געשטיגן. דערויף רוקט זיך קודם כל אונטער אַן ענטפער: גרינדן אַן אייגענע מלוכה. און חוץ דעם, — און דאָס איז מערקווירדיק! — נישט געקוקט דערויף, וואָס אין יידנטום איז נישטאָ קיין רעליגיעזער רענעסאַנס, זענען די יידן דאָך אַרומגעכאַפּט דורך אַ ריזיקן, נאַציאָנאַלן ענטוזיאַזם, און די יידן פון רוסלאַנד, פּוילן, אַמעריקע ווייזן אַרויס סימנים פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. הגם איך בין דורך און דורך קאָס־מאָפּאָליט, געניסט די דאָזיקע באַוועגונג מיין פולע סימפּאַטיע. זי האָט רעכט אויף עקזיסטענץ, ווייל זי איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג און זי וואַקסט אַרויס פון אייגענעם באָדן..."

„...איך האָב נאָכגעפאָלגט מיט גרויס אינטערעס די התחלות פון נייעם יידישן לעבן אין פּאַלעסטינע..., און איך ספק נישט, אַז דאָס אַלץ איז פעאיק גרויסאַרטיק צו אַנטוויקלען זיך אין אַ פאַרנעם, וואָס וואַקסט אַריבער די ראַמען פון פּאַלעסטינע".

בראַנדעס האָט געוואָלט פאַרשעמען די יידיש־דענישע שרייבער פאַר דעם, וואָס זיי שטיקן זייערע טאַלאַנטן, צודעקנ־דיק זייער יידישקייט, — און אַליין האָט ער אויסבאַהאַלטן זיין יידישקייט און געוואָלט פאַרשעמען נאַטאַנסענען פאַר דעם, וואָס אין זיינע ווערק רוקט ער אַרויס דעם ייד אין פאָדער־גרונט; בראַנדעס האָט באַטראַכט דעם יידישן נאַציאָנאַליזם אַלס רעאַקציאָנערע ראָמאַנטיק, ער האָט אָנערקענט פאַר די יידן בלויז איין אידעאָלאָגיע — די קאָסמאָפּאָליטישע, ער האָט געענטפערט הערצלען, אויף דעם לעצטנס בריוו צו אים וועגן דער „יידישער מלוכה", מיט אַ באַקאַנטן אַנעקדאָט, אַז אין אַזאַ פאַל וואָלט ער געוועזן געוואָלט זיין אַ יידישער אַמבאַ־סאַדאָר ערגעץ־וואו אין אייראָפּע, און דאָך האָט ער, סוף־כל־סוף, געגעבן זיין קאָסמאָפּאָליטישע הסכמה אויף אַ נאָך גרעסערן

פאַנאַנדערים פון דער מענטשהייט נישט נאָר אין געביט פון ליטעראַטור, נאָר אפילו אין געביט פון מלוכהשאַפט.

יאָ, יאָ, די אַנטיסעמיטן זענען גערעכט, ווען זיי טרויען נישט די אַסימילירטע יידן: זיי זענען דאָך אַזוי צעצווייט, גייס־טיק געשפּאָלטן, אַז ווען בראַנדעס וואָלט איצט געווען זיין לעבעדיק, וואָלט ער אפשר — די מעגלעכקייט דערפון איז נישט אויסגעשלאָסן — געווען אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור אין ירושלימער אוניווערזיטעט.

און זיין ערשטע לעקציע וואָלט געווען זיין וועגן גרויסן י י ד י ש ־דעניש ן דראַמאַטורג און ראָמאַניסט נאַטאַנסען, וועלכן ער האָט אַזוי לאַנג באַקעמפט פאַר דעם, וואָס ער איז נישט בלויז דעניש, און פון וועלכן ער איז באַזיגט געוואָרן (ביי דער מיטהילף פון דער צייט, דער ביטערער צייט).

סטעפאַן צווייגס שעפערישער
און אומשעפערישער וועג

סטעפאַן צווייג האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור פון די לעצטע יאָר־צענטליקער פאַרן צווייטן וועלט־קריג. אַן עסטרייכישער ייד לויט דער געבורט, אַ דייטשער שרייבער לויט דער שפּראַך פון זיין שאַפן, איז סטעפאַן צווייג געווען אַן אייראָפּעאישער שרייבער אַ־לויטן אייראָפּעאישן פאַרנעם פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, אי לויט זייער הומאַניטאַר־ליטעראַרישע אַספּיראַציעס. ער איז געווען אַ ליטעראַט אַ הומאַניסט.

מאַטעריעל אומאָפּהענגיק אין דער יוגנט, האָט ער זיך אינגאַנצן געקאָנט ווידמען זיין גרויסער ליבע — דער ליטעראַטור, און זיך פעסט פאַרבינדן, דורך אינטימער קאָנטשאַפט, נישט נאָר מיט דער ליטעראַרישער ירושה פון אייראָפּע, נאָר אויך מיט די שעפער פון דער ליטעראַטור פון זיין צייט, מיט די באַוועגנדיקע כוחות פון איר גייסטיקער דינאַמיק. זיין שטענדיקער וואוינאָרט איז געווען — גאַנץ אייראָפּע, ער האָט זיך געפילט ווי אין דער היים, לויט זיינע אייגענע ווערטער, אין אַלע אייראָפּעאישע הויפּט־שטעט. ער איז געווען מער ווי אַן אָנגעלייגטער גאַסט ביי דער אייראָפּעאישער ליטעראַרישער עליטע — ער איז דאָרט געווען אַ היימישער מענטש, אַ נאָענטער מיטגליד אין דער משפּחה. און דער דאַזיקער כסדרדיקער קאָנטאַקט מיט די גרעסטע פאָרשטייער פון דער אייראָפּעאישער קונסט און פון אייראָפּעאישן גייסט האָט גוט געווירקט אויף זייער אייפערדיקן און עניוותדיקן שילער און פאַרערער.

אַ גאָר אינטימע פריינטשאַפט האָט דעם יונגן סטעפאַן

צווייג פֿאַרבונדן מיטן בעלגישן דיכטער עמיל ווערהאַרן, וועל־כער האָט אין רייכן שעפֿערישן אָרקעסטער פֿון אייראָפּע פֿון סוף 19־טן און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט פֿאַרנומען שיעור נישט אַ צענטראַלן אָרט. עמיל ווערהאַרן איז געווען נישט נאָר אַ גוטער אייראָפּעער, נאָר כמעט דער איינציקער גרויסער דיכ־טער פֿון אייראָפּע, וועלכער האָט געפֿונען אַ שלימותדיקן, נייעם, גרויס־דיכטערישן אויסדרוק פֿאַר דער נייער צייט און פֿאַרן נייעם מענטשן.

נאָכן טראַגישן טויט פֿון ווערהאַרענען (אַ צוג האָט אים איבערגעפֿאָרן אין יאָר 1916), האָט סטעפֿאַן צווייג אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן אין הונדערט עקזעמפּלאַרן (נאָר פֿאַר די נאָענטע פֿריינט — ס'איז דאָך געווען קריג) רירנדיקע דעראַי־נערונגען וועגן דער דאָזיקער גרויסער פֿריינטשאַפֿט, וואָס איז נישט פֿאַרביי אומזיסט פֿאַר צווייגס שעפֿערישן וועג. צווייגס וועג צום גרויסן לאַנד פֿון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור האָט דירעקט געפֿירט איבער ווערהאַרענען.

סטעפֿאַן צווייג האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישן וועג, ווי ס'רוב שרייבער, מיט אַ קליין ביכעלע מיטלמעסיקע לידער. אַלס דיכטער האָט צווייג געפֿונען אָנערקענונג מיט זיינע דיכ־טערישע איבערזעצונגען, באַזונדערס מיט זיין פּרעכטיקער אי־בערזעצונג פֿון ווערהאַרנס געקליבענע געדיכטן. דאָס איז נישט קיין איבערזעצונג פֿון אַ בעל־מלאכה אַ פֿערזן־מאַכער, — דאָס איז אַן איבערדיכטונג אין גרויסן סטיל, כמעט אַ זעלבשטענ־דיקע דיכטערישע שאַפֿונג. די נאָענטע קאָנטשאַפֿט נישט נאָר מיט דעם דיכטערס ווערק, נאָר אויך מיטן דיכטער גופא האָט צווייגן געגעבן די מעגלעכקייט צוזאַמענצוגיסן זיך נישט נאָר מיטן דיכטערס פּאַרטיקן שעפֿערישן פּראָדוקט, נאָר אויך מיט דער לעבעדיקער וויבראַציע פֿון זיין נשמה. און צווייגס איבער־זעצונגען זענען כמעט אַ זעלבשטענדיקע קריסטאַליזאַציע פֿון די זעלבע נשמה־וויבראַציעס, וועלכע האָבן געפֿונען אַן אויסדרוק אין דעם דיכטערס ווערק און וועלכע זענען איבערגעגעבן גע־

וואָרן דעם איבערזעצער דורך אַן אינטימער נאָענטקייט מיטן דיכטער.

צו דער דאָזיקער איבערזעצונג האָט צווייג צוגעגעבן אין אַ באַזונדערן באַנד אַ ביאָגראַפיש־קריטישע אַרבעט וועגן ווערהאַרענען, און די דאָזיקע קריטישע אַרבעט האָט אים אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען פון די מאָדערנע גרויסע ליטעראַרישע קריטיקער.

די דאָזיקע ביאָגראַפיש־קריטישע אַרבעט איז אויך געווען דער ערשטער שטיין צו זיין שפּעטערדיקער גרויסער סעריע „די בויער פון דער וועלט".

* * *

מיט זיין קריטישן חוש האָט סטעפאַן צווייג אַליין דער־שפּירט, אַז זיין טאַלאַנט ליגט נישט אין געביט פון דיכטונג, און ער איז אַריבער צו בעלעטריסטיק. זיינע דערציילונגען, וואָס זענען פּסיכאָלאָגיש דין און אינטעליגענט, וואָס זענען באַשרייבעריש פיין, האָבן געהאַט נישט דער ערך אַ גרעסערן דערפאָלג, ווי זיינע לידער. און דער דאָזיקער דערפאָלג איז אַ פולשטענדיק פאַרדינטער: אַ ליריש־געשטימטער, פיינפיליקער און דורכדרינגלעכער פּסיכאָלאָג, האָט צווייג געשריבן דער־ציילונגען, וואָס טראָגן אויף זיך דעם אָרעאָל פון דיכטונג (און אַמאָל אויך — פון סענטימענטאַלקייט). אָבער ווי גוט און אינטערעסאַנט זיינע דערציילונגען זאָלן נישט זיין (באַזונדערס „דער ברענענדיקער סוד" און „אַמאָק"), האָבן זיי נישט גע־קאָנט אַרויסרוקן סטעפאַן צווייג אויפן פאָדערשטן פּלאַץ אין דער דייטשער (שוין אָפּגערעדט וועגן דער אייראָפּעאישער) ליטעראַטור. אין פאַרגלייך מיט אַזעלכע מייסטערס פון קינסט־לערישן וואָרט, ווי טאָמאַס מאַן און פראַנץ ווערפעל, ווי היינ־ריך מאַן און אַרנאָלד צווייג, ווערט סטעפאַן צווייגס בעלעט־ריסטיק אָפּגערוקט אויפן צווייטן און אַפילו אויפן דריטן פּלאַן.

סטעפאַן צווייגס פּאָעטישע און בעלעטריסטישע טעטיקייט האָט געדינט ווי אַ צוגרייטונגס־אַרבעט פאַר זיין באמת באַ־

דייטנדיקן שאפן אין געביט פון ליטעראַרישער קריטיק און פון דער היסטאָרישער מאָנאָגראַפיע. זיין פּאָעטישע וויזיאָנעריש־קייט און זיין פסיכאָלאָגישע דורכדרינגלעכקייט האָבן אויפן דאָזיקן געביט באַקומען די מעגלעכקייט פאַנאַנדערצוּוויקלען זיך אין זייער גאַנצן פאַרנעם אַלס הילף־מיטלען צו דערגרייכן דעם הויפּט־ציל: די מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין די טיפע־נישן פון אַ שעפערישער נשמה און אַרויסברענגען פאַר אַלעמען אין אַ פּלאַסטישער פאָרם איר עיקרדיקע באַוועג־קראַפט.

אין זיינע בעסטע ליטעראַר־קריטישע און היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס האָט סטעפאַן צווייג אין דאָזיקן פּרט דערגרייכט שלימותדיקייט. די דאָזיקע מייסטערשאַפט האָט זיך אים נישט געגעבן אַזוי לייכט, ווי דאָס קאָן זיך דאַכטן אויבערפלעכלעכע לייענער. אין אייניקע פון זיינע קריטישע מאָנאָגראַפיעס זינדיקט צווייג שטאַרק מיט שפּראַך־בלומיקייט, מיט פּשוטער עקרדיקער מליצה — אַ זינד פון דעגענערירטן, גראָשנדיקן ראָמאַנטיזם, וואָס האָט זיך גופא איבערגעלעבט. ער קריכט פון דער הויט אַבי צו זיין שפּראַכפּאַרביק דאָרט, וואו מען קאָן דערגרייכן אַ סך מער דורך פּשטות און קלאָרקייט פון דער שפּראַך. אַזעלכע ביכער זיינע, ווי, למשל, וועגן קלייסטן און ראָלאַנען, זענען טיילווייז אומפאַרדייבאַר צוליב זייער מליצהדיקייט, צוליב מאַנגל אין סינטעטישקייט. רעדנדיק, למשל, וועגן קלייסטס קינדהייט, גיט ער אַ זאָג מיט אַן ערנסטער מינע, אַז זיין פאָטער איז געווען, פּונקט ווי שילערס פאָטער, אַ מיליטערישער פעלד־שער. ווען מען מאַכט אַזאַ פאַרגלייך, דאַרף דאָס האָבן אַ געוויסן מוסר השכל (די זעלבע ביאָגראַפישע פאַקטן האָבן אַרויסגערופן די זעלבע ביאָגראַפישע אָדער שעפערישע רעזולטאַטן), אָבער ווען אַזאַ מוסר השכל איז נישטאָ אָדער ער ווערט נישט געמאַכט, איז דאָס אַ פאַרשווענדונג פון טינט, אַ שלעכטע ליטע־ראַרישע מאַניער. אָבער די דאָזיקע פעלערן פון זיין סטיל האָט צווייג מיט דער צייט גובר געווען און זיינע מאָנאָגראַפיעס ווערן וואָס ווייטער אַלץ קלאָרער און סינטעטישער, אָפּוואָרפנ־

דיק ביסלעכווייז די אויסערלעכע דעטאַלן און אַריינדרינגענדיק אַלץ טיפער און אַרומנעמענדיק אַלץ ברייטער.

און מיט אַ בריטן טייך האָט גענומען אַריינפליסן אין ים פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור אַ גראַנדיעזע סעריע מאָנאָגראַפיעס, וואָס צווייג האָט פאַרטראַכט אונטערן געמיינזאַמען טיטל „די בויער פון דער וועלט". אין דער דאָזיקער סעריע האָט צווייג פאַרטראַכט צו געבן אַן אָרט די פאַרשידנאַרטיקסטע פאַרשטייער פונם פיל־פּנימדיקן שעפערישן מענטשן. צווייג האָט געוואָלט שאַפן אַ פּאַנטעאָן, אין וועלכן עס זאָלן געפינען אַן אָרט אַלע טיפן פון דער מענטשהייט אין זייערע ריינסטע מוסטערן: פון קאַזאַנאָוואַן ביז טאָלסטאָיען, פון סטענדאַלן ביז ניטשען, פון פרוידן ביז מאַגעלאַנען, פון קלייסטן ביז פושען. וואָס פאַר אַ פאַרשידנאַרטיקע גאַלעריע פון כאַראַקטערן און פאַראינטערעסירונגס־ספערן! און ס'אַרא פּלאַסטישקייט און פּסיכאָלאָגישע טיפקייט מען געפינט סיי אין דער מאָנאָגראַפיע וועגן ריין־עטישן כאַראַקטער פון טאָלסטאָיען, סיי אין דער מאָנאָגראַפיע וועגן ריין־עראָטישן כאַראַקטער פון קאַזאַנאָוואַן, סיי אין דער מאָנאָגראַפיע וועגן הומאַניסט עראַזם, סיי אין דער מאָנאָגראַפיע וועגן שמוציקן אינטריגאַן פושע!

* * *

אין זיין גראַנדיעזער סעריע, וואָס איז געבליבן, ווי מען האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַ גראַנדיעזער פראַגמענט, האָט צווייג אַרויסגעוויזן אַ סך ליטעראַרישע מעלות, אָבער אין איר זעט זיך אויך זיין הויפּט־חסרון: צווייג צייכנט מייסטערהאַפט די פאַרשידנסטע כאַראַקטערן, אָבער ער גופא ווייזט נישט אַרויס געגנוג כאַראַקטער. ער איז אַן עסטעט, אַ פּסיכאָלאָג און אַן אַבסטראַקטער הומאַניסט־קאָסמאָפּאָליט, אָבער ער פאַרמאָגט נישט קיין סאָציאַלן חוש. ער גייט צו צו ליטעראַרישע און היסטאָרישע דערשיינונגען, ווי אַ באָטאַניקער צו פלאַנצן: דעם באָטאַניקער איז אַלץ איינס, צי האָט אַ פלאַנץ אַ ריח אָדער נישט, און אויב עס האָט אַ ריח, איז אים אַלץ איינס, צי אַ

גוטן אָדער אַ שלעכטן, — ער פאַרשט אוים מיט דער זעלבער ליבע, אָדער ריכטיקער: מיטן זעלבן אינטערעס, אי אַ וואַרצללאָז גראָז, אי אַן אָרכידייע, אי אַ רויז. דאָס זעלבע געשעט מיט צווייגן און זיינע מאָנאָגראַפיעס. באַזונדערס קלאָר איז דאָס אין אַזעלכע ליטעראַריש־גלענצנדיקע, אָבער געזעלשאַפטלעך־גע־שלעכטלאָזע ווערק, ווי „מאַרי אַנטואַנעט". דאָס גיט אַן אָרט פאַר אָביעקטיווקייט, אָבער גלייכצייטיק אויך פאַר צעשוואומענ־קייט. און דערמיט לאָזט זיך דערקלערן, וואָס ביי זיין גאַנצער באַרימטקייט און ליטעראַרישער אַלאָנווענקייט איז צווייגס ספּעציפיש געוויכט אין דער אייראָפּעאישער ליטע־ראַטור נישט געווען באַזונדערס גרויס. ער פאַרנעמט אַ באַ־דייטנדיק אָרט, ער האָט געגעבן אַ סך שיינס און אַפילו ווערט־פולס (ווי ווערטפול עס איז זיין ביכל וועגן עראַזם אין אונזער צייט!), אָבער צווייג גופא איז געבויט פון אַ לייכטוואָגיקן מאַ־טעריאַל. ער איז געבליבן אין די אויבערשטע שיכטן פון אונ־זער לעבן, ווי דאָס פּאַסט פאַר אַלץ, וואָס לייכטוואָגיק. און אַ סך שרייבער, זיינע צייט־חברים, וועלכע האָבן נישט געגעבן דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור אפילו קיין צענט חלק פון דעם שניט, וואָס סטעפאַן צווייג האָט אַריינגעבראַכט אין איר, האָבן געלייגט אויף אונזער צייט אַ שטאַרקערן און דויערנדי־קערן שטעמפּל, ווי סטעפאַן צווייג.

דעם דאָזיקן מאַנגל אין כאַראַקטער האָט צווייג אַרויסגע־וויזן באַזונדערס בולט אויך אין זיין לעבן, אין לעצטן יאָר־צענדליק פון אונזער צייט. צוערשט האָט ער געוואָלט שטיין פון דער ווייטנס, נישט אַריינמישן זיך מיט דער פעדער אין קאַמף, וואָס האָט אָפן געבושעוועט אין אייראָפּע זייט דעם אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן. דערנאָך, ווען שטיין פון דער ווייטנס איז שוין נישט מעגלעך געווען, ווייל דער קאַמף איז צוגעקומען נאָענט צו יעדן פּונקט פון ערד־קיילעך, האָט ער גענומען אָנטייל אין אים מיט דער שפּיץ פעדער.

דאָס דאַרף מען קאָנסטאַטירן נישט מיט קיין פאַרוואורף,

— זיין פעדער האָט געפעלט פאַרהאַרטעוועטקייט פאַר אַזאַ קאַמף, זי איז געווען ווייך, עסטעטיש־פּאַרקיילעכדיקט, מיט אַ האָניק־טראָפּן אויפן שפּיץ, בעת שלאַנגען־גיפט וואָלט מער צוגעפּאַסט געקומען.

* * *

צווייג איז נישט דער ערשטער צווישן די באַקאַנטע דייטש־יידישע שרייבער, וואָס האָט געענדיקט מיט זעלבסטמאָרד, הגם זיי זענען געווען אויף דער פרײַ. באַגאַנגען זעלבסטמאָרד איז יאַקאָב וואַסערמאַן, נאָך פאַרן אויסברוך פון קריג; אין נאָר־וועניג האָט זיך גענומען דאָס לעבן, אויך פאַרן קריג, דער גוט־באַקאַנטער דייטש־יידישער שרייבער קורט טוכאָלסקי; אין ניו־יאָרק איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דער פול־בלוטיקער פאָר־שטייער פון יונגן דור פון דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג — ערנסט טאָלער; איצט איז זיי נאָכגעגאַנגען סטעפאַן צווייג.

איך האַלט נישט פאַר קיין צופאַל, וואָס די דאָזיקע אַלע זעלבסטמערדער זענען יידן נאָר לויט דער געבורט. געוויקסן, וואָס ווערן איבערגעפלאַנצט אין אַן אַנדער קלימאַטישע סביבה, קאָנען זיך אָננעמען און זיך פאַנאַנדערבליען אין איר אפילו פּרעכטיקער, ווי אין זייער נאַטירלעכער סביבה, — אָבער די דאָ־זיקע געוויקסן קאָנען לעבן און זיך אַנטוויקלען נאָר אין גינסטיקע באַדינגונגען, אין אָראַנזשעריע־באַדינגונגען, אַזוי צו זאָגן. ווען די דאָזיקע אָראַנזשעריע־באַדינגונגען (אין פיגוראַטיוון זין, זיי דאַרפן נישט וואַקסן דווקא אין אַ אָראַנזשעריע) פאַרשווינדן, און די געוויקסן בלייבן פּנים אל פּנים מיט דער גרויזאַמער נאַטור, ווערן זיי שנעל קראַנק — זיי פאַרמאָגן נישט קיין אינערלעכע ווידערשטאַנד־קראַפט.

די דאָזיקע שרייבער־זעלבסטמערדער האָבן נישט געשפּירט קיין באָדן אונטער די פיס, זיי האָבן אפילו נישט פאַרמאָגט קיין אילוזיע אָדער אַ געפיל פון פאַרוואָרצלטקייט, — זיי האָבן פּלוצלונג דערשפּירט שאַרף, אַז זיי זענען וואָרצללאָזע גראָזן, אָן

דער נויטיקער אַטמאָספער פון פּאָלקסהאַפטיקייט, פון לעבעדי־קער געזעלשאַפטלעכקייט.

מיט וואָס האָט סטעפאַן צווייג געקאָנט לעבן אויף דער פרעמד? זיין איינציק איינגעוואָרצלט פאָטערלאַנד, וואָס האָט אים געגעבן די אילוזיע פון באָדנהאַפטיקייט, איז געווען אייראָפּע (ווי ער ווייזט ריכטיק אָן דערויף אין זיין לעצטן בריוו), — און דאָס דאָזיקע היימלאַנד האָט אים פאַריאָגט און זי האָלט זיך אין איין צעשטערן, זי האָט פאַקטיש אויפגעהערט צו עקזיס־טירן אין יענער פאָרם, נאָר ביי וועלכער זי האָט געקאָנט אויפ־נעמען און צוטוליען סטעפאַן צווייגס עסטעטישע נאַטור.

סטעפאַן צווייג איז געבליבן אָן גייסטיקער לופט צום אָטעמען, און ער איז דערשטיקט געוואָרן אין אַ לופטלאָזן רוים.

אין זיין פרעכטיקן ווערק „די צוויי קוואַלן פון מאָראַל און רעליגיע", זאָגט אַנרי בערגסאָן, אַז אָן אַ געזעלשאַפטלעכער סביבה קאָן אַ מענטש נישט לעבן נישט נאָר פיזיש, נאָר אויך נישט גייסטיק. ווען אַ מענטש געפינט זיך אין אַן איינצל־צעלע, שטאַרבט ער נישט פון גייסטיקער דערשטיקונג בלויז דערפאַר, ווייל ער טראָגט אין זיך די סביבה, אין וועלכער ער איז אויס־געוואָקסן און מיט וועלכער ער איז צוזאַמענגעוואָקסן ביז די דינסטע, אומזעבאַרע פעדים. די סטעפאַן צווייגס אָבער האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייער יידישער סביבה און אין אַן אַנדער סביבה האָבן זיי זיך נישט איינגעוואָרצלט מיט די אומזעבאַרע נשמה־פעדים; זיי זענען געבליבן שטוביקע פלאַנצן אין דייטשן, פראַנצויזישן, ענגלישן, — מיט איין וואָרט, אין די אייראָ־פּעאישע גערטנער. און ווען אויף די דאָזיקע גערטנער איז אָנ־געלאָפן אַ שטורעם, זענען די דאָזיקע שטוב־פלאַנצן געפאַלן אַלס ערשטע קרבנות.

אַרנאָלד צווייג, כמעט אַ פיזיש בלינדער, אָבער אַ גייס־טיק זעעוודיקער זינט דער יוגנט, אָבער באַזונדערס זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט צווישן מזרח־אייראָפּעאישע יידן אין ליטע (ער האָט געשריבן אַ הימן

פאַר זיי, אַלס טעקסט צו הערמאַן שטרוקס אַ בילדער־בוך וועגן ווילנער יידנטום), — אַרנאָלד צווייג האָט געפונען נישט נאָר אַ פיזישן, נאָר אויך אַ גייסטיקן מקום מקלט אין ארץ־ישראל, און דער נאַציאָנאַלער מקום־מקלט האָט געוואַרט אויף אים אומעטום, וואוהין דער וועלט־שטורעם וואָלט אים נישט געוווען פאַרוואָרפן, — ווייל ער טראָגט אין זיך אַ פאָלקס־סביבה, אָדער אויב איר ווילט: די אילוזיע פון אַ פאָלקס־סביבה, דעם סימבאָלישן געפיל פון אַ פאָלקס־סביבה; אָבער סטעפאַן צווייג האָט אויך דעם דאָזיקן מקום מקלט נישט געהאַט, ער איז גייסטיק נישט געווען פאַרבונדן מיט אים.

ער האָט זיך אויף אַזוי ווייט דערווייטערט פון לעבעדיקן און אפילו פון היסטאָרישן יידישן לעבן, אַז צווישן זיינע צאָל־רייכע מאָנאָגראַפיעס געפינט זיך קיין איינע נישט וועגן אַ וועלכן נישט איז גרויסן פאַרשטייער פון דער יידישער ליטע־ראַטור אָדער פון דער יידישער געשיכטע. יאָזעף קאַסטיין, אויך אַ דייטש־יידישער שריפטשטעלער, האָט געגעבן אַ סך ווייניקער אין כמות, ווי סטעפאַן צווייג, אָבער זיינע מאָנאָגראַפיעס וועגן „ירמיה הנביא", וועגן „שבתי צבי" וועלן נישט בלייבן באַדנלאָז, — זיי האָבן וואָרצלען אין אַ פאָלק, פונקט ווי זייער שרייבער, — אין קעגנזאַץ צו סטעפאַן צווייגס מאָנאָגראַפיעס, וואָס זענען שיינע בלומען אין אַ פרעמדן גאָרטן.

און טאָמער האָט שוין סטעפאַן צווייג געשריבן וועגן אַ יידן, איז דאָס פרויד, דער אָפּגעפרעמדטער גאון, — אָבער נישט הערצל, נישט „זיסקינד פון טרימבערג", וועלכן ער האָט ווידער געלאָזן פאַר יאָזעף קאַסטיין, הגם די טעמע איז אַזוי צוציִענדיק סיי פון ליטעראַר־קריטישן, סיי פון פסיכאָלאָגיש־נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט, — דאָס איז אָבער אַ טעמע, וואָס קאָן וואַקסן נאָר אויף אַ יידיש פעלד, נישט אין קאָסמאָפּאָליטישע בלומען־טעפּ.

צווייג האָט געגעבן אַזוי פיל מוסטער־כאַראַקטערן, אַזוי פיל רעפּרעזענטאַטיווע געשטאַלטן פון אַלע מענטשלעכע טיפּן, — נאָר דעם נאַציאָנאַלן טיפּ און דעם טיפּ פון אַ נאַציאָנאַל־אָפּגע־

פרעמדטן מיט זיין נשמה־דים האָט ער נישט געפּרואווט צו געבן, הגם די וועלט־געשיכטע און די ליטעראַטור־געשיכטע זע־נען נישט נאָר פול מיט זיי, נאָר זיי שרייען וועגן זיי, זיי זענען פול מיט זייער יאָמער און מיט זייער טאָפּלטן געראַנגל — מיטן אַרום און מיט זיך.

בלויז איין מאָל, — נישט רעכענענדיק די קליינע ליטעראַ־רישע אַרבעטן אין געביט פון פאָלקס־לעגענדעס אָדער בעלעט־ריסטישע רעפּאָרטאַזשן, — האָט צווייג באַנוצט אַ ריין־יידישע טעמע: די צעשטערונג פון דער יידישער מלוכה און דער גורל פון ירמיה. די דאָזיקע שוואַכע דראַמע האָט ער אָנגעשריבן בעת ד'ער ערשטער וועלט־מלחמה. מיט דער הילף פון היס־טאָרישע געשעענישן און געשטאַלטן האָט ער געוואָלט אויס־דריקן דעם וועלטיק פון זיין דור און דעם גורל פון נביאים אין אונזערע טעג. ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ יידישער טעמע, ווי מיט אַ ליטעראַר־היסטאָרישן מאַטעריאַל פון דעם אַלוועלט־לעכן ליטעראַר־היסטאָרישן אוצר פון דער מענטשהייט. קיין שום ספּעציפיש־יידישעם האָט אים נישט צוגעצויגן צו דער דאָזיקער טעמע (ווי ריכאַרד בער האָפמאַנען — צו „יעקבס חלום"), און ער האָט נישט באַרירט אין איר קיין איין סטרונע פון דער אַקטועלער יידישער פּראָבלעמאַטיק.

* * *

ווען סטעפאַן צווייג האָט זיך געפונען אין לאָנדאָן אין 1934, האָט ער אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דעם, אַז מען דאַרף ראַטעווען די דייטש־יידישע יוגנט, — מען דאַרף זי ראַ־טעווען פון יענעם מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס, וועלכער איז אייגן די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, און איצט, צוליב די פאַר־פאָלגונגען, קאָן זיך עס נעמען אַנטוויקלען אויך צווישן די מערב־אייראָפּעאישע, באַזונדערס צווישן דער יוגנט.

אָט דער אַרטיקל באַווייזט בעסער ווי אַלדאָס אַנדערע, אויך ווי ווייט סטעפאַן צווייג איז פרעמד געווען פון יידנטום און פון זיינע פּראָבלעמען. דער דאָזיקער פיינפיליקער פּסיכאָ־

לאָג האָט נישט באַמערקט, אַז ער וואַרפט אַרויף די שולד פון אַ קראַנקן־קאָפּ אויף אַ געזונטן. אים האָט זיך געדאַכט (נישט ווויסנדיק אַפילו וועגן דער איבערזעצונג פון אחד העמס גענ׳אַלן אַרטיקל „עבדות בתוך חירות" — „קנעכטשאַפט אין פרייהייט"), אַז גראַד די מערב־אייראָפּעאישע יידן ליידן פונם מינדערוואַרטיקייט־קאָמפּלעקס! דאָס, וואָס עס האָבן באַמערקט ביי דער באַגעגעניש מיט די מזרח־אייראָפּעאישע יידן אַלע בעסטע פאָרשטייער פון מערב־אייראָפּעאישן יידנטום, פון היינ־ריך היינען ביז אַרנאָלד צווייגן (אַז דער עכטער מזרח־אייראָ־פּעאישער ייד שטעלט פאָר מיט זיך אַ ג אַ נ צ ן טיפּ פון אַ קולטור־מענטשן, וועלכער ליידט פיזיש, אָבער נישט פון אַ מינ־דערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס, אין קעגנזאַץ צום עכטן מערב־אייראָפּעאישן יידן, וועלכער ליידט נישט פיזיש, אָבער דער־פאַר — פון אַ שטאַרקן מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס), האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון סטעפאַן צווייגס אויפמערקזאַמקייט.

צו דער יידישער וועלט האָט אַזאַ מענטש נישט געהאַט קיין וועג (ער האָט זי נישט געזען און נישט געקאָנט און אפשר נישט געוואָלט באַמערקן); די אַלטע וועלט פון זיין אילוזאָרי־שער איינגעוואָרצלטקייט — אייראָפּע — איז געלעגן און ליגט אין חורבות, אין גסיסה־קאָנוואולסיעס, — און דער דאָזיקער נאָר־אייראָפּעער איז גייסטיק דערשטיקט געוואָרן.

אַ גייסטיק־איינזאַמסטער, איז צווייג באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד.

די שולדיקע אין זיין טראַגישן שריט דאַרף מען זוכן נישט נאָר אין אונזער צייט, ביי די שונאים, נאָר אויך ביי זיך, אין יענער גאַנץ וויטער תקופה, ווען דאָס מערב־אייראָ־פּעאישע יידנטום האָט פאַרוואַנדלט די עמאַנסיפּאַציע־באַוועגונג אין אַ אַנטלויפן פון דער אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע, ווען זי האָט גערן געצאָלט מיטן אָוועקגיין פון דער היימישער כאַטקע פון יידנטום, פאַרן אַריינטריט־בילעט אין די פרעמדע קאָרידאָרן פון אייראָפּע.

אומבאַגרײַפֿלעך זענען די וועגן פֿון גײַסט

(משה העם)

„נאָך אַ צוואַנציק־יאָריקער אָפּגע־
פֿרעמדטקייט, שטיי איך ווידער אין דער
מיט פֿון מײַן „פֿאָלק און נעם אָנטייל
אין זײַנע פֿרייד־ און טרויער־פֿייערלעכ־
קייטן".

משה העם

די גאַנצע געשיכטע פֿון דער מענטשהייט איז פֿול מיט אויסטערלישע דערשײַנונגען, וואָס מען קאָן אַנדערש נישט באַצייכענען, ווי — נסים. הגם דאָס דאָזיקע וואָרט דערקלערט גאָרנישט, דאָך גיט עס אַן אויסדרוק אונזער געפֿיל פֿון שטוינונג פֿאַר די אומבאַגרײַפֿלעכע וועגן פֿון גײַסט.

פֿאַראַן געדאַנקען, וואָס פֿאַלן אַרײַן אויף אַ געוויסן צײַט־פּעריאָד אין אַ לעטאַרגישן שלאָף, אָבער זיי שטאַרבן נישט; אין זייער לעטאַרגישן שלאָף הערן זיי די צורופֿן פֿון לעבן און פֿון צײַט צו צײַט רופֿן זיי זיך אַפֿילו אָפּ פֿון שלאָף אויף די דאָזיקע צורופֿן מיט אַ האַלב־פֿאַרשטעטענדלעכן וואָרט. און מיט אַמאָל כאַפּן זיי זיך אויף פֿון זייער לעטאַרגישן שלאָף און גיבן אַזאַ פֿולן און קלאָרן ענטפֿער אויף דעם רוף פֿון לעבן, אַז זיי יאָגן אַריבער דאָס דאָזיקע לעבן אויף פֿיל יאָר־צענדליקער און אַמאָל אַפֿילו אויף גאַנצע יאָרהונדערטער.

אַזאַ נס איז געשען אויך מיטן געדאַנק וועגן דער נאַציאָ־נאַלער אויפֿלעבונג פֿון יידישן פֿאָלק.

דער דאָזיקער געדאַנק איז קיינמאָל נישט אָפּגעשטאָרבן, — ער איז נאָר לאַנג געלעגן אין אַ טיפֿן לעטאַרגישן

שלאַף. ער האָט ארויסגעוויזן זיין לעבעדיקייט דאָ אין די קאַטאַסטראָפאַלע חלומות פון די פאַלש־משיחישע באַוועגונגען, דאָ אין די ווערטער, וואָס שפּינאָזאַ האָט ווי געלאָזט פאַלן פון שלאַף, אַז די יידן בילדן אַ נאַציאָנאַלע איינהייט און אַז „די אויפלעבונג פון דער יידישער מלוכה הענגט אָפּ בלויז פון דער דרייסטקייט פון יידישן פאָלק" (איך ציטיר לויט העסן), דאָ אין די טרוימען פונם פּאָליטיקער דיזראַעלי (און פון אומצאָליקע אַנדערע יידישע און קריסטלעכע י ח י ד י ם) וועגן דער אויפלעבונג פון דער יידישער מלוכה.

אָבער צום פולסטן האָט דער דאָזיקער געדאַנק דערוואַכט פון לעטאַרגישן שלאַף גראָד דאַרט, וואו מען האָט דאָס צום ווינציקסטן געקאָנט דערוואַרטן. מיט אַכציק יאָר צוריק, בעת די קאָסמאָפּאָליטישע אידייען ביי דער אייראָפּעאישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ בכלל און ביי דער יידישער בפרט זענען געווען אין פולן ברען, האָט דער דאָזיקער געדאַנק דערוואַכט מיט אַ דערשטוינלעכער קלאָרקייט פון באַוואוסטזיין און מיט אַ דערשטוינלעכער טיפקייט פון געפיל ביי אַן אָפּגעפרעמדטן פון יידנטום ייד, ביים סאָציאַליסט־קאָסמאָפּאָליט און ביים פּאָליטישן טוער משה העס.

עס וואָלט געווען זיין אַ היסטאָרישע אומפּינקטלעכקייט צו זאָגן, אַז די פולע דערוואַכונג פון דאָזיקן אין הינערפלעט אריינגעפאַלענעם געדאַנק איז פאָרגעקומען צוערשט ביי העסן, — העס גופא ווייזט אָן אין זיין „רוים און ירושלים" אויף זיינע פאָרגייער, פון דעם פראַנצויז ערנעסט לאַגאַראַן (וועלכער גיט אין זיין בוך „די נייע מזרח־פראַגע" די פולע פראָגראַם פון פּאָליטישן ציוניזם) ביזן רב קאַלישער פון טארן (וועלכער האָט אויך אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פון ציוניסטישער פּראַקטישער אַרבעט). אָבער איינס איז אָן ספק: ביי קיינעם האָט דער דאָזיקער דערוואַכטער געדאַנק נישט געפונען אַזאַ טיפן, אַלזייטיקן און ליידנשאַפטלעכן אויסדרוק, ווי ביי משה העס.

העס' בוך „רוים און ירושלים" איז נישט קיין היסטאָרישע

רעליקוויע, און אין אַכציק יאָר אַרום נאָך זיין דערשיינען, איבערראַשט עס אונז נאָך אויך היינט מיט זיין אַקטועלקייט סיי אין זיין ריין־יידישן טייל, סיי אין זיין אַלמענטשלעכן טייל. אויב מען זאָל נישט לייגן קיין אַכט אויפן סטיל, אַזוי צו זאָגן, פון אייניקע געדאַנקען, וועלכע זענען פאַרעלטערט געוואָרן צוזאַמען מיט דער צייט, וואָס האָט זיי געבוירן, איז העס׳ בוך נישט נאָר אויסטערליש גוט, נאָר אויך אויסטערליש אַקטועל. די פראַגן, וועלכע ער שטעלט פאַר זיך, שטייען נאָך אויך פאַר אונז, און די לייזונג, וואָס ער באַמיט זיך צו געבן די דאָזיקע אויך פאַר אונז נאָך אומגעלייזטע פראַגן, טויגן נאָך אויך פאַר אונז, לכל הפּחות פאַרדינען זיי אונזער ערנסטע אויפמערקזאַמקייט אויך היינט.

*   *   *

ווי אַזוי איז דאָס געשען, וואָס דווקא העס איז געוואָרן דער הילכער פון אונזער נאַציאָנאַלן געדאַנק?

פאַראַן אַן אויסערלעכער פאַקט, מיט וועמעס הילף מען קאָן זיך פּרואוון דערקלערן אויבערפלעכלעך די דאָזיקע דערשיינונג. דער נאָמען פון דאָזיקן פאַקט איז — דער בלוט־בלבול אין דמשק, וועלכער האָט אויפגעטרייסלט אין די פערציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט די יידישע וועלט. אין זיין „רוים און ירושלים” רעדט העס גופא וועגן דאָזיקן מאָמענט:

„מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען פון דמשק האָט זיך דערטראָגן צו אונז, אייראָפּעער, די זינלאָזע באַשולדיקונג קעגן די יידן, און אין אַלע יידישע הערצער האָט זיך אָפּגערופן דאָס ביטערע און גערעכטע געפיל פון ווייטיק צוליב דער גראָבקייט און לייכטגלויביקייט פון אייראָפּעאישן המון... ווײַבאַלד עס גייט וועגן יידן; דאַן, ווען אין רעכטן מיטן פון מיינע סאָציאַליסטישע באַמיאונגען, האָט זיך מיר צום ערשטן מאָל אויפסניי ווייטיקדיק דערמאָנט, אַז איך בין אַ זון פון אַן אומגליקלעכן, מיט בלבולים

פאַרשאַטענעם, פון דער גאַנצער וועלט פאַרלאָזענעם, איבער אַלע לענדער צעוואָרפענעם און דאָך נישט דערהרגעטן פאָלק, — שוין דאַן האָט זיך מיר פאַרוואָלט, — הגם איך בין געשטאַנען ווייט פון יידנטום, — אויסדריקן מיינע יידיש-פּאַטריאָטישע געפילן אין אַ געשריי פון ווייטיק, וואָס איז אָבער תיכּף דערשטיקט געוואָרן אין מיין ברוסט דורך אַ שטאַרקערן ווייטיק, אַרויסגערופן ביי מיר דורך די ליידן פון אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט".

ווי עס זעט אויס, איז דער דאָזיקער אויפגעוואַכטער ווייטיק דאָך נישט ענדגילטיק דערשטיקט געוואָרן, און אין צוואַנציק יאָר אַרום איז ער ווידער געקומען צום וואָרט, אַ מער קרעפטיקער און באַוואוסטזיניקער.

אָבער דער דאָזיקער אויסערלעכער פאַקט דערקלערט פּונקט אַזוי ווייניק העס' פּערספּעקטיווע איבערקערעניש, ווי די דרייפוס-אַפערע — טעאָדאָר הערצלס גייסטיקע איבערקערעניש. פון אַן אַריינגעוואָרפענעם שטיין ווערט אַ שטייאיק דורכגעפרווירן וואַסער פאַרוואַנדלט אין אייז, ער יאָגט צו דעם פּראָצעס פון קריסטאַליזאַציע, — אָבער דער דאָזיקער אויסערלעכער, דערקלערנדיקער פאַקט שפּילט די ראָל בלויז פון אַן אויסערלעכן סטימול, — דאָס וואַסער מוז זיין נאָענט פון פאַרפרוירונגס-פּונקט. אַזוי פיל מענטשן, אַ חוץ הערצלען, זענען געוועזן דערשיטערט דורך דער דרייפוס-אַפערע און דאָך האָט זי בלויז אין לעבן פון איין הערצלען אַרויסגערופן אַזאַ אַנטשיידענע גייסטיקע אויפטרייסלונג. אַזוי פיל מענטשן זענען דערשיטערט געוועזן דורך דעם בלוט-בלבול אין דמשק; היינריך היינע האָט געשריבן אַזוי פיל ליידנשאַפטלעכע אַרטיקלען וועגן דאָזיקן בלבול, און דאָך האָט ער נישט אויפגעהערט זיך צו שאָקלען, ווי אַן אומרו, צו און פון יידנטום; נאָר ביי העסן האָט דער דאָזיקער אַריינגעוואָרפענער שטיין אַרויסגערופן אַ גייסטיקע איבערקערעניש, — ווייל ער האָט נישט אַרויסגערופן, נאָר פאַרענדיקט דעם פּראָצעס פון קריסטאַליזאַציע. מיר זעען דעם אויס-

ברוך פון אַ וואולקאַן, אָבער ווי אַזוי ער ווערט צוגעגרייט איז אונז נישט באַשערט צו זען.

העס׳ ביאָגראַפיע גיט אַ געוויסע מעגלעכקייט צו לאָקאַ־ליזירן דעם אויסגאַנגס־פּונקט פון דאָזיקן פּאַרשפּעטיקטן אויס־ברוך. אין זיין קינדהייט האָט זיך דער יונגער העס געפונען אונטער דער ווירקונג פון זיין זיידן, וועלכער האָט מיט אים געלערנט תּלמוד און איינגעפלאַנצט אין אים ליבע צום פאָלק און זיין אַמאָליקער גרויסקייט. דעם זיידנס פונק איז, וואַרשיינ־לעך, טיף אַריינגעדרונגען אינעם אייניקל און איז נישט אויס־געלאָשן געוואָרן אין אים, הגם ער איז פאַרדעקט געוואָרן מיטן אַש פון אַסימילאַציע. אַזוי, למשל, האָט העס געפּרעדיקט אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן, אַז דאָס יידנטום איז בלויז געווען אַן עטאַפּ אויפן וועג צום קריסטנטום. „דאָס פאָלק, וואָס איז דורך גאָט אויסגעוויילט געוואָרן, האָט געמוזט אויף אייביק פאַרשווינדן, כּדי עס זאָל, נאָך זיין טויט, קאָנען אויפקומען אַ ניי, מער ווערטפול לעבן”.

און אויב ער פאָדערט אין יענער צייט רעכט פאַר יידן, איז פאָדערט ער קודם־כּל דאָס רעכט חתונה צו האָבן מיט קריסטן, כּדי צו דערנענטערן די פולשטענדיקע אַסימילאַציע און אַזוי אַרום לייזן די יידן־פראַגע.

יאָ, אַ כּמעט אויסגעלאָשענער פונק פון פּאָטענציעלן נאַ־ציאָנאַלן אויסברוך האָט ערגעץ טיף געטליעט אין העסן, אָבער צי דען נאָר ביי אים? פּאַרוואָס־זשע האָט גראָד ביי אים אַזאַ טיפער שיכט אַש נישט אויסגעלאָשן דעם פונק פון דער ווייטער קינדהייט?

קיין פולן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע איז קיינער נישט ביכולת צו געבן.

* * *

די אונטערערדישע פּראָצעסן, וואָס האָבן צוגעגרייט העס׳ נאַציאָנאַלן אויסברוך, האָבן זיך, ווייזט אויס, אויסגעצייכנט

מיט זייער גרינטלעכקייט; דערויף זאָגט עדות די אויסערגע־וויינלעכע רייפקייט פון העם׳ ווערק — „רוים און ירושלים".

אין יענער צייט, ווען דער סאָציאַליזם איז דורך און דורך צעפרעסן געווען פון קאָסמאָפּאָליטישע באַצילן; ווען דער סאָ־ציאַליזם האָט, אין זיין בלינדקייט, אפילו נישט באַמערקט די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם און קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן דער השפּעה פונם נאַציאָנאַלן מאָמענט אויף דער געשיכטע פון דער וועלט, האָט העס מיט אַ נביאישן בליק דערזען די גרויסע באַדייטונג פון דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם. ער טרעט אַרויס קעגן אַבסטראַקטן הומאַניזם, — ער ווייסט, אַז די צו־קונפט פון דער מענטשהייט הענגט אָפּ פון דער נאָרמאַלער, האַרמאָנישער אַנטוויקלונג פון אירע אָרגאַניש־היסטאָרישע פאָרמען — פון די פאַרשידענע פעלקער פון דער ערד. און העס פאָדערט נאָרמאַלע אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען אויך פאַרן יידישן פאָלק.

מיט וואָס פאַר אַ קלאָרן בליק העס נעמט אַרום די דער־שיינונג פון אַסימילאַציע אין אַלע אירע פאָרמען! זיינע סאַר־קאַסטישע פיילן קעגן אַסימילאַציע זענען שאַרף, גיפטיק און טרעפלעך.

„אומזיסט זענען אייערע באַמיאונגען: נישט קיין פילאָ־זאָפישע, נישט קיין געאָגראַפישע אַליבים וועלן אייך נישט העלפן. בייט וויפיל עס לאָזט זיך נאָר אייערע נעמען, זיטן, מנהגים, קליידונג און די רעליגיע, — אייער אינקאָגניטאָ וועט אויפגעדעקט ווערן, און איר וועט פאַר אַלעמען זיין בלויז יידן"*).

„זיי, — זאָגט העס וועגן די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, — האָבן בעסער אויפגעהיט דעם לעבעדיקן קערן פון יידנטום, ד. ה.

---

*) פאַר העסי שטימונג איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס ער האָט עפנטלעך באַדויערט, וואָס ער הייסט נישט „איציק", — אַ פאַראַכטונגס־נאָמען, מיט וועלכן די דייטשן רופן איבער אַלע יידן.

די יידישע נאַציאָנאַליטעט, ווי אונזערע מערב־ברידער, וועלכע זענען גרייט אויפצולעבן אויפסניי אינם גלויבן פון אונזערע אבות אַלץ, נאָר נישט די האָפנונג, וואָס האָט געבוירן דעם דאָזיקן גלויבן און האָט זי אָפּגעהיט אַ לעבעדיקע נישט געקוקט אויף אַלע שטורעמס פון די יאָרהונדערטער, — די האָפנונג אויף דער אויפלעבונג פון אונזער נאַציאָנאַליטעט".

משה העס האָט ווידער אָוועקגעשטעלט אויף די פיס דאָס, וואָס די אַסימילאַציע האָט איבערגעדרייט מיט די פיס אַרויף: די אַסימילאַציע האָט געזען אין דער יידישער נאַציאָנאַליטעט די רעליגיע, און משה העס האָט געזען אין דער יידישער רעליגיע — די נאַציאָנאַליטעט. העס האָט קלאָר געזען, אַז די יידישע רעליגיע איז דורך און דורך נאַציאָנאַל. פּונקט ווי אַ ציינלאָזע יאַסלע ווערט הארט און פאַרבייט די ציין, אַזוי האָט זיך די יידישע רעליגיע צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון יידישן לעבן און פאַרביטן, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך געווען, די פעלנדיקע נאַציאָנאַל־מלוכהשע און נאַציאָנאַל־באָדנדיקע פאָרם. פון איין זייט האָט העס קלאָר פאַרשטאַנען, אַז דווקא די רעליגיע האָט אונז דערהאַלטן ביים לעבן אין משך פון סאַמע שווערסטן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס איז ווען נישט איז וועלכן נישט איז פאָלק אויסגעקומען צו פירן. אָבער פון דער צווייטער זייט האָט העס נישט ווייניקער קלאָר איינגעזען, אַז דווקא דער ברענענדיקער פאַרלאַנג צו נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג האָט געבילדעט די אַקטיווע קראַפט פון דער יידישער רעליגיע.

כדי מען זאָל אַזוי קלאָר — אין יענער צייט! — איינזען די דאָזיקע אמתן, זענען נויטיק געווען אַ טיפער שכל און אַ שאַרפע אינטואיציע; אָבער אויך צו פּראָקלאַמירן די דאָזיקע אמתן מיט אַזאַ אָפנקייט טראָץ דעם אַסימילאַטאָרישן און אָרטאָדאָקסאַלן גלויבן אין דער באַרימטער מיסיע, טראָץ דעם סאָציאַליסטישן קאָסמאָפּאָליטיזם און דער סאָציאַליסטישער רעליגיעפאָביע, — האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן אַן אויסערגעוויינלעכן מוט, וואָס פליסט אַרויס נישט נאָר פונם בכבודיקן

קוואַל פון גייסטיקער ערלעבקייט, נאָר אויך פונם מזל־ברכהדיקן קוואַל פון שטאַרקן, אַבסאָלוטן גלויבן אין די אייגענע געדאַנ־קען. „רוים און ירושלים" איז נישט נאָר אַן אינטעלעקטועלער Tour de Force, נאָר אויך אַן אַקט פון גלויבן, — פון פלאַ־מיקן, אָנצינדנדיקן גלויבן. און טאַקע אַ דאַנק דעם איז דאָס דאָזיקע בוך אויך היינט אין אַלגעמיין וואונדערלעך פריש סיי סטיליסטיש, סיי געדאַנקלעך, נישט געקוקט דערויף, וואָס גע־וויסע טיילן זיינע זענען פאַרעלטערט.

* * *

אומגעקערט זיך צו זיין נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישן געפיל, האָט העס נישט נויטיק געהאַט אָפּצוזאָגן זיך פון זיין הומאַני־טאַר־סאָציאַליסטישן וועלט־געפיל, ווייל ער האָט זייער הויך געשעצט די סאָציאַלע געזעצגעבונג פון דער תורה, אויף וועל־כער ער האָט געקוקט נישט ווי אויף אַ זאַמלונג אַבסטראַקטע דאָגמען, נאָר ווי אויף אַ קאָדעקס געזעצן פון אַ נאַציאָנאַל־היס־טאָרישער רעליגיע. אינם יודאַאיזם זענען נישט וויכטיק די דאָגמאַטן פון גלויבן, נאָר די עטישע און סאָציאַלע נאָרמען פון דער לעבנס־פירונג. אינם יודאַאיזם האָט העס געזען אַ גרויסן, דערהויבנדיקן סינטעז: פון איין זייט וואַרפט ער אָפּ דעם איינ־זייטיקן מאַטעריאַליזם, דעם פרימאַט פון די קערפּערלעכע אינ־סטינקטן און גלוסטונגען, און פון דער צווייטער — דעם איינ־זייטיקן ספּיריטואַליזם, — ער שטרעבט צו פאַרגייסטיקן די מאַ־טעריע. דעם יודאַאיזם איז פרעמד סיי דער נישט־דורכגייס־טיקטער מאַטעריאַליזם, סיי דער נישט־לעבנספעאיקער ספּירי־טואַליזם, — ער סינטעטיזירט דעם גייסט מיט דער מאַטעריע. דער יודאַאיזם איז די סאַמע רעאַליסטישע רעליגיע („תורת חיים"), דאָס איז אָבער אַ רעאַליזם נישט פון נידעריקן מין, נישט קיין גראָבער — זי אָנערקענט אַלס רעאַליטעט אויך דעם מענטשנס גייסטיקע זייט. די מאַטעריע דאַרף נישט בלייבן נשמהלאָז, אָבער די נשמה טאָר נישט בלייבן קערפּערלאָז.

דער יודאַאיזם איז פאַר העסן נישט קיין דאָגמאַטישע רעליגיע, — ווי כ'האָב שוין אויבן געזאָגט. דער יודאַאיזם איז אַ היסטאָרישע רעליגיע, אָבער נישט אין נאַציאָנאַלן זין, נאָר אין אַלגעמיין־מענטשלעכן. דער יודאַאיזם האָט געשאָנקען דער וועלט דעם באַגריף פון אַ מענטשהייטס־געשיכטע אַלס איינהייטלעכן פּראָצעס — דעם פּראָצעס פון עטיש־סאָציאַלער פאַרפולקאָמונג, פון פאַרענדיקונג.

פונקט ווי די מאַטעריעלע וועלט, זאָגט העס, איז נישט געשאַפן געוואָרן אין איין מאָמענט, ווערט אויך די סאָציאַלע, היסטאָרישע וועלט געשאַפן בהדרגהדיק. די סאָציאַלע שאַפונג פון דער וועלט איז נאָך נישט פאַרענדיקט. עס דאַרף נאָך קומען דער געשיכטלעכער שבת, פונקט ווי נאָך זעקס טעג פון מעשה־בראשית איז געקומען דער שבת פון דער וועלט־שאַפונג. דער דאָזיקער געשיכטלעכער שבת איז דער העכסטער ציל פון דער מענטשהייט, און דעם דאָזיקן ציל שטעלט זיך די יידישע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע רעליגיע, דער דאָזיקער ציל איז — איר נשמה.

די יידישע רעליגיע, ד. ה. די יידישע געשיכטע נעמט אָנטייל אין שאַפן דעם גרויסן געשיכטלעכן שבת. מיטן דאָזיקן טיפזיניקן סימבאָל שטרייכט העס בולט אונטער, אַז די יידישע רעליגיע איז פאַר אים נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ פילאָזאָפישע וועלט־אנשויאונג. און די דאָזיקע וועלט־אָנשויאונג ווערט האַרמאָניש צונויפגעגאָסן מיט זיין נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישן געפיל: היות די יידישע רעליגיע איז נישט קיין אַבסטראַקטער דאָגמאַט, נאָר אַ קאָדעקס פון לעבנס־אויפפיר, מוז דער היסטאָרישער טרעגער פון דער דאָזיקער היסטאָרישער רעליגיע האָבן האַנדלונגס־פרייהייט, ער מוז האָבן די פרייהייט פון עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג, די פרייהייט צו לערנען די וועלט דורך דעם ביישפּיל פון זיין נישט באַגרענעצטן לעבן, און די דאָזיקע פרייהייט קאָן דאָס יידנטום באַקומען נאָר דורך צוריקבאַקומען די נאַציאָנאַלע פרייהייט, פון וועלכער דער לעבעדיקער קערן פון יידישן

פאָלק האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט נישט אין געפיל, נישט אפילו אין געדאַנק.

און דעריבער לאַכט העס אויס אַזוי בייסיק זיינע מערב־ברידער, וועלכע גלויבן, אַז די מיסיע פון יידישן פאָלק באַשטייט אין לעבן אין גלות, אין צעשפּרייטונג. העס גלויבט טיף און פעסט, אַז די נאָרמאַלע עוואָלוציע פון דער וועלט נויטיקט זיך אין דער נאָרמאַליזאַציע פון יידישן פאָלקס נאַציאָנאַל לעבן.

אויף אַזאַ אופן פאַראייניקט העס האַרמאָניש זיין אויפגעוואַכט נאַציאָנאַל געפיל מיט זיין גלויבן אין דער גייסטיק־היסטאָרישער איינהייט פון דער מענטשהייט, מיט זיין גאַנצער הומאַניטאַרער וועלט־אָנשויאונג.

איך האָב געזאָגט, אַז „העס פאַראייניקט האַרמאָניש", אָבער דאָס קאָן פירן צו אַ טעות: העס פילט כלומרשט עפּעס אַ סתירה און ער באַמיט זיך זי צו באַזייטיקן. העס פאַראייניקט נישט זיין נאַציאָנאַל געפיל מיט זיין סאָציאַלן געפיל — דאָס איז ביי אים אומצעטיילבאַר פאַראייניקט דורך אַ אומצערייסבאַרן טאָפּלטן קנוף פון געפיל און געדאַנק.

* * *

אין איצטיקן מאָמענט איז אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן, וואָס פאַר אַ פּאָזיציע העס האָט געהאַט פאַרנומען בנוגע דער רעליגיעזער טראַדיציע, דער רעליגיעזער פּראַקטיק. אַכציק יאָר נאָכן דערשיינען פון העס' בוך (אין 1938) איז די דאָזיקע פראַגע שטאַרק דעבאַטירט געוואָרן אין דער יידישער פּובליציסטיק אין אַמעריקע. עס איז דאָ נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז די דאָזיקע פראַגע ווערט געשטעלט און געפילט דורך אַלע, ווער עס וויל זיך צוזאַמענגיסן מיט דער יידישער נאַציאָנאַליטעט דאָרטן, וואו די אַסימילאַציע פרעסט אויף אונזער נאַציאָנאַלע סובסטאַנץ, — וואו עס איז נישטאָ קיין לעבעדיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונג. נישט ווילנדיק כאַפּט זיך יע־

דער פאַלנדיקער אָן אינם בולטסטן אַרויסשפּאַר פון דער וואַנט, כדי נישט אומצופאַלן, כדי זיך איינצוהאַלטן אויף די פיס, כדי צו שפּירן עפּעס אָן אָנשפּאַר, — און צי דען איז אין אונזער נאַציאָנאַלן לעבן דאָ עפּעס מער בולטס, עפּעס מער סאָלידס פאַר דער אומזיכער־טאַפּנדיקער האַנט, ווי די רעליגיע? איז, דעריבער, קיין וואונדער נישט, וואָס די דאָזיקע פראַגע איז אָנטשטאַנען נישט אין פּוילן, נאָר אין ניו־יאָרק, און וואָס די דאָזיקע פראַגע האָט זיך געשטעלט אויף פאַר דעם נאַציאָנאַל־באַנייטן העס.

און מיט אַ מוט, אַ קלאָרקייט און אַ דינקייט, וואָס זענען אים אייגן, לייזט ער די דאָזיקע פראַגע נישט נאָר אינטערעסאַנט, נאָר אפשר אויך ריכטיק (ביי געוויסע באַדינגונגען). העס באַטראַכט פאַר אַ נאַציאָנאַלן חוב צו דערפילן דעם רעליגיעזן ריטואַל, נישט אַריינפאַלנדיק דערביי אין אַ קאָנפליקט מיט זיין אינטעלעקט. די יידישע רעליגיע איז דאָך נישט קיין דאָגמאַטישע, נאָר אַ היסטאָרישע, און די רעליגיעזע פּראַקטיק האָט נישט, לויט זיין מיינונג, קיין שום שייכות צום גלויבן, צום אינטעלעקטועלן געוויסן (אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן) פונם יחיד. אויב דאָס יידנטום קאָן זיך נישט באַהויפּטן נאַציאָנאַל, אין די באַדינגונגען פון גלות, אָן רעליגיעזער פּראַקטיק, איז דער חוב פון יעדן נאַציאָנאַל־פילנדיקן יידן אויסצופירן אַלע רעליגיעזע פאַרשריפטן. העס גייט זייער ווייט, פּראָקלאַמירנדיק אפילו, אַז ווען דאָס יידנטום וואָלט זיך נישט געוועזן געקאָנט באַגיין אָן קרבנות, וואָלט ער געווען גרייט אָנצונעמען אויך דאָס.

אונז, די נאַציאָנאַלע יידן, וועלכע האָבן אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג מיטן פאָלק, וועלכע שטעלן מיט זיך גופא פאַר דעם נאַציאָנאַלן שטראָם פון אונזער לעבן, אונז איז נישט נויטיק די דאָזיקע קינסטלעכע פאַרבינדונג. אָבער מיר פאַרשטייען זייער גוט סיי דאָס געפיל, סיי דעם באַשלוס פון העסן מיט אכציק יאָר צוריק, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון די „אינזלען פון דער פרעמד”, לויט ביאַליקס אָן אויסדרוק, און נישט געפו־

נען פאַר זיך קיין נאַציאָנאַלן שטראָם, אין וועלכן ער זאָל קאָנען אונטערטויכן*).

העס האָט געהאַלטן, אַז ער קאָן אָננעמען די טראַדיציע, נישט פאַרלירנדיק די פרייהייט פון אינטעלעקט, ווייל די יידישע רעליגיע איז נישט קיין טויטער גלויבן, נאָר אַן אומאויפהערלעכע באַנייאונג אין גייסט פון די עטיש־סאָציאַלע אמתן פון יודאַ־איזם. דענקען קאָן זיך יעדער איינער אויף זיין שטייגער, אָבער האַנדלען דאַרף מען אין הסכם מיט דער „יידישער פאָלקס־טראַדיציע", וועלכע מען דאַרף איינהיטן אַ לעבעדיקע.

אָבער וואָס הייסט „איינהיטן אַ לעבעדיקע"?

די יידישע רעליגיע, ווי מיר האָבן געזען אויבן, איז פאַר העסן אַ פּראָצעס. און אַ פּראָצעס איז לעבעדיק נישט מיט דעם, וואָס ער בלייבט אייביק אויף דער זעלבער מדרגה, אויף וועלכער מיר דערוווישן אים אויף אַ געוויסן שטאַפּל פון זיין אַנטוויקלונג (אָדער פאַנאַנדערוויקלונג), נאָר דערמיט, וואָס ער פאַרלירט נישט די פעאיקייט, וואָס איז אייגן אַלץ וואָס לעבט — זיך ענדערן. און דאָס האָט טאַקע אין זינען העס, ווען ער לייגט פאָר זיך צו האַלטן ביי דער יידישער פאָלקס־טראַדיציע, כדי זי אויפצוהאַלטן ביים לעבן. אַז דאָס איז באמת אזוי, באַווייזט קלאָר איין שטעלע פון זיין סטימולירנדיקן בוך. רעדנדיק וועגן דעם אונטערשיד צווישן דעם מערב־ און מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, רופט העס אויס:

„צו יענע מיליאָנען טרייע ברידער וואָלט איך וועלן עולה רגל זיין און זאָגן צו זיי: טראָג הויך דיין פאָן, מיין פאָלק! אין דיר האָט זיך אויפגעהיט אַ לעבעדיק קערנדל, וואָס איז

*) דאָס דאָזיקע אַרטיקל, ווי אַלע אַרטיקלען פון דאָזיקן בוך, איז געשריבן געוואָרן אין שאַנכיי, אין 1941 — 1942. איצט, נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, איז די העס־טענדענץ צוריקצוקערן זיך צו דער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע, אַ סך פאַרשפּרייטער ביי דעם נאַציאָנאַלן שארית הפליטה; און זי איז אויך אַ סך פאַרשטענדלעכער.

גלייך צו די זאַמען אין די מצרישע מומיעס, וואָס זענען גע־שלאָפן יאָר־טויזנטער, אָבער דאָך נישט פאַרלוירן די שפּראָץ־קראַפט, — אַ קערנדל, וואָס וועט ברענגען פּרוכט, ווי נאָר דער שטיינערנער צודעק, אין וועלכן ער איז געווען איינגע־שלאָסן, וועט דורכגעבראָכן ווערן, ווי נאָר ער וועט פאַרזעצט ווערן אינם קולטיווירטן באָדן פון דער היינט־צייטיקייט, וואו ליכט און לופט און דער הימל־טוי וועלן קומען צו הילף אים אויפצולעבן.

„די פאַרשטיינערטע פאָרמען פונם אָרטאָדאָקסאַלן יידנ־טום, וועלכע זענען געווען באַרעכטיקט ביז דעם יאָרהונדערט פון ווידערגעבורט, וועלן אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויפגעריסן ווערן נאָר פון אינעווייניק, אַ דאַנק דער שפּראָץ־קראַפט פון דער לעבעדיקער אידייע פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט און פון איר היסטאָרישער רעליגיע. נאָר פון דער נאַציאָנאַלער ווידער־געבורט וועט דער רעליגיעזער זשעני פון די יידן שעפּן נייע כוחות, ווי דער מיטאָלאָגישער ריז פון די גריכן, וועלכער פלעגט דורך דער באַרירונג מיט זיין מוטער דער ערד שעפּן נייע כוחות, און ער וועט ווידער באַלעבט ווערן דורכן לעבעדיקן גייסט פון די נביאים...״

די נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט איז טאַקע געוואונטשן, נישט צו לעצט, צוליב דעם, כדי מען זאָל קאָנען אַראָפּוואַרפן פון זיך די פאַרשטיינערטע פאָרמען פון אונזער לעבן. דורכצוהאַקן דעם דאָזיקן פאַרשטיינערטן שיכט פון דרויסן, אויף אַ נישט־אָרגאַ־נישן אופן, הייסט, לויט העסן, טויטן דעם נאַציאָנאַלן אָרגאַ־ניזם, וועלכער האָט געשאַפן די דאָזיקע שוץ־שיכט אין פּראָצעס פון זיין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

העס האַלט שטאַרק (און מיט רעכט) פון דאָזיקן געדאַנק, און ווען ער וויל אויסדריקן זיין פאַראַכטונג צו דער אויסער־לעבער מעכאַנישער קולטור־אַסימילאַציע, שטעלט ער איר אַנטקעגן די אינערלעכע אָרגאַנישע קולטור־קראַפט פון דער אָרטאָדאָקסיע.

„אין קעגנזאַץ צו דער אָרטאָדאָקסיע, וועלכע קאָן שאַדנדיק דעם עמבריאָ פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, וואָס דרימלט אונטער איר (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.), — קאָן דער האַרטער פּאַנצער, וואָס וויקלט נאָך אַרום די הערצער פון אונזערע מאָדערנע קולטור־יידן, צעשמעטערט ווערן נאָר דורך אַ געוואַלטיקן דרוק פון אויסן, — אַ דרוק, וואָס די וועלט־לאַגע וועט שוין אפשר אין דער נאָענטער צוקונפט אָנהויבן אויסצואיבן...״*)

דער מענטש בייט זייער אָפט זיין הויט; דאָס איז אָבער אַן אינערלעכער פּראָצעס, — נייע קעמערלעך פאַרבייטן די אַלטע; אָבער צוטרעטן פון אויסנווייניק צו בייטן די הויט — הייסט אָראָפּרייסן זי און שאַטן דעם אָרגאַניזם...

נאָר דער אינערלעכער פּראָצעס פון נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט קאָן אונז באַנייען אויך אויסערלעך, נישט איבעררייסנדיק דאָס לעבן און די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג. און מיר גלויבן, אַז דער דאָזיקער אינערלעכער פּראָצעס פון ווידערגעבורט, צו וועלכן העס האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך געשטרעבט, וועלכן ער האָט אַזוי באַרעדעוודיק און טיפזיניק געפּרעדיקט, וועמעס אומ־

---

*) אַן עולם־כּל געדאַנק, אַז די אָרטאָדאָקסיע קאָן אָפּגעשאַפט ווערן דורך דעם נאַציאָנאַלן וואוקס פון יידנטום, אַז די יידישע רעליגיעזע טראַדיציע קאָן נישט צעשטערט ווערן פון דרויסן אָן שאַדן צו ברענגען אונזער אָרגאַניש נאַציאָנאַליזם, זאָגט אַרויס, אויב איך געדענק ריכטיק, אויך לודוויג לואיסאָן אין זיין "The Island Within". אין נאָרמאַל־נאַציאָנאַלע באַדינגונגען וועט זיך די האַרטע שאָל פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום אויפלייזן און אָרגאַניש אָננעמען אַנדערע עוואָלוציאָנערע פאָרמען. אַראָפּוואַרפן איצט מיט געוואַלט די דאָזיקע האַרטע שאָל — הייסט פאַרניכטן דעם קערן. אפשר ליידן מיר איצט פון דאָזיקן מאַנגל אין איינזיכט?

פאַרמיידלעכקייט ער האָט אַזוי נביאיש פאָראויסגעזאָגט, האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

* * *

די אָריגינעלסטע דענקער זענען אויך קינדער פון זייער צייט, אפילו דאַן, ווען זיי יאָגן זי איבער אויף יאָר־צענדליקער, אָדער אפילו יאָרהונדערטער. אַ זון קאָן שטיין העכער פאַר זיין פאָטער און דאָך האָבן זיין אינטאָנאַציע און באַנוצן זיינע אויסדרוק־פאָרמען.

אין זיין טעאָרעטישן געדאַנק שטייט העס אונטער דער שטאַרקער השפעה פון דער פילאָזאָפיע פון זיין צייט, ווי דאָס איז צו זען פון זיין סכעמע פון דער וועלטס דרייפאַכער עוואָלוציע — דער קאָסמישער, אָרגאַנישער און סאָציאַלער.

צוגלייך מיט די טיפסטע געדאַנקען, געפינען מיר אין זיין בוך אַ צו נאַאיוון (נאָך אונזער דערפאַרונג אַלס קינדער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט) גלויבן אין דער נאָענטער מעסיאַנישער עפּאָכע, אין דער קראַפט פון דער וויסנשאַפט צו ענדערן אונזער לעבן אויך אינערלעך, גייסטיק.

אַמאָל איז ביי אים אַ ריכטיקער געדאַנק איינגעוויקלט אין אַ נאַאיוונער פאָרם. אַזוי, למשל, גלויבט העס, אַז דאָס באַפרייטע רוים, וואָס איז, דאַכט זיך, אַ באַרעכטיקטער סימבאָל פון פיינטשאַפט צו אונז (האָט אונז דאָך פיינט געהאַט און פאַרפאָלגט סיי דאָס געטשן־דינערישע, סיי דאָס קריסטלעכע רוים), איז דער סימבאָל אויך פון אונזער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג. „דאָס ווידער באַלעבטע רוים לאָקט און ציט צו זיך די שטאָט אויף מוריה — ירושלים... דער ווידערקול פון דעם זיג־געשריי פון באַפרייטן איטאַליע וועט זיך לאָזן הערן אין די ציון־בערג פון דער ווידער באַלעבטער יהודה". די פאָרם איז נאַאיוו, אָבער דער קערן פון געדאַנק איז ריכטיק: דער ציוניזם האָט באַקומען זיין אימפּעט אַ דאַנק די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונגען פון נייַנצנטן יאָרהונדערט.

פון דער צייטנווייז (און פון דער צייט) אָפּגעבליאַ־

קעוועטער ראַם פון „רוים און ירושלים”, גלאַנצן מיט אַן אומ־אויסלעשלעכער שיין זיינע געדאַנקען וועגן דער גייסטיק־פּאַראיי־ניקטער פעלקער־משפּחה, אין קעגנזאַץ צום אויבערפלעכלעכן קאָסמאָפּאָליטיזם; זיינע געדאַנקען וועגן דעם, אַז די מענטשלעכע קולטור איז געשאַפן געוואָרן און ווערט געשאַפן דורך ראַסן (פעלקער), — אַן אמת, וואָס וועט בלייבן אַן אמת נישט גע־קוקט אויף קיין שום מיסברויכן, וואָס מען באַגייט און מען וועט באַגיין אין זיין נאָמען*); און באַזונדערס זיינע געדאַנקען וועגן יידן, וועגן דער יידישער רעליגיע־נאַציאָנאַליטעט און וועגן דער נויטווענדיקייט און דער אומפאַרמיידלעכקייט פון דער יידישער ווידערגעבורט.

העס' בוך אָטעמט אין אַ סך שטעלן מיט נביאישן פּאַטאָס, — און די דאָזיקע נביאישע טענער האָבן זיך פאַר די לעצטע אַכציק יאָר אַרויסגעוויזן פאַר באַרעכטיקט. לאָמיר־זשע האָפן, אַז עס וועט זיך אויך אַרויסווייזן פאַר באַרעכטיקט זיין גלויבן, אַז פון לעצטן קאַמף פון די נאַציעס („רוים און ירושלים” האָט אַן אונטער־קעפּל: „די לעצטע נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע”) וועט אַרויסגיין מיט טריאומף די אידייע וועגן דער גלייכקייט פון אַלע נאַציעס און צווישן זיי — אויך פון דער יידישער.

---

*) זיין געדאַנק וועגן דער ראָל פונם ראַסן־מאָמענט אין דער געשיכטע איז אויך באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דעם צייט־גייסט: גאָבינאָ און מאַרקס. „די גאַנצע געשיכטע — שרייבט ער איז „רוים און ירושלים" — האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אינם ראַסן־ אָדער קלאַסן־קאַמף. דער ראַסן־קאַמף איז דאָס פרימערע; דער קלאַסן־קאַמף — דאָס סעקונדערע.

פון ראַכעל לעווין ביז עלזאַ לאַסקער־שילער

איך האָב איבערגעליייענט דאָס בוך פון דער יידיש־דייט־שער דיכטערין עלזאַ לאַסקער־שילער וועגן פּאַלעסטינע — „העברעערלאַנד".

דאָס בוך גופא האָט מיך אַנטוישט. מיר איז אינטערעסאַנט געווען צו זען, ווי אַזוי עס האָט געזען דאָס היינטיקע פּאַלעס־טינע מיט זיין יידישן ישוב און זיינע יידישע פּראָבלעמען די יידיש־דייטשע פּאָעטין, די מחברטע פון די „העברעאישע באַ־לאַדן", — צום סוף ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס בוך איז פול נישט אַזוי מיט פּאַלעסטינע, ווי מיט דער דיכטערינס ענטוזיאַזם. פּונקט ווי די „העברעאישע באַלאַדעס" זענען פול מיט די סוב־יעקטיווסטע, כמעט עזאָטערישע וויזיעס פון דער דיכטערין, מיט די אומלאָגישע שפּרונגען פון איר סוביעקטיווער פאַנטאַזיע, — אַזוי איז אויך איר „העברעערלאַנד" פול מיט דער דיכטע־רינס סוביעקטיווסטן ענטוזיאַזם, וואָס לאָזט נישט איבער קיין אָרט פאַרן רעאַלן אויפנעמען דאָס לאַנד. עלזאַ לאַסקער־שילער איז צו פיל פאַרנומען מיט איר עקסטאַז, כדי צו באַמערקן די רעאַלע קאָנטורן פונם אַרומיקן סיי אין אירע פערזן, סיי אין אירע רייזע־פאַרצייכנונגען. אויב אָבער מיר דערוויסן זיך פון דאָזיקן בוך זייער ווייניק וועגן פּאַלעסטינע, דערוויסן מיר זיך דערפאַר זייער אַ סך וועגן דער דיכטערין. זי איז פאַרליבט אין פּאַלעסטינע, וועמעס געשיכטע ס'איז פאַר איר געפיל פּונקט אַזוי לעבעדיק — ניין, לעבעדיקער! — פאַר איר גופא און פאַר אירע פריינט. חוץ דעם, וואָס די ליבע צו פּאַלעסטינע ווערט פאַרשפּרייט אויך אויף דער יידישער רעליגיע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף דער דאָזיקער פאַר איר הייליקער ערד, —

פאַרמאָגט די ליבע גופא צו דער דאָזיקער ערד עפּעס רעליגיעזעס. אין דער דאָזיקער ליבע איז דאָ עפּעס פאַרגוזמאַדיקס, אַ צו גרויסע דאָזע סענטימענטאַלקייט, און אומבאַוואוסטזיניקער פאַר־לאַנג אויסצוקויפן עפּעס. עלזאַ לאַסקער־שילערס ליבע צו פּאַלעס־טינע דערמאָנט אין דער ליבע פון אַ באַיאָרטער מוטער צו איר פאַרשפּעטיקטן בכור. אין דער דאָזיקער ליבע איז דאָ אי עפּעס היסטערישעס, אי עפּעס רירנדיקס: ענדלעך איז פאַרזוכט גע־וואָרן דער זיסער טעם פון מוטערשאַפט, די זיסקייט ליב צו האָבן מוטערלעך.

עלזאַ לאַסקער־שילער האָט ענדלעך דערוואָרבן אַ היימ־לאַנד און זי פאַרכלינעט זיך מיט ליבע.

דאָ אָבער האַנדלט זיך נישט וועגן אינדיווידועלן מוטער־לעכן גליק, — אין עלזאַ לאַסקער־שילער ווערט גרעסער — פון לאַנג נישט פאַרזוכטער ליבע — דאָס הארץ פון גאַנצע דורות יידישע פרויען, וועלכע האָבן דעם דאָזיקן גליק נישט געהאַט. און אין דעם ליגט דער הויפּט־פאַרדינסט פון דאָזיקן בוך „העברעערלאַנד”, — זי ברענגט אַרויף אויף ברייט־האָריזאָנ־טיקע געדאַנקען, אויף אַ היסטאָרישן פּאַראַלעל, אויף אַ געוויסן סך־הכל פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט, פון דער צייט פון ראָכעל לעווין ביז דער צייט פון עלזאַ לאַסקער־שילער.

עלזאַ לאַסקער־שילער האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך ליב פּאַ־לעסטינע, אַלס סימבאָל פון אַלדאָס יידישע, ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט פאַרגיטיקן פאַר דער עוולה, וואָס די דאָזיקע יידישקייט האָט געליטן מצד אַזויפיל דורות ראָכעל לעווינס.

* * *

ווען די געטאָ־טויערן אין דייטשלאַנד האָבן זיך געעפנט, האָט פון דאָרט אַ שטראָם געטון אין דער ברייטער קולטור־וועלט אַריין אַ כוואַליע יידן און יידישקעס, פולע מיט מסירת־נפשדיקן ענטוזיאַזם. די יידישקעס זענען נאָך פולער געווען מיט ענטוזיאַזם, ווי די יידן, ווייל זיי זענען געווען אַ סך ווייניקער אָנגעלאָדן מיט דער יידישקייט־לאַסט, ווי זייערע ברידער און

מענער. אַנשטאָט זעקס הונדערט און דרייצן מצוות, האָבן זיי געדאַרפט האַלטן בלויז דריי. און אויב די יידן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ אין דער ברייטער וועלט אַריין, האָבן אַ גאַנץ לעבן געפּילט עפּעס אַ באַאומרואיקנדיקע לייכטקייט אויף זייער יידישער פּלייצע (עס האָט זיי געפעלט די געוואוינטע לאַסט!), זענען די יידישקעס כמעט ווי פריי געווען פון דאָזיקן געפיל. זיי איז לייכטער געווען דער איבערגאַנג, זיי איז לייכטער געווען צו פאַרגעסן. און אין דער ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָבן די יידישע פרויען געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דייטשלאַנדס קולטור־לעבן — נישט אַלס שעפער, נאָר אַלס שוץ־מלאכים פון די שעפער, אַלס אַ סטימולירנדיקער כוח צו שאַפן. חוץ דעם, וואָס יידישע פרויען האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אינם פּערזענלעכן לעבן פון די דייטשע ראָמאַנטיקער־טעאָרעטיקער, — שלעגעל, שלייערמאַכער און אַנדערע, — האָבן נאָך די סאַלאָנען פון די יידישע פרויען אין בערלין געשפּילט אַ ראָל פון פאַרשפּרייטער פון דער דייטשער ליטעראַטור און פון דייטשן געדאַנק. עס איז מערקווירדיק, ווי ווייט די דאָזיקע יידישע פרויען, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון זייער פאָלקהאַפטיקייט, האָבן זיך צונויפגעלעבט מיט דער דייטשער ראָמאַנטיק, וואָס האָט באַזירט אויף דעם פיינפיליקן אַריינדרינגען אין אַלץ, וואָס איז עכט פאָלקסטימלעך.

אַ באַזונדערס אָנגעזעענע ראָל האָט געשפּילט ראַכעל לעווין, וועלכע האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ גרויסן באַנד בריוו (געזאַמלט און אַרויסגעגעבן דורך איר קריסטלעכן מאַן, דעם שרייבער וואַרנהאַגען פאָן ענזע) און אַ אומפאַרווישבאַרן שפּור אין דייטשן קולטור־לעבן פון יענער צייט.

אירע בריוו, ווי אויך דער גבית־עדות פון אומצאָליקע גרויסע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט איבערצייגן אונז, אַז ראַכעל לעווין איז באמת געווען אַ געניאַלע פרוי, מיט אַ טיפן, ברייט־אַרומנעמענדיקן פאַרשטאַנד און אַ שפּירבאַר האַרץ. זי איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט באַגריפן געטעס גרויסע באַדיי־

טונג. עס קאָן אויסקומען ווילד, וואָס עס איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט באַדאַרפט „אַנטדעקן" געטען, אָבער אַזוי איז פּאָרט געווען, און די גרינדערין פונם געטע־קולט איז אַ גע־שמדטע יידישקע — ראַכעל לעווין.

און טאַקע אין איר סאַלאָן איז אויפגעגאַנגען היינעס אומפאַרלעשלעכער דיכטער־שטערן, און נישט נאָר זיינער.

ראַכעל לעווין האָט געלעכצט נאָך וויסן און גייסטיקער באַרייכערונג, און אַלע אירע אויסערגעוויינלעכע גייסטיקע כוחות זענען אַוועק אויף לערנען און אויף באַציאונגען מיט די בעסטע פאָרשטייער פון דער דייטשער קולטור.

די דאָזיקע פרוי, דאַכט זיך, וועלכע האָט פאַרלאָזן דעם געטאָ אָן שום באַדויער און אָן גייסטיקן קאַמף (נישט ווי היינע, למשל) האָט לגמרי נישט געהאַט קיין גרונט צו צאַפּלען זיך אין די נעצן פון דער יידן־פראַגע, — איז דאָך איר לעבן אויס־געפילט געווען ביז דער העכסטער אָנגעזעטיקטקייט דורכן קאָנ־טאַקט מיט די גרעסטע ליטעראַרישע גאונים פון דייטשן פאָלק, איז זי דאָך גליקלעך געווען מיט דעם, וואָס דער אַלטער געטע האָט זי באַזוכט! און דאָך — ס'אַרא מאָדנע געזעצמעסיקייט! ווי נאָר מיר באַגעגענען אַ נישט־דורכשניטלעכן כאַראַקטער, אַנטדעקן מיר, אַז די כלומרשט פולסטע אַסימילאַציע ווייזט אַרויס אַן אָנגעשפּאַלטנקייט. דאָס איז אפילו ריכטיק דאָן, ווען די נישט־דורכשניטלעכע כאַראַקטערן זענען פרויען, וועלכע די יידישע נאַציאָנאַלע רעליגיע האָט צוגעבונדן צו זיך נישט אַזוי שטאַרק, ווי די מענער. עס איז דאָ, ווי עס שיינט, אַ גרוי־סער אמת אין די ווערטער פון אַרטור עלעסער, דעם יידיש־דייטשן היינט־צייטיקן שרייבער, ווען ער זאָגט, אין שייכות מיט ראַכעל לעווין:

„ווען דער שווערער טויט האָט זיך דערנענטערט אויף דער עלטער נאָך אַ סך קראַנקהייטן, האָט זיך איר בליק געווענדט אויף צוריק, אויף איר יידישן גורל, וועלכער גיט נישט קיין פרייהייט קיינעם, ווער עס שטאַמט נאָר אָפּ פון יעקבס הויז".

ראַכעל לעווין האָט געקוקט אויף איר יידישן אָפּשטאַם, ווי אויף אַ שפּיז, וואָס עפּעס אַן איבערנאַטירלעך ווען האָט איר אַריינגעשטאָכן אין ברוסט ביי איר קומען אויף דער וועלט.

און ווען איר לייענט איר קאָרעספּאָנדענץ, געפינט מען מיט פאַרוואונדערונג אַ באַווייז פאַר דעם, אַז די דאָזיקע ווערטער זענען נישט געווען קיין מאָמענט־רעאַקציע, — זי האָט געליטן אַ גאַנץ לעבן פון איר יידישער טראַגעדיע (ווי היינע).

„מיר דאַכט זיך, — שרייבט זי אין איין בריוו, — אַז אין דער ערשטער מינוט נאָך מיין געבוירן ווערן האָט עפּעס אַן איבערנאַטירלעך וועזן אַריינגעשטאָכן מיר אין ברוסט די פאָלגנדיקע ווערטער: זיי גרויס און איידל, פאַרמאָג שטאַרקע געפילן, זיי פול מיט אייביקע געדאַנקען; אָבער דערביי האָט עס פאַרגעסן צוצוגעבן: זיי אַ יידישקע! און צוליב דעם גיי איך אָפּ מיט בלוט אין משך פון מיין גאַנץ לעבן".

ווי מיר זעען, איז ראַכעל לעווינס טראַגעדיע באַשטאַנען נישט נאָר אין דעם, וואָס זי איז געבוירן געוואָרן אַלס יידישקע, נאָר אויך אין דעם, וואָס זי איז נישט פאַרבליבן אַ יידישקע, — איר טראַגעדיע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איר נשמה איז געווען צעריסן.

און אויפן טויטן־בעט, ווען זי פאַרענדיקט דעם פולן קרייז פון אַזוי פיל גרויסע אַנטלאָפענע פון געטאָ און זי קערט זיך אום מיט איר גאַנצער נשמה צום יידנטום, פילט זי, אַז זי אָטעמט אָפּ מיט דער פולער ברוסט, אַז זי ווערט גייסטיק גאַנץ.

„איך, — זאָגט זי די ארומיקע, — בין אַן אַנטלאָפענע פון מצרים און פּאַלעסטינע... מיט אַ געפיל פון באַגייסטערונג טראַכט איך וועגן מיין אָפּשטאַם און וועגן מיין וואונדערלעכן גורל, וואָס האָט פאַרבונדן די וויטסטע דעראינערונגען פון דער מענטשהייט, די וויטסטע צייט און וויטע לענדער — מיט דער היינט־צייטיקייט".

„וואָס פאַר אַ געשיכטע!... דאָס, וואָס איז אַזוי לאַנג

געווען פאַר מיר די גרעסטע שאַנדע, די שווערסטע פּיין און דער גרעסטער אומגליק — גראָד דאָס, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן אַלס יידישקע, איז מיר איצט טייער און פאַר קיין שום זאַך אויף דער וועלט וואָלט איך נישט געוואָלט צעשיידן זיך דערמיט".

ראַכעל לעווין שטאַרבט — ס'אַרא מאָדנער אַטאַוויזם! — אַלס יידישקע. און גראָד דערין ליגט דער גרויסער אונטערשייד צווישן איר און עלזאַ לאַסקער־שילער: ראַכעל לעווין איז גע־שטאָרבן ווי אַ יידישקע, און לאַסקער־שילער ברענט מיטן פאַר־לאַנג צו לעבן, ווי אַ יידישקע. ראַכעל לעווין איז אַנטלאָפן פון געטאָ אין דער וועלט פון דער דייטשער קולטור און אַ גאַנץ לעבן האָט זי פאַרשאָלטן איר אָפּשטאַם, ביז די נאָענטקייט פון טויט האָט איר נישט באַפרייט פון דאָזיקן געפּערלעכן און קרענקלעכן קאָמפּלעקס. אָבער עלזאַ לאַסקער־שילער איז אויסגעוואַקסן אין דער סביבה פון דער דייטשער קולטור, נאָך דער מי פון פינף אַסימילירטע דורות, און זי זוכט דאָך דעם וועג צו איר אָפּשטאַם־פאָלק.

אויך עלזאַ לאַסקער־שילער, ווי איר עלטערע קולטור־שוועסטער ראַכעל לעווין, זוכט אַ וועג צו ראָמאַנטיק, צו דער ראָמאַנטישער אויפלעבונג פון אַ פאָלק, אָבער נישט פון אַ פרעמדן, נאָר פון אַן אייגענעם. אירע ווערק זענען ליבעס־בריוו צו דער אייגענער טיפסטער נשמה, אין וועלכער עס דערוואַכן די פאַרשלייערטע אַטאַוויסטישע דעראינערונגען.

הונדערט יאָר געשיכטע פון ראַכעל לעווין ביז עלזאַ לאַס־קער־שילער זענען נישט פאַרביי אומזיסט. די געניאַלע פרויען פון אונזער פאַרבלאָנדזשעטן דייטש־יידישן שטאַם דאַרפן נישט וואַרטן אויפן טויט, כדי צו זאָגן „יאָ" זייער יידישקייט; זיי טוען דאָס אין פולן פאַנאַנדערבלי פון זייער לעבן און פון זייערע שעפערישע כוחות. און זיי טוען דאָס מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ לײַדנשאַפטלעכקייט, ווי זיי וואָלטן וועלן אויסקויפן די זינד פון אַזוי פיל דורות ראַכעל לעווינס!

דער היימישער שאָטן הויבט אָן אנצונעמען
אַ היימישע געשטאַלט

(אַרנאָלד צווייג)

עס איז דאָ אַ לייכטער און גייסטיק־אָנגענעמער מיטל אויף צו באַקענען זיך מיט דער אויסערלעכער און גייסטיקער געשטאַלט פונם דייטש־יידישן שרייבער אַרנאָלד צווייג: לייענט דורך זיין פיר־בענדיקן (אגב, נאָך נישט פאַרענדיקטן) ראָמאַן אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „דער ענין פון סערזשאַנט גרישע". דער ביוראַליסט פון די מיליטערישע קאַנצעלאַריעס, דער קורצזיכטיקער, שעמעוודיקער שרייבער בערטין, וועלכער פאַר־געסט צווישן די געריכטס־אַקטן האַנט־געשריבענע מאַנוסקריפט־זייטלעך פון זיין קאָמעדיע אין פערזן — אָט דער בערטין איז אַרנאָלד צווייג, ווי עס געדענקען אים אַ סך ביאַליסטאָקער און ווילנער פונם פעריאָד פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַרנאָלד צווייגס בעסט ווערק — די סעריע פון סערזשאַנט גרישע — איז נישט נאָר אַ גייסטיקע ביאָגראַפיע פון אייראָפּעס אַ גאַנצן דור, נאָר אויך אַ גייסטיקע ביאָגראַפיע פונם שרייבער גופא, די גייסטיקע ביאָגראַפיע פונם יידן אין אַרנאָלד צווייגן.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יעדע גייסטיקע ביאָגראַ־פיע מוז אויך האָבן אַ קערפּער, דורך וועלכן די נשמה זאָל זיך קאָנען מאַניפעסטירן. און דעם דאָזיקן קערפּער — סיי פון דער עפּאָכע, סיי פונם שרייבער — געפינען מיר אין אַרנאָלד צווייגס ראָמאַנען־סעריע אין פונקט אַזאַ פּרעכטיקער אָפּשפּיג־לונג, ווי זייער אינערלעכע, גייסטיקע געשטאַלט.

אַרנאָלד צווייגס באַדייטונג אַלס שרייבער באַזירט, לכל

הפחות ביז איצט, אויף דער אויבן דערמאָנטער סעריע, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך איינס פון די אינטערעסאַנטסטע און שעפערישסטע ווערק פון דער עפּאָכע פון דער ערשטן וועלט־קריג.

ארנאָלד צווייג, וואָס איז שוין אַריינגעטראָטן אין זיבעטן יאָר־צענדליק, האָט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין 1911, כמעט ערב דער וועלט־מלחמה. ביזן ראָמאַן וועגן „סערזשאַנט גרישע", האָט ער נישט געשאַפן קיין שום אויסער־געוויינלעכס. זיין ערשטער דעביוט, דער ראָמאַן „נאָטיצן וועגן איינער אַ פאַמיליע קלאָפּפער", איז אינטערעסאַנט בלויז מיט דעם, וואָס אַ טייל פון זיין האַנדלונג קומט פאָר אין פּאַלעסטינע, וואוהין דער הויפּט־העלד פונם ראָמאַן, דער פאָטער פון דער פאַמיליע, דער נישט־דורכשניטלעכער דיכטער קלאָפּפער, עמיג־רירט, כדי צו פאַרוואַנדלען אין לעבן זיינע ציוניסטישע אידעאַלן. אַרנאָלד צווייג געהער, אַזוי אַרום, צו יענער נישט־צאָלרייכער גרופּע פון די מערב־אייראָפּעאישע שרייבער, פאַר וועלכע עס איז נישט פאַרביי אומזיסט די דערשיינונג הערצל; אפילו דער לייכט־געמיטיקער ארטור שניצלער האָט זיך, דרך אגב, אָפּגע־רופן אויף די נייע אידייאישע ווינטן אין דער יידישער געשיכטע מיטן ראָמאַן „דער וועג צו פרייהייט"*). פון דער דאָזיקער גרופּע איז ריכאַרד בער האָפמאַן דער שלימותדיקער, זיין פּאָע־טיש־יידישער גייסט האָט זיך מאַניפעסטירט אין איינער פון די בעסטע יידישע שאַפונגען (הגם אויף אַ פרעמדער שפּראַך) — „יעקבס חלום". און אַרנאָלד צווייג, וועלכער האָט אויך באַ־צאָלט דעם פּריוווּיליקן צינש די נייע ווינטן אין דער יידישער גע־שיכטע, קאָן זיך טאַקע נישט גלייכן צום דיכטער פון „יעקבס

*) אינטערעסאַנט: דער ראָמאַן איז בכלל נישט קיין יידי־שער, און ער נויטיקט זיך לחלוטין נישט אין דער יידישער טייל, וואָס איז, אין מענדעלעס סטיל, „אַ מעשה אין אַ מעשה"; אָבער עפּעס האָט איום יידיש־אינדיפערענטן שניצלער געפּאָ־דערט אַן אויסדרוק פאַר זיין יידישן קאָמפּלעקס און דאָס איז אַרויסגעשפּרונגען אין דאָזיקן גויאישן ליבע־ראָמאַן.

הלום", לויט דער דערגרייכונג, אָבער זיין אָנהויב איז אינטערעסאַנט טעמאַטיש: ס'אַרא ענדערונג עס איז פאָרגעקומען אין דער דייטש־יידישער ליטעראַטור זינט יאַקאָב וואַסערמאַנס „די יידן פון צירנדאָרף". די יידישע ווערק פון די דייטש־יידישע שרייבער האָבן זיך שוין נישט פאַרנומען נאָר מיט דער נאָענטער און מיט דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, אויך נישט נאָר מיט דעם הוה, נאָר זיי האָבן גענומען אריינקוקן אין דער צוקונפט!

ריין־ליטעראַריש איז דאָס דאָזיקע ווערק אַ דעביוט פון אַ טאַלאַנטירטן אָנפאַנגער אויף אַ פיל־מענטשנדיקער ליטעראַרישער אַרענע, — נישט מער. אפילו זיינע מער באַקאַנטע „נאָוועלן וועגן קלאַודיאַ", אין וועלכע מען קאָן געפינען זייער געלונגענע זייטלעך פון ריין־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט („אַ צניעותדיקע נאַכט" און, באַזונדערס, „דער אַלבאָם"), שמעקן מער מיט ליטעראַטור, ווי מיט שאַפונג: מען באַמערקט אין זיי די אָנשטרענגונג אויסצוזען טיפער, ווי זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט. מיר קאָנען זיך נישט באַפרייען פונם איינדרוק, אַז מיר אָטעמען מיט דער פאַרשטיקטער לופט פון אַ ליטעראַרישער אָראַנזשעריע.

נאָך ווייניקער געלונגען זענען אַרנאָלד צווייגס דראַמעס — סיי די ביבלישע וועגן שאול קאַמף מיט דודן, סיי די היינט־צייטיק־יידישע וועגן בלוט־בלבול אין אונגאַרן.

אַרנאָלד צווייגן, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זיין פיל־בענדיקן ראָמאַן אַלס פּרעכטיקער, ריין־בלוטיקער עפּיקער, האָט אין אָנהויב פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע מאָדנע געצויגן צו דער דראַמע. און אפילו צו דער דראַמע אין פערזן. איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, אַז אינם „ענין פון סערזשאַנט גרישאַ" געפינט דער יידישער אויספאָרשונגס־ריכטער פּאָזנאַנסקי צווישן זיינע געריכטס־אַקטן בערטינס מאַנוסקריפּט־זייטלעך, אַ קאָמעדיע אין פערזן. אין לעצטן (דערווייל) באַנד פון דאָזיקן ראָמאַן — „דאָס אַרויפזעצן אויפן טראָן אַ קעניג" — איז

ווידער די רייד וועגן בערטינס אַ קלאַסישער דראַמע אין ווייסע פערזן. און ס'איז דעריבער אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אויך די טראַגעדיע פון סערזשאַנט גרישאַ האָט באַקומען די ערשטע פאַרקערפּערונג אין אַ דראַמאַטישער — און טאַקע אומגעלונגענער — פאָרם. איך ווייס נישט, ווען מיר דאַרפן דאַנקען פאַרן איבעראַרבעטן די דראַמע אין אַ ראָמאַן — צי די טעאַטער־דירעקטאָרן, וועלכע האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין צו גרויסן אינטערעס צו דער דאָזיקער דראַמע, אָדער דעם עפּישן טאַלאַנט פון אַרנאָלד צווייג, וועלכער האָט דערשפּירט מיטן געזונטן חוש, אַז די דאָזיקע טעמע פאָדערט אַ ברייט־פאַנאַנדערגעוויקלטע עפּישע באַאַרבעטונג, — אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין: דאָס דאָזיקע איבעראַרבעטן פון דער דראַמע אין אַ ראָמאַן איז אַ ווענדפּונקט אין אַרנאָלד צווייגס ליטעראַרישן לעבן: פון אַ פיל־צוזאָגנדיקן אָנפאַנג־שרייבער האָט ער זיך גלייך אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייען פון די היינט־צייטיקע ראָמאַן־מייסטערס. אַרנאָלד צווייג ווייזט אַרויס אין דאָזיקן ראָמאַן נישט נאָר אַ טעכנישע מייסטערשאַפט, נאָר אויך אַ גייסטיקע רייפקייט.

אגב אורחא: די רייפע גייסטיקע פּאַרטיפּטקייט גייט תמיד האַנט ביי האַנט מיט דער אַנטוויקלונג פונם ריין־שריפט־שטעלערישן טאַלאַנט. ווען דער עפּל וואַקסט, גיסט ער זיך אָן אויך מיט זאַפט. נאָר אַ זייפנבלאָז בלייבט פּוסט אפילו ביים פאַנאַנדערוואַקסן זיך.

* * *

אַרנאָלד צווייג געהער צו יענער צאָלרייכער גרופּע אייראָפּעאישע שרייבער, פאַר וועלכע די וועלט־מלחמה איז נישט געווען קיין עפּיזאָד — הגם אַ פיינלעכער — אין זייער לעבן, נאָר אַ פאַקטאָר, וואָס האָט ראַדיקאַל געענדערט זייער וועלט־געפיל.

צווייג איז אַוועק אין דער מלחמה אַלס שרייבער אָן אָנפאַנגער, אָן ספּעציעלע אַלגעמיין־מענטשלעכע אינטערעסן, —

זיין גייסטיקער האָריזאָנט האָט נישט אַריבערגעשטיגן די עס־עטישע און פּסיכאָלאָגיש־אינדיווידועלע פּראָבלעמען פון אַ דורכשניטלעכן, הגם טאַלאַנטירטן שרייבער פון אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט; אויך די יידישע פּראָבלעמאַטיק איז ביי אים נישט געווען נישט טיף און נישט טיף פּאַרוואָרצלט; אָבער צוריקגעקערט האָט ער זיך אַ באַרייכערטער — סיי אַלס ייד, סיי אַלס שרייבער, סיי אַלס מענטש.

אין אויבן דערמאָנטן, דערוויל לעצטן, באַנד פון זיין שעדעוור, קומט אַרנאָלד צווייגן אויס אויסצוהערן גוט־פאַרדינטע סאַרקאַסטישע באַמערקונגען פון אַ פּריינט, פאַר וועמען ער לייענט פאַר זיין פאַרענדיקטע קלאַסישע דראַמע אין ווייסן פּערז. ער שפּירט די ריכטיקייט פון די דאָזיקע סאַרקאַסטישע באַמערקונגען: ווי פּרעמד עס איז דעם היינטיקן לעבן די דאָזיקע קלאַסישע טעמע, ס'איז דיסהאַרמאָניע צווישן דעם אַבסטראַקטן און ווי נייטראַלן ריטם פון די העקזאַמעטערס און דעם ריטם פון אונזער צייט. אָבער די טראַגעדיעס פון סערזשאַנט גרישאַ (אַלס שם נרדף) האָבן מיט קראַפט צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַרנאָלד צווייג און אַ דאַנק אים — פון גאַנצן אייראָפּעאישן לייענער־עולם.

און אַ חוץ דער דאָזיקער באַגעגעניש מיטן היינט־צייטיקן מענטשן אין זיין אומגליקלעכסטן גייסטיקן און פיזישן צושטאַנד, האָט אַרנאָלד צווייג געהאַט נאָך אַ צווייטע באַגעגעניש — מיטן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. די דאָזיקע באַגעגעניש האָט אויף צווייגן געמאַכט אַ ריזיקן רושם. נאָכן ריין־אידעאָלאָגישן אומקער צום יידנטום, האָט ער פּלוצלונג דערזען דעם פּאַקטישן טרעגער פון לעבעדיקן יידנטום — די יידן פון מזרח־אייראָפּע.

אויך די ערשטע וועלט־מלחמה אין אייראָפּע איז געווען אַכזריותדיק, ווי יעדע מלחמה און נאָך מער, — זי האָט נאָך אָבער דאָך געלאָזן אָרט פאַר קולטור־דערשייגונגען, פאַר קולטור־באַפרוכטונגען: די דייטשע אָקופּאַציע פון ווילנע האָט אַנט־

דעקט פאַר אייראָפּע „די שטאָט פון קונסט — ווילנע", און אַרנאָלד צווייג (און נישט נאָר ער) האָט אַנטדעקט פאַר זיך (און נישט נאָר פאַר זיך) דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום. ער האָט אָנגעשריבן אַ ביכל אונטערן נאָמען „דאָס מזרח־אייראָפּעאישע געזיכט", אַלס טעקסט צו פופציק גראַוויורן פון באַרימטן דייטש־יידישן קינסטלער הערמאַן שטרוק (וועלכער ווערט אַזוי פּרעכטיק געשילדערט אין זיין טעטיקער מענטש־לעכקייט אין אויבן דערמאָנטן דערוויילער לעצטן באַנד פון דער גרישא־סעריע). דער מערב־אייראָפּעאישער ייד, ווען מען האָט געלערנט צו קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף זיינע מזרח־אייראָפּעאישע אָרעמע קרובים, האָט גענומען קוקן אויף זיי מיט אַנט־ציקונג: אין דער אויסערלעכער דערשלאָגנקייט און דערנידע־ריקטקייט פון די דאָזיקע מענטשן האָט ער דערזען אַן אידעאַלן אינהאַלט. און באַמערקן באַמערקט מען תמיד דאָס קרובהשע. „ווען דאָס אויג וואָלט נישט געווען זונהאַפט, וואָלט עס קיינ־מאָל נישט געווען געקאָנט באַמערקן די זון", האָט אין איינעם פון זיינע טיפע פּירציילערס געזאָגט דער אַלטער געטע. אַלע מערב־אייראָפּעאישע יידן, — פון היינען ביז אַרנאָלד צווייגן, — אין וועלכע עס איז נאָך געבליבן כאָטש איין טראָפּן סואווערען בלוט פון יידישקייט, דערשפּירן, ביים צונויפטרעפן זיך מיטן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, אַז זייער גאַנצע קול־טורעלע גאווה דאמפט זיך אויס, און זיי אָנערקענען די גייס־טיקע העגעמאָניע פון דאָזיקן אָרעמען, אויסערלעך־נעבעכדיקן קרוב.

די דאָזיקע באַגעגעניש האָט זיך אָפּגערופן נישט נאָר אויף צווייגס פּובליציסטישער טעטיקייט, נאָר אויך אויף זיין „גרישא". אין דער מערווינער תפיסה אַרבעט אויס טרומנעס (דאָס הערן־פאָלק האָט זיי אויך דאָן. געדאַרפט האָבן אין אַ גרויסער צאָל) דער ייד טוביה. און דעם דאָזיקן טוביה באַמיט זיך צווייג צו שילדערן נישט ווי אַ צופעליק באַמערקטן טיפּ, נישט ווי אַ סטאַטיסט אין אַן עפּיזאָדן־ראָל, נאָר אַלס פּאַר־

שטייער פון נייעם טיפּ יידן, וועלכן אַרנאָלד צווייג האָט פאַר זיך אַנטדעקט. טוביה ווערט געשילדערט מיט גרויס ליבע, הגם מיט אַן אומזיכערער פעדער. מען דערקענט, אַז דער דאָזיקער טיפּ איז אים ביז לעצטנס געווען פרעמד, אַז די דאָזיקע נשמה איז פאַר אים — אַ טונקעלער לאַבירינט. אָבער הגם צווייגן איז נישט געלונגען צו שאַפן פון דאָזיקן טוביה אַ סימבאָל פון מזרח־איראָפּעאישן יידנטום, דאָך פילט זיך אין אים עפּעס פון דער חכמה פון יאָרהונדערטער. און ווי מענטשלעך עס איז זיין כאַראַקטער, אָפּגעשליפן דורך טויזנט־יאָריקן ב אַ־וואוסטזיניקן ליידן! אונז קאָן דער דאָזיקער טוביה, ווי אַזוי צווייג גיט אים אונז, נישט באַפרידיקן (מיר האָבן אַן אַנדערן טוביה, וואָס איז אומפאַרגלייכלעך גרעסער פאַר צווייגס), אָבער אונז באַפרידיקט דער דאָזיקער טוביה, ווי אַזוי צווייג האָט אים געוואָלט געבן. נישט אַזוי לייכט ווערט דער באַוואוסטזיין וועגן עפּעס פאַרוואַנדלט אין אַ שעפערישער, אין אַ געשטאַלטן־שאַפנדיקער מעגלעכקייט. דעריבער איז די היינט־צייטיקע ליטעראַטור אַזוי אָרעם אין נייע, פּאָזיטיווע טיפּן, — אין יענער פאָרם, ווי מיר שטעלן זיי זיך פאָר באַוואוסטזיניק, אין אונזערע באַוואוסטזיניקע טרוימען; איך וואָלט אפילו געזאָגט: מיר באַזינען, וואָס עס פעלט אונז, וואָס עס וואָלט זיך אונז געוואָלט פאַרמאָגן, אָבער אונזער אונטערבאַוואוסטזיין — דער עיקרדיקער שאַפונגס־הויבער — טראָגט זיי נישט אין זיך, און די ליטעראַטור קאָן בלויז צייכענען זייערע קאָנטורן, אָבער נישט שאַפן זיי פון אינעווייניק, ווי דאָס מוז געשען מיט עכט־שעפערישע געשטאַלטן.

* * *

אינטערעסאַנט איז די אַנטוויקלונג פון דעם קינסטלערישסטן ראָמאַן פון דער עפּאָכע פון וועלט־קריג: ער איז אויס־געוואַקסן כמעט אָרגאַניש. ווי איך האָב שוין אויבן באַמערקט, איז „דער ענין פון סערזשאַנט גרישאַ" איבערגעאַרבעט געוואָרן אין אַ ראָמאַן פון אַ דראַמע. ערשט אין דער דאָזיקער

פאַרקערפּערונג איז צווייגן גופא געוואָרן קלאָר, ווי טיף ער האָט פאַרקוקט אין דער אָנגעווייטיקטער נשמה פון דער עפּאָכע. און דער דאָזיקער ראָמאַן איז געוואָרן דער צווייטער טייל פון אַ פיל־בענדיק ווערק: צווייג האָט אויסגעברייטערט זיינע גרע־נעצן, ער האָט פאַרטראַכט צו געבן די טראַגעדיע נישט נאָר פון גרישאַן, נאָר אויך פון בערטינען, — בכלל די טראַגעדיע און די אינערלעכע געשיכטע פון גאַנצן דור פון דער וועלט־מלחמה.

די ערשטע טייל — „די יונגע פרוי פון יאָר 1914״ — שילדערט, ווי אַזוי בערטין רייסט זיך אָפּ פון זיין אַרבעט און פון זיין יונגער פרוי און גייט אַוועק אויפן פראָנט. אין דער צווייטער טייל באַגעגנט זיך בערטין מיט גרישאַס טראַגעדיע און ער דערקענט די אַטמאָספער פונם הינטערלאַנד־פראָנט (אויב קיינער האָט נישט קענען דעם כ׳זאָל זיך אויסדריקן אַזוי). אין דריטן באַנד — „די דערציאונג הינטער ווערדען״ — געפינט זיך בערטין אויפן מערב־פראָנט, — מיר באַקענען זיך מיטן פראָנט־לעבן. אין פערטן באַנד — „דאָס אַרויפזעצן אויפן טראָן אַ קעניג״ — געפינען מיר זיך מיט בערטינען ווידער אויפן מזרח־פראָנט, אין „אָבעראָסט״, און מיר פאַרקוקן אין דער פּאָליטישער קיך פון דער וועלט־מלחמה.

הגם פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט זענען די צוויי לעצ־טע בענדער די באַדייטנדיקסטע, דאָך דריקט אוים דער עמבריאָ פון דאָזיקן ראָמאַן — „דער ענין פון סערזשאַנט גרישאַ״ — צום בולטסטן און פאַרביקסטן די עיקרדיקע אידייע פון דאָזיקן אימפּאָנירנדיקן ווערק. אין דאָזיקן קריגס־ראָמאַן איז די עיקר־דיקע טעמע נישט דאָס פראָנט־לעבן, נאָר דער איינצלנער מענטש, דער יחיד, וואָס אויף זיין גורל, באַוואוסטזיין און געוויסן פאַלט אַרויף די לאַסט פון שיעור נישט אַ קאָסמישן אומגליק. די עיקרדיקע טעמאַטיק פון דאָזיקן ראָמאַן איז גרישאַס און בערטינס פּסיכיק. גרישאַ — דער דאָזיקער פיזישער קרבן — פאַלט אַרונטער צווישן די רעדער פון אַ קאָלאָסאַלער מאַשין, און הגם אַלע ווייסן, אַז ער איז אומשולדיק אפילו לויט די אומ־

מענטשלעכע געזעצן פון קריג, דאָך מוז ער אומקומען. און בערטין, דער דאָזיקער גייסטיקער קרבן, דער ייד בערטין, דער דאָזיקער אומבאַהאָלפענער צווישן די אומבאַהאָלפענע, קאָן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז עס קומט אום אַן אומשולדיקער. זיין יידיש געפיל פון גערעכטיקייט איז גרייט איבערצוקערן הימל און ערד, אַבי צו דערהאַלטן ביים לעבן אַן אומבאַקאַנטן, פּרעמדן רוסישן געפאַנגענעם. און ער הויבט אָן אַן אומגלייכן, — און דערפאַר מאַקע אַן אויסטערליש־העראָאישן, — קאַמף מיט דער סטיכיע, וואָס רינגלט אים אַרום. בערטין ברענגט אין באַוועגונג אַ סך כוחות, אמת, נישט קיין אַלמעכטיקע כוחות, אָבער אַזעלכע, וואָס האָבן השפעה. בערטין, די דאָזיקע אומשולדיקע נשמה, ציט אריין אין דער אַרביטע פון זיין טעטיק־אויפגערודערטן געוויסן דעם יידישן אויספאָרשונגסריכטער פּאָזנאַנסקי, אַ ציניקער, וועלכער קען דעם אומפאַרמיידלעכן גאַנג פון דער וועלט און ער האָט שלום געמאַכט מיט אים סיי מיטן פאַרשטאַנד, סיי מיט זיין צונג, אָבער נאָך נישט — מיטן גאַנצן האַרצן. בערטין רייסט מיט דעם דאָזיקן קלוגן ציניקער מיטן שטראָם פון זיין מאָראַלישער לײַדנשאַפט. און דער דאָזיקער, מיט קראַפט געשליידערטער מאָראַלישער שטיין, ברענגט אין באַוועגונג אַלץ גרעסערע און גרעסערע קרייזן, — זיי דערגייען צום ערלעכן, גראַדליניקן אָבער־לייטענאַנט ווינפריד (נישט אומזיסט רעדט מען וועגן דער שלעכטער ווירקונג פון די יידן), וועלכער לייזט פאַר זיך די דאָזיקע פראַגע גאַנץ פּשוט: „רעכט און גערעכטיקייט מוזן דאָך עקזיסטירן אין אַ לאַנד, צוליב וועלכער מיר קומען אום אין אָרעמקייט און שמוץ". די דאָזיקע קרייזן דערגייען צום דיוויזיאָנעם גענעראַל פאָן ליכאָוו, אין וועלכן עס איז אַזוי לעבעדיק (ס'איז נאָך די ערשטע וועלט־מלחמה, נישט די צווייטע!) דאָס געפיל פון גערעכטיקייט, און אפילו צו שיפענצאַנען. אמת, דער דאָזיקער לעצטער (דאָס בילד פון לודענדאָרפן) קאָן שפּעטער נישט פאַרשטיין זיין שוואַכע מינוט, ווען ער האָט זיך דענערווירט צוליב דער איבער־

גערישענער טעלעפאָנישער פאַרבינדונג, וואָס דאָס האָט אים געשטערט אָפּצוהאַלטן גרישאס עקזעקוציע. די דאָזיקע מאַשין וואונדערט זיך שפּעטער אַליין, וואָס זי האָט געהאַט אַ שוואַכע מינוט, אָבער דעם דאָזיקן נס האָט אַרויסגערופן דער ראַדיאָ־אַקטיווער צענטער פון מאָראַלישער עמפּערונג — דער ייד בערטין. און אין דעם ליגט דער זין פון דאָזיקן ראָמאַן, און אין דעם ליגט אויך די האָפענונג, וואָס ער וועקט אויף אויך אין אונז.

בעת דער מלחמה, ווען עס קומען אום מיליאָנען, ווערט אַ הייפעלע מענטשן, — וואָס ליידן אויף געוויסן אַ דאַנק דער אָנשטעקעדיקייט פון בערטינס עטישער עפּילעפּסיע, — אויפּגעטרייסלט ביים געדאַנק וועגן גורל פון אַ יחיד. און ,מיר פילן, אַז זיי זענען גערעכט, אַז זייער געוויסן רעאַגירט נאָרמאַל, אַז ביי זיי האָט זיך אָפּגערופן דער געזונטער אינסטינקט פון גערעכטיקייט. ווי עס זאָל נישט זיין שרעקלעך דער טויט פון מיליאָנען, איז דאָס דאָך, פון שטאַנדפּונקט פון ריינער גערעכטיקייט, עפּעס אַנדערש, ווי דער טויט פון גרישאָן, דעם קרבן פון באַוואוסטזיניקער אומגערעכטיקייט*).

די לעבעדיקע צעלע פון געוויסן איז דער יחיד, און דער גורל פון יחיד איז דער אָביעקט פון דאָזיקן אינדיווידועלן געוויסן. דעם אויסערסט־שפּירבאַרן אַפּאַראַט פון דאָזיקן געוויסן ברענגט אין באַוועגונג נישט דאָס אַבסטראַקטע, נאָר דאָס קאָנקרעטע, נישט דאָס אַלגעמיינע, נאָר דאָס אינדיווידועלע.

דאָס געוויסן דערוואַכט אינם יחיד, און עס וועקט אים אויף דער גורל פונם יחיד. און אויפן דאָזיקן אינדיווידועלן וואָרצל, — און נאָר אויף אים! — וואַקסט אויס דאָס בלויע

---

*) ווען די זעקס מיליאָן יידן וואָלטן אומגעקומען פון באָמבאַרדירונגען און קאַמפן (ווער רעדט פון אַן ערד־ציטערניש), וואָלט דאָס געווען שרעקלעך, אָבער נישט אַזוי, ווי איצט, ווען זיי זענען אומגעקומען דורך קאַלט־אויסגערעכנטן, ראַפינירטן מאָרד.

בלימל פון דער ריינער, אַבסטראַקטער אידייע פון גערעכטיקייט. אָנגעצונדן ווערן מיט ליידנשאַפטלעכן מיטגעפיל צום גורל פון אַ יחיד בעת אַ וועלט־קאַטאַקליזם, — צום גורל פון אַ יחיד, וואָס סימבאָליזירט אין לעבעדיקן געפיל פונם מיטליידנדיקן די אַבסטראַקטע אידייע פונם *מענטשן*, — אָט אין וואָס עס וואָרצלט די האָפנונג און דער שטאָלץ פונם *מענטשן*.

אַזאַ עפּאָכע, ווי די עפּאָכע פון אַ וועלט־קריג, טראָגט אין זיך אַ גרויסע געפאַר, וואָס דער סטאָליאַר טביה דריקט אויס און מאַכט בולט אַזוי בילדלעך, מיט אַזאַ גרויסער קראַפט: „דער הונגער פון די אָרעמע איז אַזוי אכזריותדיק, אַז זיי זענען גרייט אויפצועסן אפילו זייער גייסטיקע רעטונג, אַבי כאָטש איינמאָל אָנצועסן זיך צו דער זעט". בערטינס מאָראַלישע עמפּערונג און זיין מאָראַלישע אַקטיווקייט זענען דער איינציקער קעגן־גיפט קעגן דער דאָזיקער סכּנה.

און געזען פון דער דאָזיקער הויך, איז דער העלד, דער אמתער העלד פון דער דאָזיקער פּרעכטיקער ראָמאַנען־סעריע נישט גרישא, נאָר דער ייִד בערטין.

צו גרישאן קאָנען מיר שפּירן אַן אומענדלעכן רחמנות, מיר קאָנען אפילו שפּירן צו אים אַכטונג, — ער איז דאָך אַזוי אומפאַרדינט אומגליקלעך, ער איז דאָך אַזאַ גראָדליניקער כאַראַקטער, — אָבער ער ווייזט קיינמאָל נישט אַרויס קיין שטריכן פון גייסטיקן העראָאיזם. צי געדענקט איר די שרעקלעכע סצענע, ווען גרישא לייגט זיך לעבעדיקערהייט אין אַ טרומנע, כדי זיך צוצומעסטן צו איר? „...אַזוי ווי ער גייט און שטייט, אינם שינעל און אינם היטל, האָט ער זיך אַרײַנגעלייגט אין דער וואַוינונג, וואָס ער האָט אַליין אויסגעבויט פאַר זיך; דאָרט האָט ער זיך אויסגעצויגן און פאַרקרייצט די הענט אויף דער ברוסט... פאַרגעסנדיק, אַז אַנדערע זענען אַנוועזנדיק, איינגאַנצן פאַרזונקען אין זיך, האָט ער צוגעמאַכט די אויגן און אַ טראַכט געטון מיט אַ טיפן זיפץ: דאָ איז רואיק. ווען מען וואָלט נאָר געוועז געקאָנט נישט אָטעמען,

וואָלט איך געוועזן געקאָנט לעבן אויך אונטער דער ערד... קיי־נער וועט נישט שטערן מיין רו... מיט איין וואָרט — ס'וועט זיין גוט... און הערמאַן זאָגט האָט מיט אַ לייכטער שרעק דערזען, אַז דער מענטש, וואָס איז געלעגן פאַר אים, האָט שטיל געשמייכלט..."

און ווען „באָבקאָ" לייגט אים פאַר אַנטלויפן, דערשרעקט ער זיך פאַרן דאָזיקן אַקטיוון שריט. און ער טראַכט: „ס'לעבן... נו, ער האָט שוין גענוג איבערגעלעבט אויף זיך זיין בייזקייט. ניין, גיי שוין בעסער מיט דיין וועג, גרישאַ..."

דער דאָזיקער מענטש איז אומענדלעך מיד סיי מיטן קערפּער, סיי מיט דער נשמה, און חוץ דעם: ער פאַרמאָגט נישט יענע אַבסטראַקטע אידייע וועגן גערעכטיקייט, וועלכע עס פאַרמאָגט בערטין און אפילו דער ציניקער פּאָזנאַנסקי (דאָך אַ ייד!), ווען ער זאָגט: „דערפירן אַלע מענטשן צום באַ־וואוסטזיין, אַז די גערעכטיקייט, ווי אַן אויסגעשטערנטער הימל, דאַרף זיך געפינען איבער אונז, אָט אַזוי, ווי דאָס קאָנען נאָר שפּירן איינצלנע פּערזענלעכקייטן — אָט אין וואָס עס באַ־שטייט, דאַכט זיך, אונזער נאָענטסטע אויפגאַבע".

די גרישאַס פילן די אומגערעכטיקייט נאָר לגבי זיך, און אויב זיי זענען שוין אויסערסט שפּירבאַר, איז אויך לגבי אַנדערע קאָנקרעטע, נאָענטע מענטשן, — אָבער שפּירן די אומגערעכטיקייט לגבי דער גערעכטיקייט גופא, — דאָס קאָנען שפּירן נאָר די בערטינס און די ווינפרידס, וועלכע די בערטינס געלינגט אַמאָל מיטצורייסן מיט זיך.

ווען די גרישאַס ווערן מיד צו קעמפן פאַר גערעכטיקייט לגבי זיך, לייגן זיי זיך רואיק און אפילו באַגליקט אין קבר אַריין; די בערטינס באַרואיקן זיך קיינמאָל נישט.

די דאָזיקע דערהויבענע און דערהויבנדיקע אומרואיקייט בילדעט די הויפּט־אַקס פון דאָזיקן ראָמאַנען־ציקל, זי באַלעבט זיי און גיט זיי צו זייער אייגנאַרטיקן, סטימולירנדיקן אַראָמאַט.

ריכאַרד בער האָפמאַן — דער דיכטער
פון „יעקבס חלום"

מען קאָן שרייבן אויף ביבלישע טעמעס און אפילו אויף היינט־צייטיק־יידישע און נישט זיין קיין ייד, ווי, למשל, פריד־ריך העבעל („יהודית", „הורדוס") און לאָרד בייראָן („קין" און „יידישע מעלאָדיעס"). מען קאָן אפילו זיין אַ ייד און שרייבן אויף ביבלישע און אויף היינטצייטיקע יידישע טעמעס און נישט אָנערקענען זיך און אפילו נישט פילן זיך אַלס נאַציאָנאַלער ייד, ווי, למשל, סטעפאַן צווייג („ירמיה") און יאַקאָב וואַסערמאַן („די יידן פון צירנדאָרף"). די טעמאַטיק פון דער יידישער געשיכטע ליגט ווי אַן אָפענער אוצר פאַר אַלעמען, ווער עס דרינגט נאָר אַריין אין אירע שיינקייטן און טיפענישן און שעפּט פון זיי באַגייסטערונג פאַר זיין ליד אָדער אַ סימבאָלישע הילע פאַר זיין געדאַנק אָדער פאַר זיין געפיל. און דאָס אַליין, וואָס ריכאַרד בער האָפמאַן האָט אָנגעשריבן אַ ביבלישע דראַמע „יעקבס חלום", גיט נאָך נישט קיין גענוגנדיקן גרונט צו באַטראַכטן בער האָפמאַנען פאַר אַ נאַציאָנאַל־דענקענדיקן ייד. און אפילו דאָס, וואָס אין דער דאָזיקער דראַמאַטישער פּאָעמע ווערט אָפּגעאָזירט דער גורל פון יידישן פאָלק, באַווייזט אויך גאָרנישט. אַ דיכטער קאָן אַריינדרינגען אין דער טראַגעדיע אָדער אין דער העראָ־אישער פאַרגאַנגענהייט פון אַ צווייט פאָלק און שילדערן אים פון שטאַנדפּונקט פון יענעם פאָלק. האָט דאָך דער אַמעריקאַנער לאָנגפעלאָ געדיכטעט דעם פאָלקס־עפּאָס פון די אינדיאַנער אין זיין פּאָעמע „האיאַוואַטאַ", און שעקספּיר האָט געשאַפן שיילאָקן, וואָס ווען מען וויקלט פון אים אַראָפּ דעם קאָנווענ־

ציאָנעלן יידישן רעקוויזיט (פון אנטיסעמיטישן שטאַנדפונקט) איז ער איינע פון די גרעסטע יידישע געשטאַלטן אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

אויב מען מוז אָנערקענען, אַז „יעקבס חלום" איז אַ גע־לונגענע יידיש־נאַציאָנאַלע דראַמע (עס ווילט זיך זאָגן „עפּאָס"), געשעט דאָס דערפאַר, ווייל ערשטנס העלפט דאָ אונז צו אונזער באַקאַנט זיין מיט בער האָפמאַנס נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע און צווייטנס — און דאָס איז דער עיקר — יענער אייגנטימלעכער לײדנשאַפטלעכער ציטער, יענע נשמה־מעלאָדיע פונם מחבר, וואָס דרינגען דורך פון ערשטן קלאַנג ביזן לעצטן די דאָזיקע וואונדערבאַרע פערזן.

ריכאַרד בער האָפמאַן פייניקט זיך נישט מיט דער יידן־פראַגע, ווי מיט אַ לעסטיקער לאַסט, ווי וואַסערמאַן, און ער בלייבט נישט דרויסן פון דער יידן־פראַגע, ווי סטעפאַן צווייג, און זיין יידיש ווערק, „יעקבס חלום", האָט אַ שייכות צום יידנטום נישט נאָר טעמאַטיש. דאָס איז זיין נאַציאָנאַלער „אני־מאמין".

און מען מוז אונטערשטרייכן: דאָס איז נישט קיין פּראָ־פּאַגאַנדע וועגן דער יידישער מיסיע, — דאָס איז פון די טיפע־נישן געשעפטע נאַציאָנאַלע פּראָקלאַמאַציע, דאָס איז — אַן אַקט פון גלויבן, אַ דיכטערישער גלויבנס־אַקט.

נאָר אַ דאַנק דעם האָט ער געקאָנט אַריינגעבן לעבנס־וואַ־רעמקייט אין אַזאַ פאַרבאַנאַליזירטער טעמע, ווי די מיסיע.

* * *

ריכאַרד בער האָפמאַן האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שאַפן די יידישע נאַציאָנאַלע דראַמע, וועלכע פעלט אין אונזער ליטעראַטור סיי אין יידיש, סיי אין העברעאיש. דער דאָזיקער דראַמעס־ציקל דאַרף טראָגן דעם נאָמען „די געשיכטע פון דוד המלך". דערווייל זענען דערשינען דער פּראָלאָג אונטערן נאָמען „יעקבס חלום" און דער ערשטער רינג פון דאָזיקן ציקל — „דער יונגער דוד".

דער פּראָלאָג איז אויך אַזוי ווייט קינסטלעריש רייף, אויף אַזוי ווייט טיף, אַז ער בילדעט אַ גאַנצקייט, אפילו אָן דער צוגעזאָגטער טרילאָגיע („דער יונגער דוד", „דוד המלך", „דודס טויט"). „יעקבס חלום" איז שוין גרייט געווען אין 1915, אָבער ערשט אין 1920 איז ער פאַרגעלייגט געוואָרן דעם לייענער. ווען די אַנדערע דראַמעס פון גרויז־גרויען דיכ־טער (אין 1941, ווען דער דאָזיקער עסיי איז געשריבן געוואָרן, איז דער דיכטער אַלט געווען 75 יאָר) הערט מען נישט דערוועיל.

ריכאַרד בער האָפמאַן איז אַן אויסנאַם מיט דעם, וואָס ער שרייבט אויסטערליש ווייניק; דערפאַר אָבער לאָזט ער אַרויס אין דער וועלט רייפע ווערק.

* * *

אדומס (עשיום) ווייבער שיקן צו זייער האַר (וועלכער געפינט זיך אויף געיעג) אַ שליח מיט דער ידיעה, אַז זיין יינגערער ברודער, יעקב, האָט אויסגענאַרט די ברכה ביים אַלטן פאָטער און דערנאָך זיך אַוועקגעלאָזן אין דער ריכטונג צו חברון.

די דאָזיקע ערשטע סצענע גיט גוט איבער די סתירהדיקע אַטמאָספער אין יצחקס היים. פון איין זייט — דער גייסט פון אברהמען און רבקהן און יעקבן, און פון דער צווייטער — דער גייסט פון אדום (עשיו) מיט זיינע געטשן־דינערישע ווייבער. די געשטאַלטן פון אדומס ווייבער און די געשטאַלט פון רבקהן זענען לעבעדיק; די אַטמאָספער פון דער גייסטיקער פיינטשאַפט צווישן זיי איז געשפּאַנט, אָנגעלאָדן מיט שטורעם־שטראָמען, שיעור נישט פיזיש אָנטאַפּבאַר. אין דער דאָזיקער גייסטיקער פיינטשאַפט ליגט דער שליסל צו רבקהס טאַט: זי גייט אויף אַ שווינדל, אַבי אַרויסצוקריגן די ברכה פון אברהמס שטאַם פאַר איר זון יעקב, וועלכער איז איר נאָענט גייסטיק.

ווען דער צוריקגעקערטער אדום פרעגט, כליפּענדיק, זיין מוטער:

„מאַמע! וואָס האָב איך געטון אַזוינס, וואָס דו האָסט מיך אַזוי פיינט?"

ענטפערט אים רבקה „ערנסט, מיט אַ מילדער, טיפער שטים":

„איך פיל נישט קיין שנאה צו דיר! מער נישט — דו ביסט מיר געוואָרן פרעמד! ביז איצט האָסטו דאָס לייכט אַרי־בערגעטראָגן, פאַרטראָג דאָס אויך ווייטער!"

און ווען אדום פרעגט, נישט אויפהערנדיק צו כליפּען:

„פרעמד? צי דען בין איך נישט דיין זון? דיין פלייש און בלוט?", ענטפערט אים רבקה:

„אין וואָס זאָל איך דאָס דערקענען? דיין לייב דאַמפט אויס בייטאָג מאָרד און דעם שווייס פון ווילדע חיות, און ביינאַכט שמעקט ער מיט די ווירוויכן פון פרעמדע פרויען".

אדום בעט זיין מוטער צו ענדערן דאָס געשעענע. רבקה ענטפערט, אַז דאָס איז זי נישט בכוח צו טון, און דערביי גיט זי צו מיט טריאומף:

„זאָל געלויבט און געבענטשט זיין גאָט, וואָס איך בין דאָס נישט בכוח צו ענדערן!"

און אדום דערקלערט: „אויב די ברכה בלייבט אין קראַפט, בלייבט אויך אין קראַפט זיין נדר — צו טויטן יעקבן".

אדום לאָזט זיך נאָכיאָגן יעקבן.

* * *

יעקב געפינט זיך אויפן וועג קיין חברון מיט זיין דינער אינדיבאַלן. זיי זענען שטיין געבליבן ביים פעלז מוריה, וואוהין מען האָט יעקבס פאָטער געפירט צו דער עקידה. אין אַ גראַנ־דיעזער סצענע, אינם דיאַלאָג צווישן יעקבן און אינדיבאַלן, קנויפן זיך פאַר אונז מיטאָלאָגישע נעפּלען, פון וועלכע עס האָט זיך שפעטער אַרויסקריסטאַליזירט דער פונדאַמענט פון דער יידישער רעליגיעזער געשיכטע; און חוץ דעם טרעט דאָ בולט אַרויס די פּערזענלעכקייט פון יעקבן, וועלכן אדום און זיינע ווייבער לאַכן אויס אַלס אַ שוואַכינקן מאַמישן זונדל, וועלכער

חנפהט זיך צו דער מוטער און ברענגט איר צו דער גנבה פון דער ברכה.

שוין אין דער ערשטער סצענע צווישן רבקהן און אדומען, געפינט רבקה באַגייסטערטע ווערטער אויף צו כאַראַקטעריזירן איר ליבלינג.

ווען אדומס ווייב בשמת זאָגט צו רבקהן:

„יעקב אויסדערוויילט! ווייל דיר איז נויטיק נאָר אַ הונט, וואָס קריכט פֿאַר דיר אויפֿן בויך! און דעריבער איז אדום פֿאַרשטויסן?״, ענטפֿערט רבקה אדומען:

„ווייל ער גייט אַרום פֿול מיט טונקעלע פֿראַגן, און די פֿרייסט זיך זעלבסטצופֿרידן, זאַט און זיבער! ווייל אין אים קלינגען, ווי אַ קיינמאָל נישט־שטיל־ווערנדיקע פֿאָדערונג, אַלע ספֿקות, טרוימען און האָפֿנונגען פֿון אַלע זיינע אבות; ווייל ער באַגראָבט נישט גאָט אין די ווייטע הימלען, נאָר ער ראַנגלט זיך מיט אים טאָג־טעגלעך, האַרץ צו האַרץ; ווייל דו קאָנסט נאָר גיין אויף געיעג און ברענגען קרבנות — טויטן! און ער ווערט בלאַס ביים אָנבליק פֿון ליידן פֿון אַלע באַשעפֿענישן און ער רעדט מיט זיי אַלע און אַלץ רעדט מיט אים... דערפֿאַר איז ער געוואָרן דער טרעגער פֿון דער ברכה... און פֿון דער לאַסט פֿון דער ברכה!״

אין דער זעלבער סצענע וואַרפֿט רבקה אָפּ מיט פֿאַר־אַכטונג דעם געדאַנק, אַז די ברכה איז אויסגענאַרט געוואָרן. זי זאָגט:

„איר ווילט יצחקס ברכה? גיי, נעם זי, אדום, זי קאָנסטו נאָך באַקומען!״ יצחק — זאָגט זי ווייטער צו אדומען — איז תמיד געווען אַ שוואַך שפּראָצל אויף אברהמס מעכטיקן בוים. זיין קראַפֿטלאָזע עלטער האָט ליב דעם שטאַרקן אדום, און יצחק איז געווען פֿול מיט חשד, ער האָט זיך נישט געאיילט צו בענטשן, ער האָט אַרומגעטאַפּט יעקבן, און ווען יעקב האָט גענומען רעדן, זענען יצחקס ספֿקות שטאַרקער געוואָרן. אָבער עפּעס וואָס אינעווייניק אינם שוואַכן יצחק האָט זיך אָפּגערופֿן

אויף יעקבס שטימע, די ברכה האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן נישט ווילנדיק.

„יצחקס פּנים איז געווען ווי אַ שלייער, הינטער וועלכן עס האָט געפלאַמט, אַטעמענדיק, דאָס פּנים פון תרחן, פון נחורן, פון אברהמען! דאָס קול פון עכטן יורש האָט אַרויף געטון צו די אבות — און זיי האָבן געבענטשט, און זיי האָב איך נישט אָפּגענאַרט!" (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.).

אָבער דאָס אַלץ ווייסן מיר וועגן יעקבן פון די רייד פון זיין מוטער רבקה, אָבער איצט, אין דער סצענע מיטן קנעכט, טרעט פאַר אונז אַרויס יעקב גופא און ער באַשטעטיקט פאַר אונז — מיט זיין גאַנצן וועזן — די רייד פון זיין מוטער. אפילו אין דער דאָזיקער מייסטערהאַפטער, פּאָעטישער דראַמע, איז די סצענע מיט יעקבס קנעכט אַ שעדעוור, איינער פון די וואונדערבאַרע פראַגמענטן פונם מענטשלעכן אומאויפהערלעכן ליד.

יעקב שילדערט פאַר אינדיבאַלן אינדיבאַלס היימלאַנד, און אינדיבאַל, אַ דערשטוינטער, רופט אויס פון צייט צו צייט:

„איך האָב וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט! קיינמאָל נישט! האַר מיינער, ווי אַזוי ווייסטו דאָס?..."

דערנאָך, אויסער זיך פון טרויער, פאַלט ער פאַר יעקבן אויף די קני און רופט אויס מיט אַ ווילדן קרעכץ:

„מיין האַר, דאָרט ליגט דאָס היימלאַנד, מיין היימלאַנד!"

און ער באַהאַלט דאָס פּנים, כליפּענדיק, אין יעקבס קלייד.

און יעקב, דריקנדיק צו זיך אינדיבאַלן מיט דער לינקער האַנט, גלעט אים מיט דער רעכטער איבערן קאָפּ און זאָגט צו אים:

„ויין, וויין־זשע, אינדיבאַל! ווען דו וועסט זיך ווידער אויסלערנען וויינען, וועט נאָך אַ סך געענדערט ווערן צום גוטן!"

דערויף ענטפערט אינדיבאַל:

„וואָס קאָן זיך דען ענדערן צום גוטן? מיין נישט, האַר, אַז איך בין אומדאַנקבאַר (יעקב האָט גערעדט וועגן דעם, אַז

אינדיבאַל וועט אַרויס אויף דער פריי לויט רבקהס אַ באַפעל — י. ר.). דאָס קומט אָבער פאַר מיר צו שפּעט! דאָס אַלץ, וואָס ווערט אָנגערופן „היימלאַנד" — זאַכן, מענטשן, געטער, — ווייס מער גאָרנישט וועגן מיר, און איך ווייס גאָרנישט וועגן זיי. צו לאַנג איז אויפן דאָזיקן־אָ האַלז געלעגן דער יאָך! „דו מוזט! דו מוזט!" — אָט־אָ־דאָס באַגרייפט נאָך מיין מאַרך! אָבער וועלן, אַליין וועלן, — דאָס, האַר, קאָן איך נישט! ווער וועט אָט־אָ־דאָס ענדערן צום גוטן? ווער קאָן דאָס באַווייזן? ווער?"

און ווען יעקב ענטפערט דעם פאַרצווייפלטן: „די צייט!" — דערווידערט אינדיבאַל:

„די צייט? איך בין דאָך אָבער אַלט!"

און יעקב באַשרייבט אים זיין, אינדיבאַלס, גייסטיקע באַנייאונג: ווי עס וועט אין אים ווידער אָנהויבן שלאָגן דער קוואַל פונם פרייהייט־געפיל, פונם געפיל פון גליק, ווי אַזוי ער וועט זיך נעמען אַ שקלאַפין אַלס ווייב און ווי אַזוי ער וועט איר געבן צייט, אין איר זאָל אויפבליען דאָס געפיל פון פרייוויליקער ליבע צו אים, און ווי אַזוי ער וועט באַקומען אַ קינד און „דיין בלוט, געראַטעוועט אין אַ נייעם קערפּער, וועט פליסן אין אים יונג און דרייסט!"

אינדיבאַל איז אויסער זיך פון דאָזיקן נייעם יעקב, וועלכער איז דערשינען פאַר אים אויפן באַרג מוריה אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט: פון קינדהייט אָן האָט ער אים געקענט אַן אַנדערן. דער דאָזיקער נייער יעקב וואַקסט גייסטיק פאַר אים אין די אויגן, אויסוואַקסנדיק אומגעהייער, ביז איבער־מענטשלעכער גרויס. ער רופט אויס:

„ווער ביסטו, ווער? וואָס ווייסט אַזוינס צו זאָגן!
אַלס האַר געבוירן — און ווייסט דעם קנעכטס געמיט?
קיינמאָל מיין היימלאַנד נישט געזען און ברענגסט די
בשורה מיר פון איר,

פילסט מיט דער חיה — אַליין נאָך קיינמאָל נישט געליטן,
און יעדע פּיין איז נאָענט דיר... דו, יינגלינג, — ווער האָט דיר געזאָגט, וואָס אַלט זיין איז?...
ווער האָט דיר קראַפט געגעבן
צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט מיין גאַנץ געמיט,
פון דיינע ליפּן פאַלט אַ וואָרט און מאַכט מיך וויינען, —
אויב דיר געפעלט אַזוי, — און אויפלאַכן פון פרייד.
לעם דיר זייט דיינע פריסטע טעג... און
ערשט איצט דערקען איך דיך — ניין, ניין, כ'דערקען דיך נישט...
וואָס רופט פון דיינע טיפענישן,
וואָס ביסטו, יינגלינג, זאָג — ווער, וואָס?"

און יעקב ענטפערט:

„וואָס וואָלט איך דען געווען, אינדיביאַל,
ווען אין מיר וואָלט נישט"...

און ער רייסט איבער זיינע רייד; ווען ער איז אָבער גובר זיין אויפרעגונג, רעדט ער ווייטער:

„אַ יינגלינג... אַ יינגלינג בין איך נאָר,
וואָס וועט, כ'האָב מורא, קיינמאָל נישט די קונסט דערלערנען
עפּעס אַנדערש צו זיין!"...

און דאָ האָבן מיר דערגרייכט די שטעלע, וואו עס ווערט בולט אויסגעדריקט דער עיקרדיקער געדאַנק (ריכטיקער — דאָס עיקרדיקע געפיל) פון דאָזיקן ווערק. יעקב פאַרקערפּערט מיט זיך דעם טיפּ דיכטער־מענטש, און ווען זיין קראַפט הויבט זיך אָן אַרויסצורייסן אויף אויסנווייניק, דערקענט אים נישט אפילו זיין אייגענער קנעכט, וועלכער קען אים פון קינדהייט אויף. יעקב, רבקהס זון, סימבאָליזירט פאַר ריכאַרד בער האָפמאַנען (ווי אַזוי איך פאַרשטיי זיין דראַמאַטישע פּאָעמע)

דאָס יידישע פאָלק אַלס דעם דיכטער־פאָלק צווישן די פעלקער פון דער ערד. בער האָפמאַן האַלט, — און מיט פולן רעכט, — אַז דאָס עכט־פּאָעטישע איז יענע קראַפט, וואָס האָט גע־בוירן אין מענטשנס וועלט אַלדאָס בעסטע און דערהויבענע. אין דער דיכטערישער פעאיקייט פונם מענטשן דאַרף מען זוכן נישט נאָר דאָס וויגעלע פון אַלע רעליגיעס, נאָר אין איר איז דער וואָרצל פונם רעליגיעזן געפיל בכלל. אין מענטשנס דיכטערישער פעאיקייט, אין זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט, ליגט באַהאַלטן דער וואָרצל פון מיטגעפיל, ד. ה. פון מאָראַל. אויף יעקבן ליגט אי די ברכה, אי די לאַסט פון דער ברכה, ווייל ער איז — אַ דיכטער.

* * *

נאָך דער צערעמאָניע פון אָפּלאָזן אינדיבאַלן אויף דער פריי, — אַ צערעמאָניע, וואָס איז שיין און פול מיט סימבאָלן, אָנגעלאָדענע מיט פיל־פאַרביקער שיין, — ווען יעקב גרייט זיך צום שלאָף, יאָגט אדום אָן דעם פאַרהאַסטן ברודער: מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן אַראָפּצונידערן פון איין פּאָעטישער הויך, ווי מיר שטייגן שוין אַרויף אויף אַ צווייטער.

אדום באַמיט זיך מיט אַלע מיטלען צו טויטן יעקבן, אָבער עפּעס שטערט אים אויסצופירן זיין כוונה.

יעקב דערקלערט אדומס דאָזיקע דורכפאַלן מיט נאַטירלעכע סיבות; אדומען זעען זיי אויס צו זיין איבערנאַטירלעכע. למשל:

א ד ו ם: „נעם דיין מעסער! הערסט? (הערט זיך צו מיט פאַרוואונדערונג). וואָס פליסטערט דאָס? וואָס רעדט עפּעס נעבן דיר מיט דער שטים פון אַ פרוי אָדער פון אַ קינד?"

י ע ק ב (רואיק): „גאָרנישט! דאָס פאַלט אַ קוואַל אַראָפּ אין טאָל".

אדום גרייט זיך צו די אומאויפהערלעכע אָנגריפן אויף יעקבן, און יעדעס מאָל שטערט אים עפּעס:

„וואָס, וואָס איז דאָס — דערלעבן, ניין — הינטער דיר,

עפּעס ווי ווייסע פליגלען — אַט־אָ — און, אונטער דיר, אויך עפּעס ווי ווייסע גרויסע פליגלען! איך הער זייער געוויי אַרום דיר, יעקב!..."

יעקב: „בלויז ווייסע וואָלקנס, די אָוונטיקע נעפּלען הויבן זיך אויף פון טאָל און שוועבן אַרום אונז".

אדום: „נישט קיין וואָלקנס, ניין — (מיט אַ שוידער) יעקב, ווער געפינט זיך נעבן דיר, ווער געפינט זיך נעבן דיר? ביסט נישט אַליין!..."

יעקב: „איך שטיי ביים אָפּגרונט און איך בין איינער אַליין. אַרום מיר איז גאָר נישטאָ, אַ חוץ נאַכט, ווינט און וואָלקנס. און נעבן מיר געפינט זיך אויך מיין ברודער אדום, און חוץ דעם — אפשר איז אויך די ווייטע תפלה פון מיין מוטער נעבן מיר".

אדום ווערט פול צאָרן ביים דערמאָנען די מוטער און הויבט אויף אַ פויסט קעגן ברודער:

„דו!..."

און פאַלט אויף די קני:

„קני איך שוין פאַר דיר!"

יעקב לאָזט זיך אויך אַראָפּ אויף די קני נעבן אים, נעמט אַרום אדומען מיט דער לינקער האַנט און זאָגט שטיל:

„נישט דו — פאַר מיר! מיר ביידע, ברודער מיינער, קניען אין דער פינסטער. אין אונז פליסט דאָס זעלבע בלוט, דער זעלבער ציטער פאַרן נאָמענלאָזן, וועלכער האָט אונז פאַר־פירט אַהערצו! האָסטו מורא פאַר אים? איך אויך!"

אדום: „דו האָסט אים שוין געזען?"

יעקב: „ניין".

אדום: „האָט ער גערעדט מיט דיר?"

יעקב: „נאָך נישט!"

אדום: „מיטן פאָטער?"

יעקב: „יאָ".

אדום: „מיטן זיידן?"

יעקב: „אָפּט! אויפן באַרג מוריה האָט ער געזאָגט אברהמען: מיט דיין זאָמען וועלן זיך בענטשן אַלע פעלקער פון דער ערד!"

אדום: „די פרעמדע?"

יעקב: יאָ, אַלע — דורך אונז — געבענטשט!"

אדום (מיט פאַרביטערונג): „וואָס זאָגסטו „אונז!" — מיך האָט גאָט פאַרשטויסן".

יעקב: „דו! דו — פאַרשטויסן? מיין אדום! (נעמט אים אַרום מיט צאַרטקייט) יעדן פרימאָרגן הויבסטו אויף די וויעס און ליכטיקע אויגן — אָ, דו לעבנס-לוסטיקער יעגער! — נעמען די וועלט אין באַזיץ! צי דען קלאַפּט נישט שטאַרקער דיין האַרץ, ווען דאָס געווילד טרעט אַרויס פון צווישן די טונקעלע קוסטעס? צי דען ציטערט נישט דיין האַנט פון איינגעהאַלטענער ליידנשאַפט, ווען זי ציט אָן דעם בויגן? צי דען יובלסטו נישט, ווען דאָס געווילד פאַלט טויט ווייט, ווייט?... א בוים, פאַרזעצט ביים טייכל, וואַקסטו אַריין אינם ליכט מיט טעגלעך באַנייטע שפּיצן... קיין שום גאָט האָט נישט אַריינגעלייגט אין דיר די דאָזיקע טונקעלע, ווייטיקפולע פראַגע — וואוהין שטרעבט דיין בליען און וואָס דערנערט דיינע וואָרצלען! (שמייכלט מיט פאַרביטערונג) ביסטו דאָס דער פאַרשטויסענער? און איך בין דאָס..."

אדום: „דער אויסדערוויילטער!"

יעקב: „הייסט עס, אַז אויסדערווייַלט זיין באַדייט: נישט קענען קיין שלאָף אָן חלומות, האָבן וויזיעס ביינאַכט און הערן שטימעס אַרום זיך בייטאָג! בין איך דאָס אויסדערוויילט? אויסדערוויילט דערצו, אַז אַליץ, וואָס ליידט, זאָל רופן צו מיר, זאָל זוכן מיך, זאָל זיך קלאָגן פאַר מיר? אַז אפילו דער בליק פון דער חיה, וואָס שטאַרבט אין שווייגן, זאָל מיך פרעגן: „פאַרוואָס?" צי דען בין איך נישט בלויז זיין באַשעפעניש? טאָ ווי אַזוי-זשע וויל ער, אַז איך זאָל געבן אַן ענטפער, ריכטיק, ווי איך זאָל זיין, ווי ער, וועלכער

האָט באַשאַפן מיך און אַלץ? ווי אַזוי זאָל איך דאָס קאָנען? נישט שוין־זשע ווייַלסטו מיך אויס, אָ, גאָט פון אויבן, דערצו? אויב אַזוי, קום צו מיר און פליסטער מיר אַריין אין אויער, וואָס איך זאָל זאָגן און ווי אַזוי איך, — איך, דיין באַשאַף, — דאַרף פאַרטיידיקן ד י ך — גאָט!"

אדומען נעמט דורך אַ שוידער. ער שטעקט זיך אָן מיט יעקבס ציטערן און זיין צאָרן קעגן יעקבן ווערט פאַרביטן אויף מיטלייד. ער זאָגט צו אים:

„יעקב, אַנטלויף פון דאָזיקן גאָט! קום, קום מיט מיר... מיר וועלן ביידע אַוועקגיין אין אַ פרעמד לאַנד, וואו דער דאָזיקער גאָט האָט נישט קיין מאַכט... איך וויל נישט דעם דאָזיקן גאָט, וועלכער איז תמיד נאָענט! קום, יעקב!... פאַרלאָז דאָס דאָזיקע לאַנד און לאָז אים איבער זיין ברכה! קום, יעקב, מיט מיר. אַנטלויף פון דאָזיקן גאָט!"...

אָבער יעקב וואַרפט אָפּ דעם דאָזיקן פאַר אים לעסטערנדיקן געדאַנק:

„אַנטלויפן פון אים? ניין. אדרבא, איך וועל אים גיין אַנטקעגן!"

יעקב קאָן שפּירן שאַרף, ביז וויייטיק, די גאַנצע לאַסט פון זיין גאָט. ער קאָן אפילו לעבעדיק פילן אַלע פרעכטיקייטן פון אדומס לעבן, — אָבער דער געדאַנק צו אַנטלויפן פון דאָזיקן שרעקלעכן גאָט איז פאַר אים נישט אָננעמבאַר. עס ציט אים צו אים. און אויב אדום איז חושד, אַז יעקב שילדערט אומישנע אין שוואַרצע פאַרבן זיין אויסדערוויילטקייט, כדי צו מילדערן אדומס צאָרן, איז ער נישט גערעכט. יעקב איז אויף אַן אמת צייטנווייז מקנא אדומען און ער האַלט זיך נישט פאַר עפּעס בעסערס פאַר אים.

„איך בין נויטיק גאָט אַזאַ, און דו ביסט אים נויטיק אַנדערש! בלויז דערפאַר, וואָס דו ביסט אדום, בין איך געצוואונגען צו זיין יעקב!"

דאָ ווערט שוין אָנגעצייכנט דער צענטראַלער געדאַנק

פון דאָזיקן ווערק. יעקב איז געצוווּנגען צו זיין יעקב, אָבער דאָס איז אַ געצוואונגענהייט אַן אינערלעכע, אַן אָרגאַנישע, אַזוי צו זאָגן, און ער טראָגט די דאָזיקע געצוואונגענקייט פרייוויליק.

און יעקב, וועלכער האָט דאָס באַזינגט ביי דער באַגע־געניש מיט אדומען, איז גרייט צום גרעסטן נסיון פון זיין לעבן, פון זיין היסטאָרישן לעבן. עס הייבט זיך אָן יעקבס חלום (וועלכער דויערט נאָך ביז היינט), זיין גייסטיקער גע־ראַנגל מיטן מלאך, — אַ געראַנגל, אין וועלכן ער דעראָבערט זיין נשמה.

פאַר יעקבס נשמה קעמפן צוויי כוחות: ליכטיקע מלאכים, די באַזינגער פון געטלעכער גערעכטיקייט, און סמאל, דער גע־פאַלענער מלאך, וועלכער פאַראורטיילט גאָטס אומפּולקאָמענ־הייט. די מלאכים פאָדערן אויף יעקבן אָנצונעמען די ברכה און דעם גאָט פון זיינע אבות, און סמאל וויל אים איבערצייגן, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער ברכה און פון זיין גאָט. סמאל איז אָפּגעפאַלן פון גאָט דערפאַר, ווייל ער האַלט, אַז גאָט האָט באַשאַפן אַ שלעכטע וועלט — „עס האָט אים נישט געקלעקט קיין כוחות” צו מאַכן זי בעסער... אָבער די מלאכים דערווידערן, אַז גאָט האָט נישט באַשאַפן די וועלט, נאָר ער שאַפט זי, — ער שאַפט זי כסדר און ער פאָדערט אויף אַלעמען צו העלפן זי שאַפן צוזאַמען מיט אים.

די מלאכים זאָגן פאָראויס יעקבן אַ שטראַלנדיקע צו־קונפט, און סמאל זאָגט אים פאָראויס דעם שרעקלעכן וועג פון גלות.

יעקב נעמט אויף זיך די שותפות אין דער שווערער אַרבעט פון שאַפן עוואָלוציאָנער די וועלט. ער איז פול מיט־געפיל צו סמאלן. ער פילט אפילו אינערלעך, אַז סמאל איז אין עפּעס גערעכט, אַז זיינע שרעקלעכע פאָראויסזאָגונגען (וועלכע איך קאָן נישט, צום באַדויערן, ברענגען אין זייער מעכטיקן אויסדרוק, אין זייער באַגייסטערטער, דורכגייסטיק־טער פאָרם) קאָנען זיין אַן אמת, אָבער דאָך ענטפערט ער:

„זאָל דאָס זיין מיין גורל! איך קאָן זיך פון אים נישט אָפזאָגן!"

יעקבס ענטפער סמאַלן ציט אונטער אַ מין סך־הכל פון דער פּרעכטיקער דראַמאַטישער סצענע פון יעקבס חלום, און כדי צו געבן כאָטש אַ בלאַסע פאָרשטעלונג וועגן דער טיפקייט פונם קלימאַקס פון ריכאַרד בער האָפמאַנס דראַמאַטישער פּאָעמע, וועל איך דאָ ברענגען יעקבס ענטפער סמאַלן.

סמאַל שילדערט דעם גורל פון אויסדערוויילטן אייביקן יעקב, און יעקב בעט די מלאכים, זיי זאָלן אָפּלייקענען סמאַלס שרעקלעכע ווערטער, אָבער די מלאכים שווייגן. און ווען סמאַל ווענדעט זיך צו זיי מיט אַרויספאָדערונג: „זאָגט, אַז איך בין נישט גערעכט!", און די מלאכים שווייגן נאָך אַלץ און ענטפערן נישט אפילו אויף יעקבס פאַרלוירענער בקשה: „לאָזט מיך נישט איבער אַליין מיטן דאָזיקן!", דאַן נעמט יעקב אַליין דאָס וואָרט און ענטפערט אויף סמאַלס עצה: „פאַרלאָז אים":

„איך קאָן אים נישט פאַרלאָזן! דו, וואָס דו ביסט פול מיט ליידן, צי דען האָסטו אים פאַרלאָזן? דיין שנאה שטייט נענטער צו זיין טראָן, ווי די גאַנצע ליבע פון זיינע כרובים! דו וואָרנסט מיך? אָבער איך מוז פאָלגן בלויז דאָס, וואָס האָט אין מיר — דאָס בלוט פון מיינע אבות! — גערופן!... איך האָב אים ליב אַזאַ, ווי ער איז! אכזריותדיק און רחמימדיק, ריין ליכט און אַ טיפער אָפּגרונט! איך וועל אים נישט פאַרלאָזן! איך וויס — אים געהער איך! מיך לאָקן נישט קיין צוזאָגן, און עס שרעקן מיך נישט קיין גרוילן. זע — טיף אין מיר, דאָרט, וואו דאָס וואָרט קאָן שוין נישט אַריינדרינגען, שלאָפט דאָס, וואָס דיר איז דאָס געווען פרעמד: דער צוטרוי, וואָס פילט אָן מיט גליק!

„דערהער מיך, מיין גאָט! דיינע שליחים שווייגן, — טאָ וועל איך רעדן! איך וועל דיך נישט לאָזן אַליין! און וואָס מיט מיר זאָל נישט געשען, — מיין גורל וועט תמיד

זיין אַן אָפּשיין פון דיין ווייטן גורל! דערהער מיך, מיין גאָט! דיינע שליחים שווייגן, — טאָ רעד דו, וועלכער וואוילט מיך אויס, דו, וועלכן איך וואויל אויס! זאָג זיי, אַז מיר, הגם מיר האָבן געספּקט, געצאָרנט, געקריגט זיך, דאָך זענען מיר תמיד געווען צוגעבונדן איינער צום צווייטן — דו און איך!

„דו ווילסט מיך דאָך באַשענקען! טאָ זאָל דיין גנאָד באַשטיין אָט אין וואָס: מאַך אַזוי, אַז אין מיין בלוט זאָלן תמיד פליסן דיינע דריי הייליקע קוואַלן: קראַפט — שטאָלץ — געדולד! און... אויב דו ביסט שולדיק, וויל איך טראָגן צוזאַמען מיט דיר די שולד — לאָד זי אַרויף, אָ, גאָט, אויף מיינע פּלייצעס!...״

* * *

די דראַמאַטישע פּאָעמע „יעקבס חלום״ שטראַלט אַרויס אַזוי פיל טיפע, מיט געדאַנק אָנגעלאָדענע געפילן און טיף־דורכגעפילטע געדאַנקען, אַז עס איז כמעט אוממעגלעך אויסצושעפּן אירע רייכטימער אין איין קליינער אָפּהאַנדלונג. נישט ווילנדיק. האָב איך דעריבער געמוזט זיך אָפּשטעלן אויף די עיקרדיקסטע געדאַנקען פון דער דאָזיקער דראַמע און אילוסטרירן מיין אָפּהאַנדלונג באַטש מיט אַ טייל שיינע און דורכגייסטיקטע שטעלן. און נישט געקוקט דערויף, וואָס אין דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג איז די צאָל ציטאַטן נישט פּראָפּאָרציאָנעל גרויס, דאָך צעשייד איך זיך מיט מיין אָפּהאַנדלונג מיט אַ געפיל פון אומבאַפרידיקטקייט: וויפיל שיינקייט ס׳איז געבליבן פון דרויסן!

היסטאָרישע טעמעס זענען נישט געגעבן געוואָרן אויף דעם, מען זאָל זיי קאָפּירן מיט אַנדערע פאַרבן, ווי דאָס טוען קינדער, וועלכע מאַליעווען אָפּ בילדער. אַ היסטאָרישע אָדער אַ לעגענדאַר־ליטעראַרישע טעמע דאַרף דינען דערצו, מען זאָל אין איר דערזען אַ ביז איצט פאַרבאָרגן ניי ליכט און

לאָזן דאָס דראַמאַטישע ליכט אויסשטראַלן זיך און באַלויכטן אַלץ אַרום, אַ דאַנק אַ געהעריקער פאָרם.

ריכאַרד בער האָפמאַן האָט נישט מיסברויכט מיט דער ביבלישער טעמע, ווי אַ סך אַנדערע עקספּלאָאַטאַטאָרן פון ביבלישע טעמעס. ער האָט שעפעריש פאַרוואַנדלט די טעמע סיי אין גאַנצן, סיי אין אירע אַלע דעטאַלן, זוכנדיק דעם טיפסטן זין און צוגעבנדיק דעם טיפסטן זין. און נישט געקוקט דערויף, וואָס דער געדאַנק וועגן דעם מיסיע־גורל פון יידישן פאָלק איז ווייט נישט ניי, האָט דאָך בער האָפמאַן באַוויזן אַריינ־צוגיסן אין דראַמאַטישן שטאַרק אָפּגענוצטן שאַבלאָן אַזוי פיל פריש־קייט, אַזוי פיל אור־קראַפט; ער האָט באַוויזן אונז צו פאַר־בלענדן מיט אָפּטע בליצן פון געדאַנק און באַצויבערן אונז מיט אָפּטע נייע האָריזאָנטן פון געדאַנק־געפיל (זאָלן מיר די לייענער און קריטיקער מוחל זיין פאַר דער דראַמאַטישער, אין פלוג, אומנאַטירלעכער פאַראייניקונג. וואָס קאָן איך אָבער טון, אויב איך ווייס און פיל דאָך, אַז אין אונזער נשמה זענען דאָ צענטאַורען, וואָס באַשטייען פון געפיל־געדאַנקען אָדער געדאַנקען־געפילן).

ריכאַרד בער האָפמאַן האָט אַזוי טיף דורכגעטראַכט די דראַמאַטישע טעמע, אַז נישט געקוקט אויף איר דעטאַלער געדאַנק־לעכער און בילדלעכער רייכקייט, רייסט זי זיך דאָך צו איין ציל, און די רייכקייט פון די דעטאַלן נישט נאָר וואָס זיי שטערן נישט דעם דראַמאַטישן הויפּט־ציל, נאָר, פאַרקערט, זיי דינען אים.

„יעקבס חלום" דערמאָנט דערמיט נישט די קלאַסישע טעמפּלען פון העלאַדע, נאָר אַ גאָטישן דאָם: ס'אַרא רייכקייט פון דעטאַלן! אַלץ רייסט זיך צו איין שפּיץ — אין הימל אַריין.

יעקב איז דורך גאָט אויסדערוויילט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל גאָט איז אויסגעוויילט דורך יעקבן, — און די דראַמאַטישע קעגנזייטיקע ליבע איז געווענדט אויף ממשיך צו זיין דעם אַקט פון וועלט־שאַפונג, וואָסער פּרייז מען זאָל נישט דאַרפן צאָלן דערפאַר.

י. ראַפּאָפּאָרט

ווען „יעקבס חלום״ וואָלט נישט געווען זיין פאַרענדיקט אין 1915 (אָנגעהויבן אין 1909) און אָפּגעדרוקט אין 1920, וואָלט מען געווען געקאָנט מיינען, אַז די דאָזיקע פּאָעמע ווען פריייוויליקער אומאויפהערלעכער פּיין איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם לעצטן אַקטועלן יאָר־צענדליק. און דאָס איז אַן איבעריקער באַווייז דערויף, אַז בער האָפּמאַן האָט געשריבן זיין פּאָעמע מיט אַ סך אַ ברייטערער פּערספּעקטיוו, ווי דאָס געשעטע געוויינלעך מיט אַזעלכע ווערק, וואו דער קאָנאָניזירטער אינהאַלט אין אַ קאַנאָניזירטער פאָרם צוימט דעם פרייען שעפערישן שוואונג.

דער קוואַל פון בער האָפּמאַנס אינספּיראַציע פליסט אַרויס נישט פון צייטונגס־כראָניק און נישט פון טאָג־טעגלעכער דער־פאַרונג, נאָר פון דער טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון פאָלק און פון דער דערפאַרונג פון אומצאָליקע דורות. דעריבער איז סטעפאַן צווייגס „ירמיה״ אַ היינט־צייטיקע דראַמע, און „יעקבס חלום״ פון ריכאַרד בער האָפמאַן — אַ נאַציאָנאַלער דראַמאַ־טישער עפּאָס אין בעסטן זין פון דאָזיקן באַגריף.

דאָס איז אַ וויזיע פון העכסטן היסטאָרישן זין פון אונ־זער פאָלקס און פון דער מענטשהייטס עקזיסטענץ און פּיין, דורך דער פּריזמע פון אַ קינסטלעריש גוט אַרומגעשליפענעם היסטאָרישן מיטאָס פון דער געשיכטע פון זעלבן פאָלק און פון דער זעלבער מענטשהייט.

כאַראַלער היסטאָרישער דיאַלאָג

(אַנטיפּאָדן)

נישטאָ כמעט קיין איין אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין דייטשן יידנטום, וועלכע זאָל נישט האָבן געקרענקט אין דער אָדער אין אַן אַנדער פאָרם אויף דער יידן־פראַגע. וואָס מער דאָס דייטשע יידנטום, אַלס גאַנצעס, האָט אָנגעווענדט אַלע באַמיאונגען כדי צו דערשטיקן אין זיך — און דורך דעם אויך אַרום זיך — די יידן־פראַגע, אַלץ מער פלעגט זי זיך אַרויסרייסן אויף אויסנווייניק נאָך שטאַרקער — אונטער דעם טאָפּלטן, אינערלעכן און אויסערלעכן דרוק — ווי אַ פייער, וואָס מען וויל אים דערשטיקן אָבער מען קאָן נישט. אַמאָל שטוינט מען ממש פון דער שאַרפקייט, וואָס די דאָזיקע פראַגע נעמט אָן — אין אירע אַנטיפּאָדישסטע דערשיינונגען — ביי אַזעלכע פאָרשטייער פון דייטשן יידנטום, ביי וועלכע מען האָט צום ווייניקסטן געקאָנט זיך ריכטן אָנצושטויסן זיך אויף דער דאָזיקער פראַגע.

* * *

וואַלטער ראַטענוי איז אַן אָנגעזעענע פיגור אין דייטשן יידנטום. אמת, מערסטנס איז ער באַקאַנט אַ דאַנק דער אָנגעזעענער און טראַגישער ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט בעת און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין לעבן פון דייטשלאַנד, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז זיין באַדייטונג אַלס שעפערישע פּערזענלעכקייט שעפּט זיך אויס מיט זיין פּאָליטישטעטיקער ראָל. וואַלטער ראַטענוי איז נישט נאָר נישט געווען בלויז אַ פּאָליטישער טוער, — אדרבא, ער איז, אין תוך

גענומען, געווען קודם כל אַ טרוימער פון דער מענטשהייטס גייסטיקער באַפרייאונג. די פּאָליטישע טעטיקייט איז געווען בלויז אַן עפּיזאָד — און אַ גאַנץ צופעליקער — אינם לעבן פון דאָזיקן הויך־באַגאַבטן און עטיש הויכשטייענדיקן מענטש. ווען מען לייענט זיינע ביכער: „די קריטיק פון דער היינטיקער צייט" און „וועגן זאַכן, וואָס וועלן קומען", צייכנט זיך אָן פאַר אייך אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן, וועלכער געפינט זיך אויפן סאַמע שפּיץ פון די קולטור־פּראָבלעמען פון דער היינ־טיקער מענטשהייט. וואַלטער ראַטענוי האָט געהערט צום בעסטן טיפּ גייסטיקע מענטשן, וועלכע פילן זיך טיף אַריין אין די גייסטיקע נויטן פון זייער צייט פון דער הויך פון די העכסטע מענטשהייט־טרוימען. וואַלטער ראַטענוי געהער — בלויז אין אַלגעמיין גענומען — צום טיפּ מענטשן, ווי גוסטאַוו לאַנדויער, וועלכער איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן, דורכן קעסל־גרוב פון יענער צייט, אין פּאָליטישן כאַאָס און וועלכן עס איז באַשערט געווען דער זעלבער גורל, וואָס ראַטענויען.

אָבער ווי פאַרשידן עס זענען געווען די אָנשויאונגען פון די דאָזיקע צוויי אידעאַליסטן, פון די דאָזיקע צוויי טויט־פיינט פון דער היינט־צייטיקער מאַטעריאַליסטישער רעליגיע, אויף דער יידן־פראַגע! עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן מער אַנטיפּאָדע אָנשויאונגען.

וואַלטער ראַטענוי, דער זון פון איינעם פון די גרעסטע אינדוסטריעלע מאַגנאַטן אין דייטשלאַנד, איז געווען פולשטענ־דיק אַסימילירט, און אַלע טירן פון אַלע קרייזן פון דער דייטשער הויכער געזעלשאַפט זענען געווען אָפן פאַרן דאָזיקן רייכן, הויך־ און פילזייטיק־באַגאַבטן מענטשן. ער, דאַכט זיך, האָט נישט באַדאַרפט פילן קיין שום אויסערלעכע און אינער־לעכע באַדערפעניש צו פאַרנעמען זיך מיט דער יידן־פראַגע. אָבער דאָס דאַכט זיך נאָר אַזוי, ווי אָפט אין דער געשיכטע פון דייטשן יידנטום בכלל און אין דער געשיכטע פון אַ סך דייטש־יידישע יחידים בפרט. אינם דייטש־יידישן לעבן האָט

געשטעקט דאָס שאַרפע גיפט־צינגל פון יאָרהונדערטער אַלטן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט נישט געגעבן קיין רו קיינעם, — קיין איינעם פון די צדדים, קיין איינעם פון די אָנגעזעענע פאַר־שטייער פון די צדדים.

אויפן שוועל פון דער יידיש־דייטשער ליטעראַטור, ד. ה. אויפן שוועל פון יידיש־דייטשן באַוואוסטזיין, געפינט זיך אַ מערקווירדיקע געשטאַלט: זיסקינד פון טרימבערג. אַ ייד — אַ מינען־זינגער פון דרייצנטן יאָרהונדערט!

אַ מערקווירדיק סימבאָלישע געשטאַלט! געשאַפן ווי בכיוון פון דער געשיכטע אַלס מין וואָרנונגס־סיגנאַל פאַרן דייטשן יידנטום, עס זאָל זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס וועגן זייער צוזאַמענלעבן מיטן דייטשן פאָלק אין אַ גייסטיקער סימביאָזע, אין אַ גייסטיקן פאַרזינקען אין אים.

ווי אַסימילירט מען האָט געדאַרפט זיין, כדי אין 13־טן יאָרהונדערט אַריינצודרינגען אין די שלעסער פון דייטשן אַדל אַלס מינען־זינגער! און זיסקינד פון טרימבערג האָט באַוויזן די דאָזיקע קונץ. אָבער דער סוף איז געווען, אַז מען האָט אים, — ווי ס׳איז צו זען פון זיינע געבליבענע לידער, — אַרויסגעוואָרפן, און ער בענקט צוריק אַהיים, און ער שרייבט:

„איך האָב מיט מיין קונסט געמאַכט אַ נסיעה פון אַ נאַר! די הארן גיבן מיר מער גאָרנישט — איך וועל אַנטלויפן פון זייערע הויפן. איך וועל מיר לאָזן וואַקסן אַ לאַנגע באָרד פון גרויע האָר, און לויט דער לעבנסאַרט פון אַלטע יידן וועל איך ווייטער גיין... מיין גאַנג וועט זיין הכנעהדיק, און כ׳וועל מער נישט זינגען קיין געזאַנג פון פריצישע הויפן, זייט די הארן האָבן מיך אַרויסגעשטעלט פאַר די טויערן".

אין זיין פרעכטיקן בוך „זיסקינד פון טרימבערג, אָדער די טראַגעדיע פון נישט האָבן קיין היימלאַנד", ווייזט יאָזעף קאַסטיין אויף, דורך אַ מייסטערהאַפטן אַנאַליז, ווי קונציק דאָס יידישע האָט זיך אַריינגעריסן אין זיסקינד פון טרימבערגס דייטשע פערזן, און ווי די פרעמדע הארן האָבן דאָס סוף־כל־

סוף אַרויסגעשפּירט און אַרויסגעטריבן דעם אַריינגעדרונגענעם.
זיסקינד פון טרימבערג איז אַ סימבאָלישע געשטאַלט, וואָס רופט, ווי קאַסטיין טוט דאָס אין זיין בוך „אַהיים, זיס־קינד פון טרימבערג!”, אָבער די וואָרנונג פון דער געשיכטע איז נישט דערהערט געוואָרן, ערשט איצט האָט זי באַקומען דעם געהעריקן רעזאָנאַנס.

און די אומזיסטע באַמיאונגען פון זיסקינד פון טרימ־בערג געפינען מיר אויפן גאַנצן שטח פון דער געשיכטע פון דייטשן יידנטום, זינט דעם דרייצנטן יאָרהונדערט. און מיר געפינען זיי, די דאָזיקע טראַגישע שפּורן, אין דער פאָרם פון דער יידן־פראַגע, נישט נאָר אין ראַטענוים פּערזענלעכער קאָ־רעספּאָנדענץ, — ער האָט איר געווידמעט אויך אַ ספּעציעלן אַרטיקל, אַ מין מאַניפעסט, נאָך אין 1897, ד. ה. דאַן, ווען וואַלטער ראַטענוי איז נאָך געווען זייער יונג. דער דאָזיקער אַרטיקל טראָגט — ווען מען נעמט אין באַטראַכט זיין אינהאַלט — אַ לעסטערנדיקן נאָמען: „הער, ישראל!” („שמע ישראל!”). דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער רוף, וואָס איז געוואָרן דער רעלי־גיעז־נאַציאָנאַלער הימן פון אומצאָליקע דורות; דער דאָזיקער רוף פון און צו רעליגיעזער טרייקייט און נאַציאָנאַלן העראָאיזם, איז אונטער ראַטענויס פּעדער געוואָרן דער עקסטרעמסטער, דער צינישסטער רוף צו נאַציאָנאַלער שענדונג, צו נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד, צו נאַציאָנאַלער קאַסטראַציע.

דער דאָזיקער אַרטיקל, געשריבן אינם יאָר, ווען עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, איז געשריבן — דאָס איז קאָנטיק — אין מאָמענט פון פּאַניק: אומגעריכט האָט עמיץ אַריינגעשטופּט אַ פלאָקן אין די רעדער פונם אַסימילאַציע־וואָגן. אין דאָזיקן אַרטיקל לייגט ראַטענוי פאָר דעם דייטשן יידנטום זיך צו פאַרנעמען „באַוואוסטזיניק מיט דער זעלבסטדערציאונג פון דער ראַסע (פון דער יידישער, נאַטירלעך — י. ר.), כדי זיך צוצופּאַסן צו פרעמדע פאָדערונגען. צוצופּאַסן זיך... אין דעם זין, אַז די ראַסן־אייגנשאַפטן (אַלץ

איינס, גוטע צי שלעכטע), וועגן וועלכע ס'איז דערוויזן געוואָרן, אַז די לאַנדסלייט האָבן זיי פיינט, דאַרף מען באַזייטיקן און פאַרבייטן מיט אַנדערע... דער ציל פון דאָזיקן פּראָצעס דאַרף נישט באַשטיין אין שאַפן אימיטירטע גערמאַנער, נאָר אין שאַפן דייטש־געפורעמטע און דייטש־דערצויגענע יידן".

אין אַן אַנדער אָרט, אין אַ בריוו, דריקט ראַטענוי נאָך אַנטשלאָסענער אויס זיין מיינונג: „מיין פאָלק — דאָס זענען די דייטשן און נישט קיין אַנדערער. יידן זענען פאַר מיר — אַ דייטשער שבט, ווי די זאַקסן, בייערן אָדער ווענדן... פאַר מיר אַנטשיידעט וועגן דער צוגעהעריקייט צו אַ פאָלק און צו אַ נאַציע נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר דאָס האַרץ, דער גייסט, די געזינונג און די נשמה".

אָט צו וואָסער היפּער־נאַרישקייט עס דערגייען אַפילו אַזעלכע מוחות, ווי ראַטענוים, ווען זיי ווילן פאַר יעדן פּרייז, אונטערן דרוק פון אַן אידייע־פיקס, לייזן די פּראָבלעם פון דער קוואַדראַטור פון קרייז. די יידן זענען פונקט אַזאַ טייל פון דייטשן פאָלק, ווי די זאַקסן און די בייערן!

אָבער נישט נאָר דאָס. אויב זיין פאָלק זענען דייטשן, טאָ צו וואָס דאַרף ער נאָך דערציען — זיין ראַסע! — כדי זיך אויסצוגלייכן מיט די דייטשן? אויב די אָנגעהעריקייט צו אַ וועלכן נישט איז פאָלק איז פאַר ראַטענויען נישט קיין פראַגע פון דער ראַסן־וויסנשאַפט (און דאָס איז אין אַ געוויסער — און אפשר באַדייטנדיקער — מאָס פּסיכאָלאָגיש ריכטיק), נאָר פון האַרץ און גייסט, טאָ פאַרוואָס עפּעס פילט ער זיך פאָרט אַלס ייד, הגם פון אַ דייטשן שבט?

און דער עיקר: אויב וועגן דער צוגעהעריקייט צו אַ פאָלק אַנטשיידעט דאָס האַרץ און די נשמה, טאָ פאַרוואָס דאַרף מען פאַרגוואַלדיקן די דאָזיקע נשמה דורך זעלבסטדערציאונג צו די פאָדערונגען פון פרעמדע (אויב אַפילו די דאָזיקע פאָדערונגען זענען נישט אין הסכם מיט אונזער באַוואוסטזיין וועגן גוטס און שלעכטס)? פאַרוואָס דאַרף עפּעס דאָס פאָלק ישראל

הערן די שטים פון ראַטענגויען און נישט די שטים פון זיין הארץ, וואָס איז דאָך נישט קיין אויסטראַכטעניש שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ראַטענוי דאַרף עצהן דעם דאָזיקן הארצן און דער דאָזיקער נשמה זיך צו פאַרגוואַלדיקן?

ווי מאַטעריאַליסטיש־גראָב דאָס איז, און נישט גייסטיק, באַזונדערס פאַרן מחבר פון דער מיט גייסט אָנגעזאַפּטער „קריטיק פון דער היינטיקער צייט"...

* * *

א גאַנץ אַנדער צוגאַנג צו דער דאָזיקער פראַגע געפינען מיר ביי גוסטאַוו לאַנדויערן, וועלכער איז אויך לאַנג געשטאַנען וויט פון יידנטום און פון יידישע פּראָבלעמען. אָבער דער דאָזיקער מענטש, וואָס איז באַשאָנקען געווען מיט א געניאַלער אינטואיציע אין פראַגן פון קולטור און גייסט, באַשאָנקען מיט אומדערשראָקנקייט און פרייהייט ווען עס פלעגט זיך האַנדלען וועגן אמת, האָט אויך אין שייכות מיט דער יידן־פראַגע ארויסגעוויזן זיין וואונדערלעכע אייגנשאַפט צו שטעלן אויף יעדער פראַגע דעם ריכטיקן טראָפּ.

וועגן לאַנדויערס מיינונג וועגן די מזרח־יידן, אַלס א גאַנצן קולטור־טיפּ, איז מיר שוין אויסגעקומען עטלעכע מאָל צו שרייבן. אָבער די מיינונגען, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט וועגן דער יידן־פראַגע אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיטן באַרימטן דייטש־יידישן שרייבער און געלערנטן פריץ מויטנער, זענען ברייטער און אינטערעסאַנטער. אין די דאָזיקע מיינונגען קומט צום וואָרט לאַנדויער דער פּלאַמיקער אַפּאָסטאָל פון פאָלקס־קאָלעקטיוון („פאָלקס־געמיינשאַפטן"), דער ליידנשאַפטלעכער פאַרשער און קענער פון עכטער — נישט אויסערלעכער — קולטור.

פריץ מויטנער, דער אַסימילאַטאָר, וועלכער איז געווען צערודערט פון דעם פרישן שאַרפן אויסברוך פון אַנטיסעמיטיזם אין די אַכציקער און נייַנציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט אָנגעשריבן א ראָמאַן אונטערן נאָמען „דער נייער אַהאַסווער". דער „נייער אַהאַסווער" איז אַן אַסימיליר־

טער, עמאַנסיפּירטער ייד, וועמען דער אַנטיסעמיטיזם פּאַרגינט אפילו נישט ער זאָל שטאַרבן ווי א ייד. הגם מויטנער האָט גענומען אַלס מאָטטאָ צו זיין ראָמאַן די ווערטער פון גרויסן דייטשן היסטאָריקער טעאָדאָר מאָמזען, פון זיין בראָשור וועגן יידנטום, — די ווערטער וועגן דעם, אַז עס איז נישטאָ קיין איין יידיש־דייטשער באַדייטנדער פּאָעט אָדער ראָמאַניסט, ביי וועלכן מען זאָל נישט קאָנען באַמערקן קיין שפּורן פון זיין אָפּשטאַם, דאָך סאָלידאַריזירט ער זיך מיט ראַטענוים פּאָדערונג, אַז די יידן דאַרפן זיך צופּאַסן צו די פאָדערונגען און צום געשמאַק פון אַנדערע, און ער טרעט אפילו אַרויס קעגן דעם, דער דייטשער ייד זאָל איבערבייטן דאָס העמד זיינס אויף שבת, — ער דאַרף עס איבערטון נאָר אויף זונטיק, כדי איינגאַנצן זיך אויסצוגלייכן מיט די אַנדערע.

נישט דאָ איז דאָס אָרט אָפּצושטעלן זיך אויפן דאָזיקן זייער אינטערעסאַנטן (הגם אין קינסטלערישן זין זייער שוואַכן) ראָמאַן, — אינטערעסאַנט אין א סך הינזיכטן פאַר אונז, די קינדער פון די דרייסיקער און פערציקער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אָבער איין ציטאַט פון דאָזיקן ראָמאַן מוז איך דאָ ברענגען:

היינריך, דער העלד פון ראָמאַן, האַלט זיך נישט פאַר קיין ייד, אָבער די אַנדערע האַלטן אים נישט פאַר קיין דייטש, און דעריבער וויל ער עמיגרירן קיין טשעכיע: „דאָרט וועלן זיי מיך פיינט האָבן אַלס דייטש, דאָרט וועלן זיי וואַרפן שטיינער אויף א דייטש. אויב עס איז מיר שוין באַשערט צו ווערן א קרבן פון געמיינקייט, וויל איך, לכל הפּחות, פאַר־פאָלגט ווערן אַלס דייטש דורך סלאַוון, אָבער נישט אַלס ייד דורך דייטשן!“

אָט ווי ער האָט ליב די דייטשן!

איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס ווען פריץ מויטנער באַרירט די יידן־פראַגע אין דער קאָרעספּאָנדענץ מיט זיין פריינט לאַנדויער (און וועלכער דייטשער ייד פון דער עליטע

באַרירט דען נישט אין זיינע בריוו די דאָזיקע פראַגע? עס לוינט זיך צו לייענען דאָס אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטע בוך פון פראַנץ קאָבלער: „יידן און יידנטום אין דייטשע בריוו פון דריי יאָרהונדערטער״) לייזט ער זי אין גייסט פון וואָלטער ראַטענוי: יידן זענען קיין פאָלק נישט און זיי דאַרפן אויפהערן צו „גע־שפּענסטיקן״ אין דער געשיכטע.

דערויף ענטפערט לאַנדויער מיט אַ וואונדערלעכער קראַפט פון געפיל און לאָגיק, דערהויבנדיק זיך איבער זיין פריינט נישט אויף איין קאָפּ.

נישט נאָר לאַנדויער האַלט, אַז דער טרוים פון די ראַטענוים און מויטנערס איז נישט אויספירבאַר, נאָר ער האַלט דעם דאָזיקן טרוים נישט פאַר קיין דערהויבענעם, פאַר אַ זינלאָזן, פאַר אַן אומערלעכן לגבי דעם עכטן גייסט פון קולטור.

ער ענטפערט דעם גרויסן לאָגיקער מויטנער:

„...וואָסער ווערט איך דאַרף צושרייבן דעם דאָזיקן קאָ־לעקטיוו („געמיינשאַפט״), געבוירן דורך דער געמיינזאַמקייט פון געשיכטע, — וועגן דעם אַנטשיידעט נישט ביי מיר די לאָגיק. וואָס שייך מיר, געפין איך נישט אין אונזער צייט קיין צו פיל געמיינשאַפטן, וואָס דערגרייכן מיט זייערע וואָרצלען אין דער טיף פון די יאָר־טויזנטער, איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון איי־נער פון זיי, נישט האָבנדיק נאָך דערצו קיין שום סיבות. און אַ קאָלעקטיוו, וועלכן מען קאָן דערקענען — לויט דיינע אייגענע ווערטער — לויט „אַ קנייטש אין מוח״, איז אַ גענוגנדיקע ווירקלעכקייט. אַזוי אַרום האָבן מיר צו טון מיט אַ געפיל, וואָס באַגלייט די ווירקלעכקייט; און די לאָגיק וועט דאָס נישט קאָנען באַזייטיקן. אָבער פאַרוואָס זאָל זי דאָס גאָר וועלן טון?״

מיט אַנדערע ווערטער: מויטנער באַווייזט לאַנדויערן מיט דער הילף פון דער לאָגיק, אַז דאָס יידישע פאָלק איז נישט קיין ווירקלעכקייט, אַז די יידן קאָן מען נאָר דערקענען לויט „אַ קנייטש אין מוח״, און דעריבער דאַרף מען לאָזן איינ־שלאָפן מיטן לעצטן שלאָף דעם אַהאַסווער־געשפּענסט. ענט־

פערט דערויף לאַנדויער, אַז „אַ קניימש אין מוח", לויט וועלכן מען קאָן דערקענען אַ גאַנץ פאָלק, איז פאַר אים אַ געגונגנדיקע ווירקלעכקייט, וואָס אַפּעלירט צו זיין געפיל פון יראת־הכבוד צו אַ טויזנט־יאָריקער שאַפונג פון דער געשיכטע, און דעריבער איז די לאָגיק נישט נאָר הילפלאָז אין דאָזיקן פאַל, נאָר אפילו דער וואונטש גופא פון דער לאָגיק צו באַזיגן דאָס דאָזיקע געפיל, וואָס באַגלייט די ווירקלעכקייט, איז אַ לעסטערונג.

ווי אויבערפלעכלעך עס איז מויטנערס לאָגיק אין פאַרגלייך מיט לאַנדויערס טיפן געפיל! פאַר אים איז דער יידישער קאָלעקטיוו נישט קיין געשפּענסט, נאָר אַ ווירקלעכקייט, פאַר וועלכער מען דאַרף שטיין נישט נאָר מיט נישט קיין קלענערער יראת הרוממות, ווי פאַר די פּיראַמידן, נאָר מיט אַ סך אַ גרעסערן.

פון דאָזיקן ליכטיקן אויפבליץ פון דער אינטואיציע איז שוין כמעט ווי איין שריט צו דער לעבעדיקער, טעטיקער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. און גוסטאַוו לאַנדויער איז געווען אינערלעך רייף פאַרן דאָזיקן טריט (ווי עס באַווייזט זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט מאַרטין בובער וועגן אָנטייל נעמען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג), ווען דער טראַגישער סוף פון זיין לעבן וואָלט אים נישט געשטערט צו דערפירן ביזן סוף די ליניע פון זיין באַציאונג צו דער יידן־פראַגע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אָנצומערקן אין זיין לעבן.

* * *

דער דאָזיקער אויבן סקיצירטער היסטאָרישער דיאַלאָג צווישן אַנטיפּאָדן איז נישט קיין פאַראיינצלטער אין דער געשיכטע פון דייטשן יידנטום, אָבער דערפאַר אַ באַזונדערס בולטער און גרעלער. און פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט האָט ער זיך נישט פאַרענדיקט נישט מיטן אַרטיקל „הער, ישראל!" מצד ראַטענויען, און נישט מיט לאַנדויערס ענטפער־בריוו צו מויטנערן. דער דאָזיקער כּאָראַלער דיאַלאָג האָט זיך ווייטער געפירט.

מיט אַ באַזונדערער קראַפט הערן מיר אים — אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו — פון די שלאַכט־פעלדער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער יונגער דור פון דייטשן יידנטום האָט ווי אונטערגעכאַפּט, אונטערן דונער פון די האַר־מאַטן, דעם דיאַלאָג צווישן ראַטענוי־לאַנדויער (וויאַ מויטנער!). און אויב דער לעסטערנדיקער „הער, ישראל!” פון ראַטענוי האָט באַקומען אַ קורצן, באַשטעטיקנדיקן ענטפער פון דאַן (אין 1914) יונגן דיכטער ערנסט טאָלער, וועלכער האָט גע־שריבן פונם שלאַכט־פעלד, מען זאָל זיין נאָמען אויסמעקן פון דער רשימה פון די מיטגלידער פון דער יידישער געמיינדע, האָט אָבער לאַנדויערס פּקחותדיקער בריוו באַקומען אַ המשך אין די געדאַנקען פון אַ צווייטן יונגן יידישן זעלנער, וועלכער האָט דערפירט לאַנדויערס אינטואיציע ביז איר עקסטרעמסטן לאָגישן סוף. איך האָב דאָ אין זינען די בראָשור פון אַלפרעד לעם „דער וועג פון די דייטש־יידן (איך איבערזעץ נישט „דער וועג פון די דייטשע יידן”, ווייל דער מחבר האָט מיט אַ כיוון נישט געשריבן „דער וועג דער דויטשען יודען”, נאָר „דער וועג דער דויטש־יודען”).

דאָס, וואָס אַזוי פיל דייטשע יידן האָבן זיך אויפן שלאַכט־פעלד פון דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרנומען מיט דער יידן־פראַגע, באַווייזט ווי שאַרף די דאָזיקע פראַגע איז געשטאַנען פאַר יעדנם לעבן. אין ערשטן וועלט־קריג האָבן די פּיינפּיליקערע און טיפערע שוין געהאַט די וויזיע פונם שרעקלעכן אָפּגרונט, פאַר וועלכן עס שטייען די דייטשע יידן, און זיי האָבן געזוכט אַן אויסוועג.

ווי טיף דער יונגער דור האָט דאָס פאַרשטאַנען, באַווייזט די בראָשור פון איינעם אַנטאָן קו: „יידן און דייטשן”, וואָס פאַרנעמט זיך אויך מיטן ערשטן וועלט־קריג, און וואָס איז דערשינען, ווי עס שיינט, אַ סך פריער פאַר היטלערס זיג.

„דאָ (ביי די דייטשן — י. ר.) איז דער מיליטאַריזם נישט געווען קיין מיטל, נאָר אַ צוועק. דאָ איז דער לעצטער

אויספיר פון זיג: יידן־באַזייטיקונג („ענטיודונג"). זייער קריג איז געווען אַ האַקנקרייץ־צוג".

אָט דאָס געפיל האָט געטריבן אַזעלכע, ווי אַלפרעד לעם, צו מאַכן אַ נאַציאָנאַלן חשבון הנפש אונטערן דונער פון האַר־מאַטן, אויפן שוועל פון טויט.

ווען די דאָזיקע בראָשור איז דערשינען, ווייס איך נישט, — דאָס יאָר איז אינערגעץ נישט אָנגעגעבן. אָבער לויטן נאָמען פון פאַרלאַג — „דער נייער גייסט" — קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די דאָזיקע בראָשור האָט זיך באַוויזן אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן פון אונזער יאָרהונדערט, אין דעם האָניג־חודש, אַזוי צו זאָגן, פון דער נאָך־מלחמה־צייט, ווען אַזוי פיל מענטשן האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז שוין אָנגעקומען די צייט פון נייעם גייסט און „דער נייער גייסט" איז געוואָרן דער פאַרשפּרייטסטער לאָזונג אין דער וועלט פון געדרוקטן וואָרט.

פונם טעקסט פון דער בראָשור, ווי אויך פון דער באַמער־קונג אויף דער קער־זייט פון דער הילע, איז קלאָר, אַז די דאָזיקע בראָשור איז אָנגעשריבן געוואָרן בעת דער מלחמה, נאָך מער — בעת אַן הפסקה אויפן שלאַכט־פעלד. לעם פאַר־ענטפערט זיך, פאַרוואָס די געדאַנקען פון דער דאָזיקער בראָשור זענען נישט באַאַרבעט אין אַ קינסטלעריש־עסייאיסטישער פאָרם, נאָר זיי זענען סתם פובליציסטיש סקיצירט: ער איז צו שטאַרק פאַרנומען מיט מיליטערישע פליכטן, מיטן פערזענ־לעכן געזונט־צושטאַנד און מיט דער אינערלעכער נויטווענ־דיקייט אינטענסיוו צו שאַפן.

די דאָזיקע קליינינקע באַמערקונג איז אונטערגעשריבן (אין קלאַמערן): לעם מיט אַ מין סימן־צלמל, וואָס דאָס באַדייט, אַז דער מחבר איז נישט צוריקגעקומען אַהיים.

אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווייס דערוויל וועגן אַלפרעד לעם. אָבער זיין בראָשור הויבט אויף דעם פאָרהאַנג פון זיין גייסטיקן לעבן. דאָס איז געווען אַ הויך־אינטעליגענטער יונגער־

מאַן, מיט אַ גרויסן שכל, מיט אַ גרויס האַרץ און מיט אַ גרויסן מוט. אויף צו שרייבן די דאָזיקע בראָשור בעת דער מלחמה האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן נישט קיין דורכשניט־לעכן מוט. אמת, אַ חוץ די דאָזיקע גוטע אייגנשאַפטן, האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן אויך צווייפלהאַפטע אייגנשאַפטן אויף צו שרייבן די דאָזיקע בראָשור: אַ גרויסע דאָזע פּעדאַנטיזם, וואָס דעגענערירט אין אַ מעכאַנישער ליבע צו סיסטעמאַטי־זאַציע. מיט אַנדערע ווערטער: מען האָט באַדאַרפט פאַרמאָגן יענע אייגנשאַפט, וואָס נעמט דעם געדאַנק און פירט אים לויט אַ גלייכער ליניע — אין דער לופטן — גלייך צו איר לאָגישן סוף, נישט רעכענענדיק זיך דערמיט, צי די דאָזיקע ליניע וועט קאָנען דורכלייגן אַ וועג פאַר זיך גלייך־גלייך אויך אויף דער ערד, וואו עס געפינען זיך אַזוי פיל בערג, טייכן און תהומות.

אָבער איך האָב נישט בדעה ווי געהעריק אָפּצושאַצן און אַנאַליזירן נישט אַלע מעלות פון לעמס בראָשור, נישט אַלע אירע שוואַכקייטן און חסרונות. איך וויל נאָר אָנווייזן אויף דער דאָזיקער סימפּטאָמאַטישער בראָשור, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך די ראַדיקאַלסטע רעפליק אויף ראַטענוים לעסטערנ־דיקן רוף אויסצואוואָרצלען פון זיך אפילו דעם שאָטן פון יידישער אייגנאַרטיקייט, כדי אויסצוגלייכן זיך מיט אַנדערע לויט דעם געשמאַק פון די אַנדערע.

* * *

„ביי די יידן ווערט ווידער שטאַרק דער פאַרלאַנג צו האָבן אַן אמת פאָטערלאַנד" — אַזוי פאָרמולירט לעם זיין אויסגאַנגס־שטאַנדפּונקט, נאָך אַ קורצן, אָבער זעלטן אינטע־ליגענטן און גייסטיק־דורכדרינגלעכן אַנאַליז פון דער נאַציאָ־נאַלער סיטואַציע אין דער וועלט און אין דייטשלאַנד בכלל, און פון דער נאַציאָנאַלער סיטואַציע פון די דייטשע יידן בפרט.

ביי די דייטשע יידן, האַלט לעם, זענען צונויפגעמישט

אורטימלעכע יידישע אייגנשאַפטן און דערוואָרבענע — דייטשע. דער דאָזיקער געמיש איז נישט איינהייטלעך ביי אַלעמען — עס איז דאָ אַ גרויסע צאָל גראַדאַציעס: פון אַזעלכע, ביי וועמען דאָס דערוואָרבענע דייטשע האָט פאַרשלונגען אַלדאָס אורטימלעך־יידישע, ביז אַזעלכע, ביי וועמען דאָס אורטימלעך־יידישע אָטעמט גאַנץ בולט אונטער דער שיכט פונם דערוואָרבן־דייטשן. און נאָר צו די דאָזיקע ווענדט זיך לעם מיט אַן אינטערעסאַנטן פאָרשלאַג, וואָס דערמאָנט אחד העמס לערע וועגן גייסטיקער איבערדערציאונג אַלס פונדאַמענט פאַר דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, און וועגן אַ גייסטיקן צענטר אַלס אַ גייסטיק־נאַציאָנאַלער חוט־השדרה פאַר דעם המשך און פאַר דער פולער אויפלעבונג פון דער יידישער נאַציע.

דאָס טאַנצן אויףביידע שוועלן (קעגן וואָס עס האָט שוין אַזוי מעכטיק געדונערט אליהו הנביא) מוז אויפהערן. לעבן מיט אַ פסיכיק, וואָס ווערט געריסן דאָ צו דער יידישער שוועל, דאָ צו דער דייטשער, איז נישט ווירדיק און נישט געזונט.

לעם האַלט, אַז די בענקשאַפט פון די יידן צו האַרמאָניזירן דעם יידישן אינהאַלט מיט די דייטשע קולטור־פאָרמען, מוז האָבן אַ דורכפאַל צוליב די צוויי קעגנזעצלעכע עלעמענטן, וואָס מען וויל פון זיי מאַכן איינס. דאָס רופט ארויס „יענע אומצופרידנקייט, וואָס איז דאָס איינציק געמיינזאַמע ביי די יידן פון דייטשלאַנד. דאָס דייטשע, צי מיר ווילן דאָס אויסמיידן אָדער מיר רייסן זיך צו דעם אין ליבע־באַמיאונגען, צי מיר פאַרגעטערן אָדער מיר פאַרשילטן דאָס, — דאָס איז קיינמאָל נישט געוועזן איינגאַנצן אונזערס".

די דייטשע יידן (אַלס פרעמדער נאַציאָנאַל־קולטורעלער עלעמענט) האָבן נישט די מעגלעכקייט אויסצולעבן זיך אַלס פאָלק, און זיי פוילן, וועגעטירן.

לעם זעט פון דאָזיקן צושטאַנד צוויי, אָדער ריכטיקער

דריי אויסוועגן: צוויי ראַדיקאַלע און איינעם אַ קאָמפּראָמיס־וועג, פון נויט.

דער קאָמפּראָמיס־וועג באַשטייט אין דעם, וואָס ביז די דייטשע יידן וועלן אין דער צוקונפט קאָנען אַרויס פון זייער צווייאיקייט (מיט איינעם פון די וועגן, וועגן וועלכע מיר וועלן באַלד רעדן) צו דער גליקלעכער פּסיכישער איינהייטלעכקייט, מוזן זיי, לכל הפּחות, לעבן אין אַן ערלעכער צווייאיקייט: זיך באַטראַכטן און דעקלאַרירן אַלס „דייטשע בירגער פון אַ דייטש־יידישער נאַציע".

אָבער דאָס איז נאָר אַ ציטווייליקע פּאָזיציע, וועלכע מען מוז פאַרלאָזן, ווייל „דאָס נישט האָבן קיין פולע היים נישט אינם דייטשן, נישט אינם יידישן איז די אומפאַרמיידלעכע קללה פון דער (פּסיכישער) ־יגעטיילטקייט פונם דייטש־יידן".

דער ציל פון די דייטש־יידן דאַרף זיין אַרויסצוגיין פון דער פּסיכישער צעטיילטקייט און במילא אויך פונם צושטאַנד פון פּאָלקלאָזיקייט, וואָס ברענגט צו גייסטיקע קראַנקהייטן פון כלערליי מינים: זיי דאַרפן אויסבילדן איין טייל — פון זייער צעשפּאָלטענעם „איך" — אויפן חשבון פון צווייטן, כדי צו דערוועקן ווידער „אַן איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן באָדן. דאָס זואָלט געקאָנט געשען אָדער דורך אַ צוריק צום יידישן אָדער דורך אַ פאַראויס צום דייטשן".

דאָס צווייטע קאָנען טון די, ביי וועמען די אַסימילאַציע איז פּסיכיש געלונגען, און דאָס ערשטע די, וועלכע „האָבן נאָך ליב אין זיך דאָס אייגנטימלעך־יידישע".

אָבער די דאָזיקע לעצטע, וואָס נאָר זיי אינטערעסירן אונז דאָ, מוזן, לויט לעמען, „עפּעס טון פאַר זיין (פונם אורטימלעך־יידישן — י. ר.) אויפהאַלטונג. דאָ איז נישט גענוג קיין „אני־מאמין"... שווין צוליב דעם אַליין, וואָס די מערב־יידן לעבן צווישן דייטשן און ווערן במילא אַסימילירט דורך זיי, איז פּאַסיווקייט אַ פאַרניינונג פונם אייגענעם פּאָלק, — אַ טעטיקע הילף פאַר זיין אונטערגאַנג".

וואָס־זשע זאָלן די דייטשע יידן טון, כדי צוריקצוקערן צום יידישן פאָלק?

זיך אַסימילירן מיט די קאָמפּאַקטע מאַסן פון די מזרח־יידן — וואָלט מען געקאָנט איינשליסן אין איין זאַץ לעמס גאַנצן פּראָיעקט, — „דורך וועלכע די פולע קראַפט פונם מײַן שטראָמט פון דער פאַרגאַנגענהייט אין דער צוקונפט אַריין״.

לעם פאַרשטייט, אַז די דאָזיקע אַסימילאַציע מיטן פאַרלוירענעם נאַציאָנאַלן עלעמענט איז אין אַ פולקאָמענער מאָס אוממעגלעך פאַר די אַסימילירטע דייטשע יידן, — די פאַרלוירענע פאָלקס־איינהייט קאָנען זיי דערוווערבן נאָר אויפן באָדן פון זייערע קינדער, וועלכע זיי דאַרפן איינפּלאַנצן, ווי יונגע צווייגלעך, אויפן מעכטיקן בוים פונם מזרח־יידנטום, — צי אין זייערע וואוינערטער אין מזרח־אייראָפּע, צי אין ארץ־ישראל, וועלכע די מזרח־יידן בויען. דער דור המדבר פון דער אַסימילאַציע דאַרף באַשיצן זיינע קינדער פאַרן גייסטיקן מדבר, פון וועלכן זיי זענען קרבנות. דער דייטש־ייד מוז גייסטיק פאַרפרעמדן פון זיך די אייגענע קינדער, אויב ער וויל זיך איינשטעלן פאַר זיין פאָלק, זיי מוזן ברענגען אַלס קרבן זייערע קינדער פאַרן צוקונפטיקן פאָלקס־אידעאַל...

ווי דאָס זאָל געמאַכט ווערן?

ווען מיר לאָזן אין אַ זייט די טעאָרעטיזירנדיקע דעטאַלן, ווי אויך די פּעדאַגאָגיש־פּראַקטישע דעטאַלן, קאָן מען אויף דער פראַגע ענטפערן מיט איין זאַץ: דורך גייסטיקער הכשרה.

מען דאַרף גרינדן פאַר די דייטש־יידישע קינדער יידישע דערציִאונגס־אַנשטאַלטן. די דאָזיקע דערציִאונגס־אַנשטאַלטן מוזן זיך געפינען אין אַן עכט־יידישער סביבה, אין אַ מזרח־יידישער מיליע, כדי באַאיינפלוסט צו ווערן פון דאָס לעבעדיק־פאָלקלעכע. צום דאָזיקן צוועק דאַרף מען אויסנוצן סיי די מאַסן נישט־אַסימילירטע מזרח־יידן, וועלכע לעבן אין דייטשלאַנד, סיי די מזרח־יידישע קיבוצים. אין דער נאָענט פון גרויסע שטעט, וואו עס וואוינען אַ סך יידן, מוזן געשאַפן ווערן „קאָ־

לאָניעס פון אור־שטאַמיקע יידישע מענטשן מיט אַ ניי־יידישן גייסט", וואו דער מיטלפּונקט זאָל זיין די דערציאונגס־היים פאַר די קינדער פון די דייטש־יידן. און דאָס וועט העלפן צו זייער יודאַאיזירונג.

די דאָזיקע קאָלאָניעס מיט די יידישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן (וואָס וועלן זיך קעגנזייטיק באַווירקן און יידיש־באַפרוכטן), וועלן זיין סיי דער דורכגאַנגס־פּונקט פאַר די, וואָס וועלן דערנאָך פאָרן קיין ארץ־ישראל, סיי דער יידישער צענטר, וואָס וועט באַווירקן די אַסימילירטע היים, ווייל כדי צו קאָנען האָבן אַ וואָס גרעסערן קאָנטאַקט מיט די קינדער, וועלן די עלטערן מוזן דערווערבן וואָס מער יידישן אינהאַלט, — זיך לערנען יידיש און העברעאיש, זען וואָס מער צו פאַרברענגען מיט אור־שטאַמיקע יידישע מענטשן. „צו קענען די אומגאַנגס־שפּראַך פון אונזער שטאַם־פאָלק איז — הגם זי איז נישט שלימותדיק — דאָס ווינציקסטע, וואָס מיר מוזן פון זיך פאַרלאַנגען, ווייל דאָס איז דער איינציקער וועג צוצוקומען צו אים" (צום פאָלק).

אפילו פון דאָזיקן קורצן קאָנספּעקט פון לעמס בראָשור קאָן מען זען ווי ווייט די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע האָט דערגרייכטביים דאָזיקן פאָרשטייער פון יונגן דור, וואָס האָט נאַציאָנאַל פול דערוואַכט דורך דעם האַרמאַטן־דונער פון ערשטן וועלט־קריג.

נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער פּעדאַנטישקייט (וועלכע איך האָב שטאַרק געמילדערט דורך דעם קורצן איבערדערציילן), איז דער דאָזיקער פּראָיעקט (ביז זיין באמת רעוואָלוציאָנערער שטעלונג צו יידיש מצד אַ דייטשן ייד) סימפּטאָמאַטיש פאַרן וועג, וועלכן דאָס דייטשע יידנטום האָט דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע 150 יאָר.

* * *

נישט לעם, ווען ער האָט געשריבן די בראָשור, נישט איך, ווען איך האָב זי געלייענט און געשריבן וועגן איר, האָבן זיך

גאָרנישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז זיין פּראָיעקט, באַשטימט פאַר די אַסימילירטסטע יידן, וועט שיעור נישט ווערן אַקטועל אויך פאַר אונזער גאַנצן יידישן דור, וועלכער האָט פאַרלוירן כמעט דעם גאַנצן אור־שטאַמיקן קוואַל זיינעם.

ביי אונז, ביי די רעשטלעך פון די מזרח־יידן, רעדט מען שוין וועגן דורכשלאָגן זיך אַ וועג צוריק צו דאָס פאַלקלעכע, צום אורשטאַמיק־פאָלקלעכן.

און מיר זענען נאָך אין אַן ערגערער לאַגע ווי די דייטש־יידן: מיר האָבן נישט קיין גרויסע אורשטאַמיקע ישובים צו וועמען צו גיין; מיר מוזן זוכן אַ וועג צוריק, צו זיך, מיט דער הילף פונם יידישן גייסט, וואָס איז פאַרגראָבן אין אונזערע ספרים־אַלמערס, און פונם יידישן בלוט אין זיך, צו וועמענס שטילער שטים מיר מוזן זיך צוהערן מיט דער גרעסטער אָנ־שטרענגונג.

דער כאָראַלער היסטאָרישער דיאַלאָג אין דייטשן יידנטום איז מיט געוואַלט איבערגעריסן געוואָרן; אָבער אויף די ווייטע זייטלעך פון אונזער געשיכטע וועט ער נאָך געפירט ווערן דורך אַנדערע, ביי אַנדערע באַדינגונגען.

נאָכוואָרט

דאָס בוך „העלדן און קרבנות פון דער איבערגאַנגס־תקופה" באַשטייט פון צוויי גרעסערע פראַגמענטן פון צוויי ביכער, וואָס איך האָב פאַרטראַכט און אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער זיי אין שאַנכיי.

דאָס ערשטע בוך האָט געזאָלט הייסן „אונזער ליטעראַטור אין שפּיגל פון די עיקרדיקע אידייאישע שטרעמונגען פון אונ־זער געזעלשאַפטלעכן געדאַנק"; דאָס צווייטע בוך „די טראַגעדיע פון דער יידיש־דייטשער אינטעליגענץ אין שפּיגל פון דער יידיש־דייטשער ליטעראַטור".

די באַדינגונגען אין שאַנכיי זענען געווען אַבסאָלוט קעגן יערן ערנסטן גייסטיקן פּרוּוו: עס האָט געשטערט דער מאַנגל אין ביכער, דער מאַנגל אין עקאָנאָמישער רו, דער מאַנגל אין פּסיכישער רו, דער טאָפּלטער גלות — ביי די יאַפּאַנער און ביי די יידן פון אַלערליי מינים.

איך האָב אין גיכן איינגעזען, אַז דער קאַמף קעגן די דאָזיקע פאַראייניקטע פיינטלעכע כוחות איז אַן אויסזיכטלאָזער. איך האָב זיך גענומען באַגנוגענען מיט ברעקלעך.

די „היימישע געשטאַלטן" זענען די ברעקלעך פון ערשטן בוך.

אמת, איך האָב צונויפגעזאַמלט פון אים אַ סך מער ברעקלעך, ווי כ'גיב אַריין אין דאָזיקן בוך. דאָס איז, ערשטנס, צוליב מאַנגל אין אָרט, און צווייטנס, ווייל אין מיין ערשטער זאַמלונג קריטישע אַרבעטן נאָך דעם חורבן האָב איך געוואָלט געבן דעם יידישן לייענער אין אויסטראַליע אַרטיקלען וועגן

שרייבער, וועלכע זענען אים ווייניקער באַקאַנט, ווי די קלאַסי־קער און ווי די ייִנגערע.

די אַרטיקלען וועגן די אַנדערע שרייבער, וועלכע איך האָב געשריבן אין שאַנכיי (פֿון מענדעלען ביז ביאַליקן, פֿון ווייסנבערגן ביז זשאַבאָטינסקין) וועלן אַרייַנגיין אין אַן אַנדער באַנד, וואָס איך האָף בקרוב אַרויסצוברענגען אין דרוק.

די „היימישע שאָטנס" זענען די ברעקלעך פֿון צווייטן בוך.

אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג זענען אַרייַן כמעט אַלע ברעקלעך, וועלכע האָבן באַקומען אַ מער־ווייניקער גאַנצע פֿאָרם.

אין אַ שאַנכייער נאָטיץ געפֿין איך פֿאָלגנדעס וועגן דער דאָזיקער אָפּטיילונג:

„ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט פֿאָרקומען אויפֿן ערשטן בליק, האָב איך דאָך די עצה צו באַהאַלטן, אַז קיין איין טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק האָט זיך נישט פֿאַרנומען אַזוי פֿיל מיט דער ייִדישער פֿראַגע, ווי דאָס דייטשע ייִדנטום. די ייִדן־פֿראַגע איז אויף אַן אמת געוואָרן זייַן קאָמפּלעקס. און עס איז געווען אַ צייַט — אין שאַנכיי — ווען איך האָב געטרוימט אָנצושרייבן אַ מאָנאָגראַפֿיע וועגן „די ייִדן־פֿראַגע ביים דייטשן ייִדנטום".

„די באַדינגונגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פֿאַר מיר, און דער דאָזיקער גרויסער פּלאַן איז צעביטן געוואָרן אויף קלענערע מטבעות: אַ טייל פֿונם צונויפֿגעזאַמלטן מאַ־טעריאַל איז באַאַרבעט געוואָרן אין אַ ריי עסייען וועגן „היי־מישע שאָטנס", און אַ טייל וואַלגערט זיך נאָך אַרום אין שופֿלאָדן און קעסטלעך, ווי אַ נישט אויסגענוצטער בוי־מאַ־טעריאַל אויפֿן פּלאַץ, וואו מען האָט געפּלאַנט אויפֿשטעלן אַ בנין און מען האָט דעם פּלאַן פֿאַרוואָרפֿן.

„אָנשטויסנדיק זיך פֿון צייַט צו צייַט אויף טיילן פֿונם צעוואָרפֿענעם, נישט באַאַרבעטן, פֿאַרמלאָזן מאַטעריאַל, בין איך צופֿרידן, אויב איך קאָן אויסקנעטן פֿון אים עפּעס געפֿור־

דעמטס: וואָס ווייניקער עס בלייבט פונם נישט אויסגענוצטן מאַטעריאַל, אַלץ לייכטער ווערט דער ווייטיק, וואָס עס פאַר־שאַפט אַ צערונענער טרוים".

אייניקע אויסגעפורעמטע ברעקלעך זענען געבליבן פון דרויסן, צוליב טעכנישע סיבות, און איך באַדויער דאָס זייער, ווייל צוליב דער פאַראיינצלטקייט זייערער וועט זיי שוין אויס־קומען אַ לאַנגע צייט צו פאַרבלייבן פון דרויסן פון די טאָוולען פון אַ בוך, — דאָס דאָזיקע בוך איז געווען פאַר זיי די איינ־ציקע מעגלעכקייט צוצוטוליען זיך צו אַ קרובהשער ליטעראַ־רישער חברותא.

* * *

איך ווייס: יעדער אַרטיקל באַזונדער, אפילו אין דער פאָרם פון אַ ברעקל, האָט געדאַרפט פולשטענדיק איבערגע־אַרבעט ווערן.

און ווען כ'פלעג טרוימען אין שאַנכיי וועגן איבערגיסן די דאָזיקע אַרטיקלען פון זייער רוסישער פאָרם אין אַ יידישער, פלעג איך טאַקע מיטטרוימען וועגן זייער פולשטענדיקער איבער־אַרבעטונג.

אָבער די באַדינגונגען פון אַרבעט זענען שווער פאַר אַ יידישן שרייבער נישט נאָר אין שאַנכיי...

אויך דאָ, אין אויסטראַליע, האָב איך נישט די נויטיקע ביבליאָטעקן, נישט די נויטיקע רו (מאַטעריעל און גייסטיק) צו אַרבעטן ווי געהעריק.

איך האָב בלויז טיילווייז אויסגענוצט די מאַטעריאַלן וואָס איך האָב געזאַמלט אין שאַנכיי, כדי אייניקע אַרטיקלען צו דערגאַנצן. דאָס איז אָבער געטון געוואָרן נאָר דאָרט, וואו די מאַטעריאַלן האָבן געקאָנט אויפגענומען ווערן דורך די אַרטיקלען אָן דער נויטווענדיקייט זיי ליטעראַריש איבער־צואַרבעטן.

איך וויל נאָך אויך קורץ אָנדייטן אויף אַן אינטערעסאַנטן

מאָמענט, — ווי אַזוי געוויסע באַדינגונגען לייגן זייער שטעמפּל אויף ליטעראַרישע אַרבעטן.

ווען איך האָב געשריבן וועגן פייערבערגן, האָט זיך ממש געבעטן, איך זאָל באַרירן — און טאַקע ברייט — פייערבערגס לעצטע נביאישע זייטלעך פון „לאָן?״, וואו ער רעדט וועגן דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אַלס טייל פון דער אויפ־לעבונג פון די מזרח־פעלקער.

איך האָב אָבער דעם דאָזיקן מאָמענט געמוזט אויסלאָזן צוליב דעם, ווייל סוף 1942 האָט מען אין פּאַריאַפּאַנישטן שאַנכיי נישט געקאָנט רעדן וועגן פייערבערגס דאָזיקע באַ־גייסטערטע זייטלעך נישט וואַרפנדיק אויף זיי דעם שמוציקן שאָטן פון דער יאַפּאַנישער אימפּעריאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע וועגן דער אויפלעבונג פון מזרח־אַזיע.

און איצט האָט שוין דער אַרטיקל געמוזט בלייבן אָן דעם דאָזיקן וויכטיקן באַשטאַנד־טייל פון פייערבערגס גייס־טיקער ביאָגראַפיע: ערשטנס, וואָלט איך דעם גאַנצן אַרטיקל געוועזן געמוזט ליטעראַריש איבעראַרבעטן, און צווייטנס: נאָך א ו נ ז ע ר לעצטער דערפאַרונג מיט די פעלקער, צי פון מערב, צי פון מזרח, איז עפּעס נישטאָ קיין ענטוזיאַזם פאַר די פּראָ־בלעמען פון פעלקער־דערוואַכונג: די ערשטע זאַך, וואָס פעלקער פאָדערן ביי זייער דערוואַכונג, איז אַ גוטן טרונק בלוט און אַ רעכטע פּאָרציע פלייש (פון די נאָענטסטע שכנים).

טעאָרעטיש, מיטן פאַרשטאַנד, קאָן מען גאָרנישט האָבן קעגן דער דערוואַכונג פון מזרח, אָבער דאָס געפיל צינדט זיך שוין היינט נישט אָן ביים דאָזיקן טרוים, ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק, — ביים לייענען צום ערשטן מאָל די לעצטע זייטלעך פון „לאָן?״, — און ווי מיט פינף יאָר צוריק, ביים איבערלייענען — אפשר צום צענטן מאָל — פייערבערגס דער־מאָנטע זייטלעך.

דאָס געפיל שווייגט, און גראָד דאָס וואַכע געפיל איז דאָך נויטיק אויף צו שרייבן אַזוי, עס זאָל נישט זיין קיין וואָרט־

שענדונג (ווי אַ כּוהן טאָר זיך נישט מטמא זיין מיט טויטע, אַזוי טאָר זיך אַ שרייבער נישט מטמא זיין מיט ווערטער, נישט געבוירענע אין עקסטאַז פון געפיל).

זאָל שוין דאָס אַרטיקל וועגן פייערבערגן (ווי אויך וועגן אַנדערע) אין דאָזיקן בוך בלייבן פראַגמענטאַריש, איידער עפּעס צוצולייגן צו אים פון דרויסן, מיט אַ דרויסנדיקן פייער, ביי אַ קאַלטן געמיט.

דאָס, וואָס איך האָב אין שאַנכיי געמוזט אויסלאָזן צוליב אויסערלעכע סיבות, וועל איך איצט נישט צוגעבן פון זכרון, אָן אַ טיפער אינערלעכער באַדערפעניש.

ווען איך לייען איצט די צווייטע, לעצטע, קאָרעקטור פון דאָזיקן בוך, געשריבן אין שאַנכיי אָפט מיטן לעצטן ביסל לעבנס־פלאַם, פיל איך ווייטיקדיק, ס'אַראַ סך עס פעלט אין אים, הגם איך האָב דאָס געהאַט און כ'האָב עס צו געבן. אָבער דאָס ווייטיקדיקסטע איז נישט אין דעם, וואָס עס בלייבט אויך איצט דרויסן פון בוך צוליב אויסערלעכע באַדינגונגען; דאָס ווייטיקדיקסטע איז אין דעם, וואָס אַ געוויסער טייל פון דעם, וואָס בלייבט דרויסן פון בוך, מוז שוין בלייבן פון דרויסן צוליב אינערלעכע באַדינגונגען.

ביי די גינסטיקסטע אויסערלעכע באַדינגונגען וואָלט איך היינט געמוזט לאָזן נישט פאַרענדיקט געוויסע טיילן פון אַ סך אַרטיקלען אין דאָזיקן בוך, — עס איז נישט נאָר נישטאָ אין זיי, עס איז אויך מער נישטאָ אין מיר.

י. ר.

מעלבורן, דעם 25 אויגוסט, 1947.

אינהאלט

I היימישע געשטאַלטן

ארײַנפיר: די עיקרדיקע אידייאישע שטרעמונגען אין דער
ייִדישער ליטעראַטור 5
אויפן שיידוועג (מ. ז. פייערבערג) 14
דער קאַמף קעגן דער אייגענער נשמה
(מיכה יוסף בערדיטשעווסקי) 35
דער פאַרבלאָנדזשעטער פאָלקסטימלער (ש. אַנ־סקי) . . . 48
דער דיכטער פון „קידוש השם"
(א. ליעסינס אינטים־דיכטערישע פערזענלעכקייט) . 66
דער פאַרצווייפלטער גלויביקער (י. ח. ברענער) 82
אורי ניסן גנעסין (1882 — 1913) 95

II היימישע שאָטנס

ארײַנפיר: די געשיכטע פון די „היימישע שאָטנס" אין
מיניאַטור 111
די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון אַסימילאַציע
(לודוויג לואיסאָנס „די ירושה פון בלוט") 120

די זעלבע סימפּטאָמען פון דער זעלבער קראַנקהייט
(מ. אָ. גערשענזאָן) 140
היינריך היינעס יידישע טראַגעדיע 151
יאַקאָב וואַסערמאַנס דאָן־קיכאָטישער קאַמף 176
געאָרג בראַנדעסעס באַציאונג צום יידנטום 199
סטעפאַן צווייגס שעפערישער און אומשעפערישער וועג . 215
אומבאַגרייפלעך זענען די וועגן פון גייסט (משה העם) . 226
פון ראַכעל לעווין ביז עלזאַ לאַסקער־שילער 242
דער היימישער שאָטן הויבט אָן אַנצונעמען אַ היימישע
געשטאַלט (אַרנאָלד צווייג) 248
ריכאַרד בער האָפמאַן — דער דיכטער פון „יעקבס
חלום" 260
כאַראַלער היסטאָרישער דיאַלאָג (אַנטיפּאָדן) 277
נאָכוואָרט 294

דערשינענע ביכער און בראָשורן
פון זעלבן מחבר:

אין װאַרשע

אויף די װעגן פון דער נייער אייראָפּעאישער ליטעראַטור (באַנד איינס);
אויף די װעגן פון דער נייער אייראָפּעאישער ליטעראַטור (באַנד צװיי);
אויף די װעגן פון דער נייער אייראָפּעאישער ליטעראַטור (באַנד דריי);
צװישן יאָ! און ניין! (קריטיק און עסיי) ערשטער באַנד;
דוד איגנאַטאָװ — דער ראָמאַנטיקער;
פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור — פּראָ און קאָנטראַ;
גוסטאַװ לאַנדויערס טראַגיש לעבן;
די „ליטעראַרישע בלעטער", זייער רעדאַקטאָר און אונזער ליטעראַרישע סביבה;
די יראה און דער טומאה;
לויט דער לעצטער מאָדע;
שלום אַש'ס שטעלונג צו יידיש;
בוך און קולטור.

אין שאַנכײַ

דער מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע;
יידישע שרייבער (רוסיש);
אָפּרו־אָרט (רוסיש).

אין אויסטראַליע

צוריק צום אַלטן סדר־היום?
אחד העם — זיין לערע און זיין פּערזענלעכקייט;
ערשטער שניט נאָכן שטורעם.

ביכער פון זעלבן מחבר,
וואָס זענען גרייט צום דרוק:

פון וואַרשע ביז ווילנע (אַ וואָכעדיקע טראַגעדיע);

צווישן יידן — אין גלות! (2 בענדער);

יידישע שרייבער (באַנד איינס);

יידישע שרייבער (באַנד צוויי);

שלום אַש;

נאָך די פאַרבלוטיקטע שפּורן — פינף יאָר שאַנביי
(לידער אין פּראָזע, טאָג־בוך־נאָטיצן, עסייען וועגן
קולטור־קאַמף און וועגן פּליטימשאַפט);

וועגן דיכטונג;

טראָפּנס גלויבן (אַ באַנד געקליבענע עסייען).

*